STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11388

GESHIKHTE FUN MITLALTER

R. Vipper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָפֿעסאָר ר. וויפּער

געשיכטע פֿון מיטלעלטער

פֿאַר שולן און אַליינבילדונג

איבערגעזעצט
פֿון
מאַקס ווייַנרייך

WOSTOK
פֿאַרלאַג „וואָסטאָק“, ג. מ. ב. ה., דרעזדען
1921

I. דער אָנהייב פֿון מיטלעלטער.

1. די גערמאַנער און די רוימישע אימפּעריע פֿון 100־טן ביזן 600־טן יאָר נ. ק.

§ 1. די געשיכטע פֿון מיטלעלטער. אַלטע קולטור, אָדער *אַנטיקע* קולטור, רופֿן מיר יענעם שטייגער לעבן, וואָס איז געווען בײַ די בבלער, בײַ די עגיפּטער, בײַ די פֿעניקיער, בײַ די גריכן און רוימער. צווישן דעם 400־טן און 600־טן יאָר נאָך קריסטוסן איז די דאָזיגע קולטור צעפֿאַלן געוואָרן און צום גרעסטן טייל פֿאַרשוואונדן געוואָרן אינגאַנצן. אין דערזעלבער צײַט האָבן זיך באַוויזן אין מיטל־ און צפֿון־אייראָפּע אזוינע שבטים, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געווען ווילד און וואָס קיינער האָט וועגן זיי ניט געוואוסט. פֿון זיי קומען אַרויס די פֿראַנצויזן, די ענגלענדער, די דײַטשן, וואָס זײַנען בײַ הײַנטיגן טאָג די שטאַרקסטע און די געלערנטסטע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

די געשיכטע פֿון די דאָזיגע שבטים באַשטייט פֿון צוויי גרויסע תקופֿות. די לעצטע פֿיר יאָרהונדערטער, אָנהייבנדיג פֿון דער צײַט, ווען אַמעריקע איז אויפֿגעדעקט געוואָרן (אַרום 1500 נ. ק.) רופֿט זיך די געשיכטע *פֿון דער נײַער צײַט*. אין אַזאַ מין קורצער שפּאַן צײַט האָבן די פֿעלקער פֿון מיטל־אייראָפּע אָנגעיאָגט די אַלטע קולטור און האָבן נאָך אריבערגעשטיינט די גריכן און רוימער סײַ אין וויסנשאפט, סײַ מיט ערפינדונגען און מיט דער באַקוועמקײַט פֿון לעבן. די פֿריערדיגע 10 יאָרהונדערטער (פֿון 500־טן ביזן 1500־טן יאָר נ. ק.), וואָס טיילן אָפּ די ירידה פֿון דער אַלטער קולטור פֿון דעם נײַעם אופֿבלי, רופֿט מען אָן *מיטלעלטער*. נאָר פֿאַרן גרעסטן טייל אייראָפּעאישע פֿעלקער איז נאָר בעצם דער „מיטלעלטער" זייער *אַלטערטום*, זייער עלטסטע צײַט, וואָרום אין דער אַלטער געשיכטע פֿון די פֿעלקער אַרום מיטלענדישן ים האָבן זיי דאָך קיין שום אײַנטייל ניט גענומען.

§ 2. מיטל־אייראָפּע און אירע פֿעלקער. די לענדער, וואו עס וואוינען די פֿעלקער פֿון דער נייַער צייַט, האָבן א סך נאַטירלעכע מעלות. די גרויסע פּליינען זיינען גוט פֿאַר ערדאַרבעט, פֿאַר גערטנערייַ און פֿאַר פֿיך־האָדעווען. די בערג־פּאַסן זיינען רייַך מיט אַרץ, דערהויפּט מיט אייַזן, שטיינקוילן און זאַלץ. פֿאַראַן ברייטע טייַכן, וואָס זייערע קוואַלן ליגן גאָר נאָהענט איינער בייַ דעם צווייטן, און דאָס מאַכט גרינג די שיפֿערייַ. דער גאַנצער לאַנגער מערב־ברעג, וואָס איז צעשניטן פֿון ים־אויסגוסן, איז אָפֿן צום אָקעאַן צו, און פֿאַר דעם וואַנדערער עפֿנט זיך אויף אַ פֿרייַער אויסגאַנג אין דער גרויסער ברייטער וועלט אַרייַן.

נאָר די אלע מעלות האבן זיך אַנטפּלעקט ערשט יעמאָלט, ווען די באַפֿעלקערונג האָט זיך געמערט און אויפֿגעהויבן זיך דורך שווערער האָרעוואַניע אויף אַ העכערער מדרגה. אין משך פֿון אַ לאַנגער צייַט איז דער גרעסטער טייל פֿון מיטל־אייראָפּע געווען באַדעקט פֿון דער טייַגע[1]. דער קלימאַט איז געווען פֿייַכטער, ווי הייַנט, און אַדאַנק דעם האָבן זיך געהאַלטן גרויסע אָזערעס און זומפּן. די טייַכן, וואָס פֿלייצן הייַנט אין זייערע רואיגע בעטן, האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געשטראָמט מיט א שטורעמדיגן אימפּעט: זיי האָבן זיך געמוזט דורכרייַסן דורכן אור־וואַלד, האָבן זיי זיך צעריסן אויף אָרעמס, מיט שטראָם־שוועלן און וואַסער־פֿאַלן. אָט אין דער האַרטער נאַטור, ביי שאַרפֿע ווינטערדיגע קעלטן און רייַכע האַרבסטיגע רעגנס, האָט געלעבט אַ שיטערע באַפֿעלקערונג. צו אַרבעט זייַנען די מענטשן ניט געווען צוגעוויינט; זיי פֿלעגן זיך מפֿרנס זייַן מיט געיעג, מיט אויפֿקלייַבן ווילדע פּירות אין וואַלד, מיט האָדעווען טשערעדעס חזירים. די שבֿטים זיינען געווען צעשפּרייט און צעזייט אויף א גרויסן שטח, און קיין מלוכות זיינען ביי זיי ניט געווען; ניט געווען ביי זיי קיין שטעט, קיין מסחר, ניט געווען קיין אויפֿגעקליבענע גרויסע רייַכקייַטן.

מיטל־און צפֿון־אייראָפּע זייַנען געווען פֿאַרנומען פֿון עטלעכע גרופּעס פֿעלקער. דעם עקסטן מערב (דאָס הייַנטיגע פֿראַנקרייַך און די בריטישע אינזלען) האָבן פֿאַרנומען די קעלטן. פֿונם טייַך ריין אויף מזרח־צו, אין די געגנטן פֿון הייַנטיגן דייַטשלאַנד און עסטרייַך, און אויך אויפֿן סקאַנדינאַווישן האַלבאינזל, זיינען געזעסן די גערמאַנער. אַן ערך הינטערן ווייַסל האָבן זיך אנגעהויבן די ישובֿים פֿון די ליטווינער און סלאַוון. דער צפֿון־מזרח פֿון אייראָפּע, פֿונם סקאַנדינאַווישן האַלבאינזל ביז די אוראַלער בערג, איז געווען פֿאַרנומען דורך פֿינישע שבֿטים.

[1] אַ זומפּ, געדיכט באַוואָקסן מיט נאָדל־בוימער.

די דרומ'דיגע קעלטן, אָדער גאַליער, זיינען פֿון די אַלע פֿעלקער געווען אַם־מייסטן נאָהענט צו די געבילדעטע לענדער פֿון אַלטערטום. שוין פֿון לאַנג אָן איז דורך גאַליע דורכגעגאַנגען דער האַנדלס־וועג, וואָס האָט פֿאַראייניגט דעם מיטלענדישן ים מיטן צפֿון־ים. אַרום דעם 50־טן יאָר פֿ. ק. האָבן די רוימער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון צעזאַרן פֿאַרנומען גאַליע. די גאַליער זיינען אַריין אין באַשטאַנד פֿון דער רוימישער מְדִינָה און האָבן זיך ראָמאַניזירט, ד"ה זיי האָבן איבערגענומען ביי די רוימער די שפּראַך, די שולן, דעם גאַנצן שטייגער פֿון שטאָטישן לעבן.

§ 3. די גערמאַנער און דער מיליטערישער גרעניץ פֿון דער אימפּעריע.

ביים פֿאַרנעמען גאַליע האָבן די רוימער זיך באַגעגנט מיט די גאַליער. צעזאַר האָט געהאַט אויסצושטיין א קאַמף מיט די גרויסע מחנות סוועבן, וואָס זיינען געקומען צו גיין אונטער אַריאָוויסטוס'עס אָנפֿירונג פֿון יענער זייט ריין און פֿאַרכאַפּט א היפּשע שטיק פֿון גאַליע. לויט ווי צעזאַר באַשרייבט אין זיין ווערק וועגן דער מלחמה מיט די גאַליער, זיינען די גערמאַנער געווען שלעכטע ערדאַרבעטער; זיי פֿאַרנעמען זיך איבערהויפּט מיט האָדעווען פֿיך; שפּייזן שפּייזן זיי זיך מיט פֿלייש, מילך, קעז. איינזיצן אויף איין אָרט זיינען זיי ניט צוגעוויינט. אין מיטן דערינען ניט זיך אַ האַלבער שֵׁבֶט אַ הייב אויף פֿון אָרט און גייט אוועק אויף מלחָמֶה, ד"ה ראַבעווען די שכנים. בְּכְדֵי צו באַוואָרענען זיך פֿון נייע אָנפֿאַלן, איז צעזאַר אַריבער דעם ריין און אַריינגעדרונגען אין דעם לאַנד פֿון די סוועבן. זיין נאָכפֿאָלגער אַווגוסטוס האָט אויך געשיקט לעגיאָנען איבערן ריין אַריבער. נאָר די רוימישע עקספּעדיציעס אין דער טיף פֿונם וואַלדיגן לאַנד אַריין פֿלעגן זיך דאָס רובֿ ניט איינגעבן. אין 9־טן יאָר נ. ק. האָבן די רוימער באַקומען אַ שרעקליכֿע מפּלה: דריי לעגיאָנען זייערע מיטן קאָמאַנדיר וואַרוס זיינען אין טייטאָבורגער וואַלד אינגאַנצן צעשלאָגן און אויסגעקוילעט געוואָרן דורך די גערמאַנער, וואָס אין דער שפּיץ פֿון זיי איז געשטאַנען אַרמיניוס (הערמאַן).

דאַן האָבן די רוימער באַשלאָסן איבערצואַנדערשן זייער פֿאַרטיידיגונגס־פּלאַן. זיי האָבן פֿאַרצאַמט דעם גאַנצן לאַנגן צפֿון־גרעניץ פֿון דער אימפּעריע פּאַזע ברעג פֿון ריין און פֿון דוניי. ביי די טייך־איבערגאַנגען און אין די ערטער, וואו טייכן גיסן זיך צונויף, האָבן זיי אויסגעבויט פֿעסטונגען. וואו עס איז ניט געווען ניט קיין טייך, ניט קיין בערג־שנור, האָבן זיי אויסגעבויט א קינסטליכֿע מחיצה, אַ וואַל און א גראָבן; אויפֿן וואַל זיינען געווען אַוועקגעשטעלט אויף א געוויסן מהלך

וואַן־פֿאָסטנס מיט קלײנע באַפֿעסטיגונגען. מיט זײער וואַל האָבן די רוימער אָפּגעצאַמט דעם דרום־מערבֿדיגן װינקל פֿון גערמאַניע, צװישן דעם מיטלסטן רײן און דעם אויבערשטן דונײַ. אין די פֿעסטונגען און אין די לאַגערם אויפֿן גרעניץ האָבן זײ אַװעקגעזעצט 15 לעגיאָנען, ד״ה מער װי אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער קריגס־קראַפֿט, װאָס די אימפּע־ריע האָט פֿאַרמאָגט. אַרום די ישובים פֿון די רוימישע סאָלדאַטן זײַנען אויסגעװאַקסן שטעטלעך פֿון האַנדלסלײט און בעלי־מלאכות, און בהדרגה זײַנען זײ פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין גרויסע שטעט. אַזױ זײַנען אויפֿ־געקומען: קעלן (דער אַלטער רוימישער נאָמען איז Colonia), שטראַס־בורג, װין (Vindobona), בודאַפּעשט א. אַז. װ.

דער רוימישער װאַל האָט געמאַכט אַ סוף צו די רויבערישע אָנ־פֿאַלן פֿון די גערמאַנער. די שבֿטים, װאָס נעהענטער צום רוימישן גרע־ניץ, האָבן זיך צונויפֿגעפּרעסט ענגער הינטערן רײן, און אַזױ װי זײ האָבן ניט געקאָנט מער װאַנדערן פֿרײַ, האָבן זײ געמוזט אָנהײבן אַקערן די ערד. אָט די גערמאַנער האָט באַשריבן אַרום דעם 100־טן יאָר נ. ק. דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס, װאָס האָט געלעבט אין קיניג טראַיאַנוס׳עס צײַטן. ערדאַרבעט האָט זיך בײַ זײ נאָך אַלץ גערעכנט פֿאַר אַ שפּל׳ע אַרבעט. דער קריגער דער העלד פֿלעגט אין שלום־צײַטן גײן אויף געיעג אָדער ליגן גאַנצענע טעג אויפֿן בערן־פֿעל; אַרבעטן האָט ער געהײסן די פֿרויען און אַלטע לײַט; די ערד פֿלעגט ער אַװעקגעבן צו שקלאַפֿן און האַלבפֿרײַע „צוגעהעריגע“, װאָס פֿלעגן בויען פֿאַר זיך הײַזער; דער באַלעבאָס פֿלעגט נאָר צונעמען בײַ די אַרבעטער אַ חלק פֿון גערעטעניש, דעם צו־װאוקס פֿון פֿיך, די װאָל און די לײַװונט.

טאַציטוס קאָן זיך ניט אָפּלויבן פֿון דעם פּרעכטיגן װאוקס און דער געזונטער שײנקײַט פֿון די גערמאַנער; די רוימער, דוכט זיך אים אויס, זײַנען דעגענעראַטן לגבי די דאָזיגע װילדע. דער גאַנצער גליק פֿון רוים, זאָגט ער, איז דאָס, װאָס די גערמאַנער זײַנען פּאָליטיש צעברעקלט. ניטאָ בײַ זײ קײן מאַכט, װאָס זאָל משפּט׳ן און שטראָפֿן פֿאַר עװלות; נאָר די כּהנים קאָנען אַראָפּברענגען אויפֿן רשע די קללה פֿון דער גאָטהײַט. די כּהנים זײַנען נאָך טרעפֿער אויך: װען דער שבֿט קלײַבט זיך אויף מלחמה, פֿירן זײ אַרויס פֿון הײליגן װעלדל די הײליגע פֿערד, אײַנגעשפּאַנט אין די געטליכע רײַטװאָגנס, און לויטן הירזשען און װאַרפֿן־זיך פֿון די פֿערד זאָגן זײ אָן, צי װעט אָפּגילטן דער קריג. אַלע זאַכן, װאָס זײַנען שײך צום גאַנצן שבֿט, באַשליסט די פֿאַרזאַמלונג פֿון די קריגער.

פֿריער קלייבט זיך אויף דער ראָט פֿון די פֿירער און באַשליסט, וואָס אַרויסצוטראָגן אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער גאַנצער מַחֲנֶה. אויף דער פֿאַרזאַמלונג מעגן אַלע ריידן פֿרײַ, די פֿירער האָבן ניט קיין שום גרעסערע רעכט; פֿאָרזיצער אויף דער פֿאַרזאַמלונג איז דער אויבער־כֹּהֵן פֿונם שֵׁבֶט. זייער צושטימונג געבן די קריגער צו וויסן דורך קלאַפּן מיט די שווערדן.

די פֿירער ווערן אויסגעקליבן אויף א פֿאַרזאַמלונג פֿון אלע פֿרײַע, נאָר זיי מעגן צונויפֿקלײַבן א געפֿאָלגשאַפֿט פֿון באַזונדערס איבער־געגעבענע מענטשן. דער קריגער, וואָס טרעט אַרײַן אין געפֿאָלגשאַפֿט, גיט אַ שבֿועה, אַז ער וועט געטרײַ דינען זײַן האַר. אויף מִלְחָמָה רינגלט די געפֿאָלגשאַפֿט אַרום דעם פֿירער, ווי א גוואַרדיע, רײַטנדיג אויף פֿערד; אין שלום־צײַטן איז די געפֿאָלגשאַפֿט זײַן ערן־סוויטע. אַלץ וואָס די געפֿאָלג־לײַט פֿאַרכאַפּן אויף מלחמה, געהער צום פֿירער; ער ווידער איז מחויב צו שפּײַזן זיי און פֿאַרזאָרגן זיי מיט געווער. אויב דער פֿירער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַנע אויפֿטוען, קומען צו גיין צו אים אין געפֿאָלגשאַפֿט יונגעלייט אַפֿילו פֿון פֿרעמדע שבֿטים. פֿאַר א פֿירער מיט א גרויסער געפֿאָלגשאַפֿט האָט מען מורא, מען שיקט אים פֿאַר מַתָּנות פֿערד, געשפּאַן, געווער, צירונג, געלט.

§ 4. די אָנפֿאַלן פֿון די גערמאַנער אויף דער אימפּעריע.

טאַציטוס האָט באַשריבן די מערבֿ'דיגע גערמאַנער. אַן אנדער מין מענטשן זיינען געווען די מזרח'דיגע גערמאַנער, וואָס האָבן געוואַנדערעוועט אויף די געראַמע פּליינען צווישן באַלטישן און שוואַרצן ים. ווען בײַ די וואַנדער־פֿעלקער פֿלעגט פֿאַרפֿעלן שפּײַז אָדער נערונג פֿאַר די פֿיך, האָבן זיי ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. אין דער צײַט פֿון נע־ונד־זײַן, ווען עטליכע שבטים פֿלעגן זיך צונויפֿנעמען אינאיינעם, פֿלעגט זיך פֿאַרשטאַרקן די שליטה פֿון די קריגס־אָנפֿירער. די קריגער פֿלעגן אויסרופֿן אַ קאָנונג (קיניג), ס'רובֿ פֿון אַ יחוס'דיגער משפּחה, וואָס האָט זיך געהאַט קונֶה־שֵׁם געווען מיט איר גבורה. אַזאַ קיניג פֿלעגט האַלטן די ממשלה זיין גאַנצן לעבן און אַמאָל אַפֿילו איבערגעבן זי בירושה צו זײַן זון.

דאָס רובֿ פֿלעגן זיך די מִזְרַח־גערמאַנער אַ לאָז טון צו די ברייטע פּליינען פֿון דונײַ און אַרײַנרײַסן זיך פֿון צפֿון־מזרח־זײַט אין דער רוימישער אימפּעריע. דעם ערשטן מאָל האט זיך דאָס געטראָפֿן אין 160־טן יאָר נ. ק. גרויסע האָרדעס מאַרקאָמאַנער האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער באַפֿעסטיגטער ליניע, אַוועקגעפֿירט א סך געפֿאַנגענע פֿון די רוימישע פּראָווינצן וואָס בײַם דונײַ און אַפֿילו באַוויזן אַרײַנצודרינגען, איבער די

אַלפּן אַריבער, אין צפֿון־איטאַליע. דער רוימישער קיסר מאַרקוס אַורעליוס האָט כמעט די גאַנצע צוואַנציג יאָר, וואָס ער האָט געקיניגט, פֿאַרבראַכט אויפֿן צפֿון־גרעניץ, וואו ער האָט געפֿירט דעם קאַמף מיט די באַרבאַרן; דאָרט אויפֿן צפֿון, אין ווין, איז ער געשטאָרבן.

אין מיטן פֿון 3־טן י"ה איז דער אָנפֿאַל פֿון די גערמאַנער געוואָרן נאָך שטאַרקער. גרויסע מַחנות פֿון דעם שבט גאָטער זײַנען אַריבער דעם דונײַ, צעראַבירט גאַנץ גריכנלאַנד ביז אַטען, פֿאַרכאַפּט אין ביזאַנץ האַנדעלסשיפֿן און אַריבער אין קליין־אַזיע; אַנדערע האָבן אַפֿילו דער־גרייכט אויף זייערע שיפֿלעך ביז דער לעפֿצונג פֿון נילוס. אין דער־זעלבער צײַט האָט דער מַערבֿ־גערמאַנישער שֵׁבֶט פֿון די אַלעמאַנער אַריבערגעשפּרײַזט דעם רוימישן וואַל בײַם ריין; פֿון צפֿון־בריטאַניע האָבן זיך אַ לאָז געגעבן די בערג־שבָטים פֿון שאָטלאַנד; און דאָ האָט נאָך רוים געהאַט אויסצושטיין אַ שווערע מִלחָמָה מיט דער גרויסער פּערסישער מְדינָה. קעגן אַזוי פֿיל שונאים האָט שוין בײַ דער רוימישער אימפּעריע נימו געקלעקט קיין זעלנער. יעדער געגנד, שיר ניט איטליכע שטאָט, האָבן זיך געמוזט פֿאַרטיידיגן מיט זייערע אייגענע כּוחות. קיינער האָט זיך ניט גערעכנט מער אויף הילף פֿון רוים; מען האָט אויפֿגעהערט פֿאָלגן דעם קיסר, די פֿלאַצהאַלטער פֿון די פּראָווינצן האָבן זיך פּראָקלאַמירט פֿאַר זעלבשטענדיגע הערשער.

§ 5. די אימפּעריע ווערט צוריק אויפֿגעשטעלט. מיט דער אימפּעריע האָט געהאַלטן זעער, זעער שלעכט. נאָר אַרום 270־טן יאָר ג. ק. האָט זיך דאָס מזל אַ קער געטון. די ישועה איז געקומען פֿון די קיסרים, וואָס האָבן פֿריער באַלאַנגט צו די אָפֿיצירן פֿון דער דונײַ־אַרמיי; געשטאַמט האָבן זיי פֿון איליריע, אַ געגנט אויפֿן באַלקאַן. דער קיסר קלאַוודיוס, מיטן צונאָמען דער גאָטישער, האָט אין אַ גרויסער שלאַכט מנצח געווען די גאָטער און אָפּגעטריבן זיי צוריק ביז איבערן דונײַ. אַן אַנדער אילירייער, דער קיסר דיאָקלעציאַנוס (284—305) האָט איבערגעבויט דעם גאַנצן סֵדֶר פֿון דער מְדינָה אויף נײַע יסודות. ער האָט פֿאַרגרעסערט כּמעט אין פֿירן די מיליטערישע כּוחות, אַזוי אַז רוים האָט איצט געהאַט ביז אַ מיליאָן סאָלדאַטן. בכדי אין יעדער געגנט זאָל זיך געפֿינען אַ פֿולמעכטיגער אָנפֿירער, האָט דיאָקלעציאַנוס צעטיילט די עצם מאַכט פֿונם קיסר. ער האָט באַשטימט דרײַ מיטהערשער, און אַלע פֿיר „אימפּעראַטאָרן‘ זײַנען אַוועק פֿון דער הויפּטשטאָט. זיי האָבן זיך באַזעצט בײַ די גרעניצן, כּדי צו פֿירן די קריגס־אָפּעראַציעס. צוויי מערבֿדיגע אימפּעראַטאָרן זײַנען

געזעסן אין מילאַן (לעבן די אַלפּן) און אין טריר (ביים ריין), און די צוויי מזרח'דיגע — אין ניקאָמעדיע (קליין־אַזיע) און ביים אונטערשטן דונײַ, לעבן הײַנטיגן בעלגראַד.

אין משך פון גאַנצן 4־טן י"ה האָבן די רוימישע אימפּעראַטאָרן געפירט די מלוכה אויף דיאָקלעציאַנוסעס שטייגער. זיי זײַנען אַלע געווען אילירישע לייט זייער אָפּשטאַמונג. צווישן זיי זײַנען געווען צוויי, וואָס האָבן אײַנגעפונדעוועט די קריסטליכע אֶמונה: קאָנסטאַנטינוס (311—337) און טעאָדאָסיוס (379—395). אין יעדער פּראָווינץ פון דער אימפּעריע זײַנען געווען אַוועקגעזעצט צוויי פלאַצהאַלטער — אַ מיליטערישער און אַ ציווילער. דעם ערשטנס עובדא איז געווען — צונויפנעמען און פאַרזאָרגן די צאָל זעלנער, וואָס עס האָט געקומט פון דער פּראָווינץ; דער צווייטער האָט גערדאַרפט צעטיילן צווישן שטעט און דערפער דעם צינז אין געלט און פּראָדוקטן, וואָס די פּראָווינץ האָט גערדאַרפט געבן אויף אויפצוהאַלטן דעם גוואַלדיגן חיל. אַרום די פלאַצהאַלטער איז געווען אַ גרויסער שטאַט באַאַמטע, וואָרום מען האָט דאָך גערדאַרפט צונעמען און איבערציילן די געלט און סחורה (ברויט, כלי־זיין, קליידער), וואָס פלעגט אַרײַנקומען אין דער מדינה־קאַסע; אַחוץ דעם האָבן נאָך די אימפּעראַטאָרן געהאַט אין זייער רשות אַ היפּשע צאָל שרײַבערס, וואָס פלעגן פון צײַט צו צײַט מאַכן אומגעריכטע רעוויזיעס אין די פּראָווינצן.

אויפהאַלטן די גרויסע מאַסן באַאַמטע בײַ די קייזערליכע הויפן און בײַ דער פאַרוואַלטונג פון די פּראָווינצן האָט אָפּגעקאָסט מאוים'דיגע סומעס געלט, און דעריבער איז אויסגעקומען צו פאַרגרעסערן אָן אַ שיעור די שטײַערן. בכדי בעסער אײַנצומאָנען דעם צינז, האָט מען אײַנגעשטעלט, אַז דער כלל איז עָרבֿ פאַרן פּרט: אויב איינער אַ צאָלער טראָגט ניט אַרײַן דאָס וואָס עס קומט פון אים, דאַרפן אַלע זײַנע שכנים זיך צונויפלייגן און דעקן דעם חובֿ. די באַזיצער ווידער פלעגן אַרויפוואַרפן די מַשׂא פונם צינז אויף די קאָלאָנען (פויערים), וואָס האָבן געאַרבעט אויף זייער ערד און געצאָלט פאַרן ניצן. די רעגירונג האָט געפאָדערט אַחוץ דעם, אַז די באַזיצער זאָלן שטעלן פון זייערע פויערים אַ געוויסע צאָל זעלנער. עס איז געווען אַ סכנה, אַז די פויערים וועלן נעמען אַנטלויפן פון אַזאַ שווערער משא, און דאַן וועט דער באַזיצער ניט האָבן קיין אַרבעטער, און דער אימפּעראַטאָר — ניט קיין זעלנער און ניט קיין געלט; דעריבער האָט קיסר קאָנסטאַנטינוס גוזר געווען, אַז די קאָלאָנען ווערן צוגעשמידט צו דער ערד, ד"ה זיי האָבן קיין רעכט ניט צו ווערן אויס פויערים. אויך האָט קאָנסטאַנטינוס באַשטימט אַ האַרבע

שטראָף פאַר אַוועקגיין פון היימישן דאָרף און פאַר אָפּזאָגן זיך צו אַרבעטן פאַרן פּריץ.

אויף 100 יאָר האָט די אימפּעריע זיך באַוואָרנט פון די באַרבאַרן. אָבער די באַפעלקערונג האָט געמוזט צוליב דעם ברענגען צו שווערע קרבנות, און די איינוואוינער האָבן זיך ארויסגעשלאָגן פון די כוחות. פון די היימישע איינוואוינער האָט מען סיי־ווי־סיי ניט געקאָנט אָנקלייבן קיין גענוגע צאָל זעלנער; פלעגט אויסקומען צו דינגען גערמאַנישע שבטים און מיט זייער הילף זיך שלאָגן קעגן אַנדערע גערמאַנער. אין 4־טן יאָר־הונדערט איז די אַרמיי באַשטאַנען דאָס רובֿ פון פרעמדע. די פויערים זײַנען געווען אויסגעמאַטערט פון די שווערע שטײַערן און אַרבעט; פלעגן זיי אָפטמאָל פאַרלאָזן זייער היים און אַוועקגיין אין די וועלדער; די צאָל רויבער־באַנדעס איז כּסדר געוואַקסן. אַ סך רײַכע לײַט, וואָס האָבן ניט פאַרגונען זייער פאַרמעגן דער מלוכה, האָבן אָפּגעשריבן אלצדינג פאַר דער קירך. זייער אייגנס פלעגט אַריבערגיין אין רשות פון די ביסקופן; זיי אליין פלעגן זיך פאַרשרײַבן פאַר קלעריקער (קלויסטער־מענטשן) און פלעגן באַקומען אַ טייל פון דער הכנסה ביזן סאַמע טויט. אַ סך מענטשן האָבן איינגאַנצן ניט געוואָלט מער אַרבעטן, וואָרום די מלוכה נעמט דאָך סײַ־ווי־סײַ צו דעם גרעסטן טייל פון דער הַכְנָסָה, און פלעגן ווערן מ אָ נ אַ כ ן.

וואָס מער די אימפּעריע האָט זיך געראַנגלט מיט די באַרבאַרן, אַלץ אָרימער איז זי געוואָרן אין מענטשן און אין פאַרמעג. אין דערזעלבער צײַט איז די באַרבאַרישע וועלט געשטאַנען ערב א גרויסער איבערקערעניש.

§ 6. דער אָנהייב פון דער גרויסער וואַנדערונג. דער גרעסטער פון אַלע מזרח־גערמאַנישע שבטים, די גאָטער, זײַנען אין 4־טן י"ה געזעסן אין די סטעפּעס וואָס ביים שוואַרצן ים. די גאָטער האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום פון די אַ ר י אַ נ י ש ע פּריידיגער, וואָס זײַנען געקומען צו גיין צו זיי פון דער רוימישער אימפּעריע; דער גאָטישער ביסקופּ וואולפילאַ האָט איבערגעזעצט די ביבל אין דער גאָטישער שפּראַך.

באַלד זײַנען געקומען די ה ו נ ע ן, אַ ווילד נאָמאַדן־פאָלק, וואָס האָט געשטאַמט פון אַזיע, און אָנגעפאַלן אויף די גאָטער. די גאָטער האָבן זיך צעטיילט: די אָסטגאָטער (מזרח'דיגע) האָבן געמוזט מיטגיין מיט די הונען און דינען זיי; די וו ע ס ט ג אָ ט ע ר (מערבֿ'דיגע) האָבן זיך אָפּגערוקט פון די הונען און זײַנען צוגעגאַנגען צום דונײַ, פאָדערנדיג, מען זאָל זיי געבן ערד אין דער אימפּעריע. דער קיסר האָט מסכּים געווען, אַז די גאָטער זאָלן זיך באַזעצן אין דעם געגנד פון דער הײַנטיגער בולגאַריע,

אָבער בתנאי, אַז זיי זאָלן אַוועקגעבן די געווער; דערפֿאַר וועלן די רוימער אויף דער ערשטער צײַט פֿאַרזאָרגן זיי מיט ברויט. די רוימישע באַאַמטע האָבן זיך געלאָזט אונטערקויפֿן; זיי האָבן איבערגעלאָזן ביי די גאָטער זייערע כלי־זיין; אָבער דערפֿאַר האָבן זיי אָפּגענאַרט מיט די ברויט. די גאָטער זײַנען ממש אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. זיי האָבן גענומען פֿאַרקויפֿן אין שקלאַפֿעריי זייערע פֿרויען און טעכטער, און סוף־כל־סוף האָבן זיי אָנגעהויבן אומברחמנותדיג רויבירן אַלצדינג, ניט איבערלאָזנדיג קיין זאַך, „אַחוץ הימל און ערד". דער קיסר וואַלענטוס, וואָס איז אַרויס אַנטקעגן זיי, האָט באַקומען אַ מפּלה בײַ אַדריאַנאָפּאָל און איז געפֿאַלן. די גאָטער זײַנען צוגעגאַנגען ביז סאַמע קאָנסטאַנטינאָפּאָל (אין 378 י.).

דער מערב־קיסר גראַציאַנוס האָט צוגעשיקט דעם קאָמאַנדיר טעאָדאָ־סיוס'ן מיט אַ חיל, באַשטימענדיג אים גלײַכצײַטיג פֿאַרן קיסר פֿון מזרח. טעאָדאָסיוס האָט מנצח געווען די גאָטער, נאָר אין דער עיקר־זאַך האָט ער זיי נאָכגעגעבן: ער האָט זיי צוגענומען צו זיך אין דינסט פֿאַר פֿ ע ד ע־ר אַ ט ן (פֿאַרבינדעטע), און אָנשטאָט לוין האָט מען זיי אַוועקגעגעבן נחלאות ערד גלײַך מיט די „צוגעהעריגע" פּויערים. טעאָדאָסיוס איז נאָר אַ קורצע צײַט געווען קיסר פֿון דער גאַנצער אימפּעריע: אין 395־טן יאָר האָט ער צעטיילט מזרח און מערב צווישן זײַנע צוויי זין.

דער מזרח'דיגער קיסר האָט זעער שטאַרק געוואָלט פּטור ווערן פֿון זיינע אומרואיגע שכנים, די וועסטגאָטער. ווען זיי האָבן געמאַכט קיניגן ביי זיך דעם יונגן אַלאַריכן, אַ רוימישן אָפֿיציר, איז געקומען פֿון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל אַ באַפֿעל, אַז זיי זאָלן זיך אַוועקלאָזן קיין איטאַליע. דער אייבערקאָמאַנדיר פֿונם חיל אין דער מערב'דיגער אימפּעריע איז געווען סטיליכאָן, אויך אַ גערמאַנער, וואָס האָט געדינט בײַ די רוימער. סטיליכאָן האָט גענומען קלערן, ווי אַזוי אָפּצוּוואַרפֿן אַלאַריכס אָנגרײַף; און ער האָט קיין אַנדער עצה ניט געפֿונען, ווי אָפּצוציען די גאַנצע רוימישע ארמיי פֿון בריטאַניע און לאָזן די דאָזיגע פּראָווינץ אויף גאָטס באַראָט. די פֿאַר־טיידיגונג קעגן אַלאַריכן וואָלט געגאַנגען גוט; נאָר לויט דער עצה פֿון סטיליכאָנס שונאים האָט דער קיסר געהייסן טייטן דעם אייבערקאָמאַנדיר. אַלאַריך איז צוגעגאַנגען צו רוים, געפֿאָדערט אַ סך אויסלייזגעלט און דערנאָך געלאָזן די זעלנער טון מיט דער „אייביגער שטאָט", וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. רוים איז אינגאַנצן צעראַבירט געוואָרן (410). דאָ איז אַלאַריך פּלוצלונג אַוועקגעשטאָרבן. די גאָטער האָבן זיך אויסגעקליבן אַ נייעם קיניג און זײַנען אַוועק פֿון איטאַליע אין דרום־מערב־גאַליע; שפּעטער זײַנען זיי אַריבער איבער די פּירענעאישע בערג און פֿאַרנומען

שפּאַניע אויך. דער מערבֿ־קיסר האָט זיי בלית־ברירה אָנערקענט פֿאַר זײַנע פֿאַרבינדעטע, אַוועקגעגעבן זיי גרויסע שטיקער ערד, און זיי האָבן זיך דערפֿאַר מתחייב געווען צו שלאָגן זיך מיט די איבעריגע גערמאַנער, וואָס האָבן זיך אין דער צײַט אַרײַנגעריסן אין גאַליע און שפּאַניע.

פֿון די מזרח־דײַטשע שבֿטים האָבן זיך די ו אַ נ ד אַ ל ן אַרײַנגערוקט ווײַטער פֿאַר אַלעמען. פֿון די ברעגעס פֿון דער עלבע האָבן זיי אַריבער־געוואַנדערט צום דונײַ, דערנאָך איבערן ריין אין גאַליע און שפּאַניע אַרײַן, און פֿון דאָרט האָבן זיי זיך אפֿילו אריבערגעכאַפּט אין צפֿון־אַפֿריקע. דאָ, לעבן דער אַמאָליגער קאַרטאַגאָ, האָבן זיי זיך ענדגילטיג באַזעצט. איטאַליע פֿלעגט שוין פֿון לאַנג אָן באַקומען פֿון צפֿון־אַפֿריקע גאָר די תבואה, וואָס זי האָט באַדאַרפֿט. איצטער האָבן די וואַנדאַלן איבערגעריסן די ברויט־טראַנספּאָרטן איבערן ים; זייער פֿירער גייזעריך האָט זיך אײַנגעשאַפֿט אַ גרויסן פֿלאָט, פֿאַרכאַפּט סיציליע און האָט ניט איינמאָל אכזריות'דיג ראַבירט די ברעגעס פֿון איטאַליע.

די מאַכט פֿונם מערבֿ־קיסר איז געוואָרן אַלץ קלענער. און 430־טן יאָר האָט ער שוין געהאַט אַ דעה נאָר אין איטאַליע און אַ טייל גאַליע. און דער חיל, וואָס איז געשטאַנען דאָרטן, איז אויך געווען צונויפֿגעשטעלט דאָס רוב פֿון גערמאַנער. די אימפּעריע האָט געהאַלטן אין חרובֿ ווערן; און צוגעגאַנגען איז דאָס זעער גיך. די באַפֿעלקערונג פֿון די פּראָווינצן האָט ניט ארויסגעוויזן אַנטקעגן די גערמאַנער קיין שום ווידערשטאַנד. די קאָלאָנען פֿלעגן אָן שום טענות אַריבערגיין צו די נײַע באַלעבאַטים. די שטאָטלייט און די ערדבאַזיצער האָבן אויך מיט חשק צוגענומען די דײַטשע קאָנונגען, וואָרום ווי נאָר זיי פֿלעגן קומען צו גיין, פֿלעגט בטל ווערן די רוימישע באַאַמטנשאַפֿט, און די איינוואוינער פֿלעגן פּטור ווערן פֿון די שווערע מלוכה־שטייערן.

§ 7. דער סוף פֿון דער מערבֿ'דיגער אימפּעריע. אין מיטן פֿון 5־טן י"ה האָבן זיך באַוויזן אין מיטל־אייראָפּע די שרעקליכע נאָמאַדן, די ה ו נ ע ן, וואָס האָבן מיט זייער אָנפֿאַל געמאַכט וואַנדערן אַלע מזרח־גערמאַנישע שבֿטים. זייער הויפּט־לאַגער איז געווען אין הײַנטיגן אונגאַרן, אויפֿן פליין פֿון מיטלסטן דונײַ, און דאָרט האָבן זיי אויפֿגעקליבן די גרויסע רײַכקײַטן, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט אויף זייערע מלחמות. פֿון דאַנען האָט דער הונען־פֿירער אַ ט י ל אַ, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן „גאָטס בײַטש‟, זיך אַ לאָז געטון מיט אַ גרויסער מחנה אויף מערבֿ. ער איז אַוועק אַרויף־וואַסער פּאַזע דונײַ, אַריבער דעם ריין און

אַרײַנגעריסן זיך אין גאַליע. אַנטקעגן אים איז אַרוים אַעציוס, אַ באַרבאַר אין רוימישן דינסט, מיט אַ גרויסן חיל פֿון פֿאַרבינדעטע וועסטגאָטער און פֿ ר אַ נ ק ן (די פֿראַנקן זײַנען געזעסן בײַם אונטערשטן ריין). אויף אַטילאַס צד זיינען געווען די אָסטגאָטער, וועלכע ער האָט געהאַט באַזיגט און געמאַכט אונטערטעניג צו זיך. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך גערמאַנער געשלאָגן סיי פֿאַר, סיי קעגן רוים, און פֿון זיי איז געווען אָפּהענגיג רוימס מזל. אַטילאַ איז צעשלאָגן געוואָרן (אין 451־טן י.) און איז אוועק אויף יענער זײַט דונײַ. נאָך דער קיסר וואַלענטיניאַנוס, אַ נישטיגער מענטש, דער לעצטער פֿון טעאָדאָסיוסעס שטאַם, האָט געהייסן טייטן אַעציוסן. איצטער איז שוין ניט געווען ווער עס זאָל פֿאַרהאַלטן אַטילאַן, און ער איז אַרײַנגעדרונגען אין איטאַליע. כדי צו ראַטעווען רוים פֿון אַן אויסרויבונג האָט מען אַוועקגעשיקט צו אַטילאַן דעם רוימישן פּ ו י פּ ס ט (ביסקופּ) לעאָן דעם ערשטן מיט תחנונים און מיט רייכע געשאַנקען. אַטילאַ איז אוועק פֿון איטאַליע, נאָך אין דרײַ יאָר אַרום איז גייזעריך אָנגעפֿאַלן אויף רוים פֿון דער ים־זײַט און פֿאַרברענט די „אייביגע שטאָט“.

די אמת'ע באַלעבאַטים אין איטאַליע זײַנען געווען די הויפּטלייט פֿון די גערמאַנישע זעלנער־מחנות. זיי האָבן אַוועקגעזעצט און אַראָפּגעוואָרפֿן קיסרים. די גערמאַנער זײַנען געקומען צום שׂכל, אַז נאָך אויף זיי שטייט די אימפּעריע, האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג, אַז מען זאָל זיי אַוועקגעבן אַ דריטל ערד אין איטאַליע, פּונקט ווי דאָס איז שוין פֿריער געטון געוואָרן אין די פּראָווינצן. איינער אַ גערמאַנישער הויפּטמאַן, אָדאָ־אַקער, האָט אַליין צעטיילט ערד צווישן זײַנע מענטשן, צוגענומען דעם קיסר־טיטול בײַם ווינציגינקן ראָמולוס־אַווגוסטולוס (ד"ה קליינער אַווגוס־טוס), און האָט זיך אַליין, ווי אַ גערמאַנישער קיניג, געזעצט הערשן אין ראַווענע, בײַם אַדריאַטישן ים (אין 476־טן יאָר). מיט צען יאָר שפּעטער האָט כלאָדוויג, דער אָנפֿירער פֿון די ס אַ ל י ש ע פֿ ר אַ נ ק ן, פֿאַרכאַפּט די רעשט פֿון דער רוימישער פּראָווינץ גאַליע.

די דאָזיגע געשעהעענישן האָט מען שפּעטער אַ נאָמען געגעבן ד ע ר א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג פֿ ו ן ד ע ר מ ע ר ב ־ ר ו י מ י ש ע ר א י מ פּ ע ר י ע. נאָר די מענטשן פֿון יענער צײַט האָבן דאָ אַפֿילו ניט באַמערקט קיין שום אויסטערלישע זאַך. די גערמאַנער האָבן שוין אין משך פֿון אַ הונדערט יאָר געדינט דער אימפּעריע, פֿאַרפֿולט איר ארמיי און באַקומען ערד פֿאַר אַ לוין; זייערע קאָנוגגען פֿלעגן באַשטימט ווערן פֿאַר קאָנסולן, פֿאַר פּאַטריציער, פֿאַר רוימישע פֿלאַצהאַלטער. קיינעם איז אַפֿילו דער געדאַנק אין קאָפּ ניט אַרײַנגעפֿאַלן, אַז די אימפּעריע קאָן אויפֿהערן עקזיסטירן;

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז דאָך געבליבן אַ קיסר, ווי פריער. דער מזרח־קיסר האָט זיך איצט גערעכנט פאַר אַ באַהערשער פון דער גאַנצער רוימישער אימפעריע; מערניט ער איז געווען צו שוואַך גובר צו זיין די גערמאַנער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם מערב פון דער מדינה.

§ 8. די גערמאַניש־רוימישע מדינות. אַזוי ווי די גערמאַנער האָבן זיך געקריגט צווישן זיך גופא, האָט די רוימישע רעגירונג געפּרובט אַרויסשטעלן זיי איינע אנטקעגן די אַנדערע.

אויפן באַלקאַנישן האַלבאינזל האָבן די אָסטגאָטער, וואָס זיינען פריי געוואָרן נאָך אַטילאַס טויט, פאַרנומען דעם אָרט פון די וועסטגאָטער. די אָסטגאָטער האָבן אָנגעמאַכט דער מזרח־אימפעריע פונקט אַזוי פיל צרות, ווי די וועסטגאָטער מיט הונדערט יאָר פריער. קיסר זענאָן, וואָס האָט געוואָלט פון זיי פּטור ווערן, איז געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: ער האָט פאָרגעלייגט דעם אָסטגאָטישן אָנפירער טעאָדאָריכן, אַז ער זאָל, ווי אַ רוימישער פלאַצהאַלטער, גיין אויף איטאַליע און צונעמען דאָס לאַנד ביי אָדאָאַקערן. טעאָדאָריך איז מרוצה געוואָרן, און דער גאַנצער שבט אָסטגאָטער, מיט קינד און קייט און האָב־און־גוטס, האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף וואָגנס פאַזע אַדריאַטישן ים, אויפן וועג, וואָס איז שוין אַזוי גוט באַקאַנט געווען די גערמאַנער. אָדאָאַקער האָט באַקומען פון טעאָדאָריכן אַ מפּלה, ער איז געפאַלן פון אַ מערדערס האַנט, און זיינע גערמאַנער האָט טעאָדאָריך צוגענומען צו זיך אין דינסט, צוזאָגנדיג זיי, אַז די ערד וועט בלייבן ביי זיי. די אָסטגאָטער ווידער האָבן באַקומען אַ דריט־חלק פון דער ערד פון די רוימישע פּריצים.

טעאָדאָריך (געשטאָרבן אין 526־טן יאָר) האָט רעגירט אין איטאַליע כלומרשט ווי אַ פלאַצהאַלטער פון דער אימפעריע, נאָר באמת איז ער געווען פולקום אומאָפּהענגיג פונ'ם מזרח־קיסר. ער האָט זיך געפליסט צו פאַרפעסטיגן זיין שטעלונג דורך שידוכים מיט יחוס'דיגע משפחות; ער האָט זיך מתחתן געווען מיט אַנדערע גערמאַנישע קיניגן, מיטן וועסטגאָטישן, וואַנדאַלישן און פראַנקישן. אין דער פאַרוואַלטונג פון איטאַליע האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן. טעאָדאָריך פלעגט זיך ווענדן צום רוימישן סענאַט מיט טיף־דרך־ארצ'דיגע בריוו. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט געלערנטע רוימישע יועצים, ער פלעגט אויסהערן געהויבענע דרשות און גראַמען פון הויפישע רעדנער. ער אַליין האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָר קיין בקי אין לייענען און שרייבן איז ער ניט געווען: ווען ער פלעגט זיך דאַרפן אונטערשרייבן, פלעגט מען אים דערלאַנגען אַ

שאַבלאָן מיט אויסגעשניטענע אותיות, און ער פֿלעגט אַ שמיר טון מיט אַ שוואַרצן פּענזל איבערן טאָוועלע. אַלע פּאָסטנס אין דער פֿאַרוואַלטונג זיינען געווען פֿאַרנומען דורך רוימער; נאָר דינען אין מיליטער האָבן זיי ניט געטאָרט. פֿאַרקערט, די אָסטגאָטער האָבן איינע אַליין געטון דעם מיליטער־דינסט; נאָר פֿאַרנעמען פּאָסטנס פֿון באַאַמטע האָבן זיי ניט גע־האַט קיין רעכט. נאָך אַ וויכטיגער חילוק איז געווען צווישן גערמאַנער און רוימער: די ערשטע זײַנען געווען אַריאַנער און געהאַט זייער אייגענע גײַסטליכקייט, די אַנדערע זיינען געווען קאַטויליקן און האָבן געפֿאָלגט דעם רוימישן בישוף.

אויף דעם זעלביגן שטייגער, ווי די אָסטגאָטישע מלוכה, זײַנען אויך געווען אײַנגעאָרדנט די מדינות פֿון די וועסטגאָטער און די וואַנדאַלן. אַן אַנדער פּנים האָט געהאַט דאָס פֿ ר ע נ ק י ש ע קיניגרייך. נאָך זיין נצחון איבערן רוימישן פּלאַצהאַלטער האָט כלאָדוויג אָנגענומען דאָס קריסטענטום, אָבער ניט לויטן אַריאַנישן נוסח, ווי אַלע אַנדערע גערמאַנער ביז אים, נאָר לויטן קאַטוילישן נוסח. שטיצנדיג זיך אויפֿן מיטגעפֿיל פֿון דער גײַסט־ליכקײַט, האָט כלאָדוויג אַרויסגעטריבן פֿון דער דרום־מערבֿדיגער גאַליע די אַריאַנישע וועסטגאָטער; זיינע זין האָבן איינגענומען די דרום־מזרחדיגע גאַליע, וואו עס איז געזעסן דער שבֿט ב ו ר ג ו נ ד ע ר. די פֿראַנקן האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד אויף אַן אַנדער שטייגער, ווי די גאָטער און וואַנ־דאַלן. אַ טייל איז געבליבן וואוינען אין דער אַלטער היים, בײַם ריין און זיינע בײַטײַכן; די סאַלישע פֿראַנקן ווידער, וואס זײַנען געקומען צו גיין אין גאַליע צוזאַמען מיט כלאָדוויגן, האָבן זיך באַזעצט אין געדיכטע מאַסן אין גאַנץ צפֿון־גאַליע, פֿון די לינקע בײַטײַכן פֿון ריין ביז דער סענע און לואַרע.

פֿון אַלע גערמאַניש־רוימישע מדינות האָט זיך אויפֿגעהיט נאָר די פֿרענקישע. די אָסטגאָטישע און וואַנדאַלישע מלוכות זײַנען אין 6־טן י"ה אײַנגענומען געוואָרן דורכן מזרח־קיסר, און די וועסטגאָטער זײַנען אין אָנהייב 8־טן י"ה באַזיגט געוואָרן דורך די מוסולמענער.

§ 9. די אימפּעריע ווערט נאָך אַ מאָל אויפֿגעשטעלט דורך יוסטיניאַנוסן. אין אָנהייב איז יוסטיניאַנוסעס (527—565) לאַגע געווען זייער ניט פֿעסט אַפֿילו אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל גופֿא, ווײַל ער איז געווען אָפּהענגיג פֿון די גרויסע צירק־פּאַרטייען, די גרינע און די בלויע. די גרינע זײַנען געווען מאָנאָפֿיזיטן (ד"ה זיי האָבן געלייקנט קריסטוסעס מענטשליכע נאַטור), און די בלויע האָבן געהאַלטן, ווי די

קריסטליכע קירך האַלט נאָך ביז הײַנטיגן טאָג, אַז קריסטוס האָט געהאַט אַ טאָפּעלע נאַטור: אַ מענטשליכע און אַ געטליכע. יוסטיניאַנוס האָט געהאַלטן פֿאַר די בלויע און געדריקט די גרינע; האָבן די גרינע מורד געווען אין אים, אויסגערופֿען אַן אַנדער קיסר און געמעלדעט אַ נצחון („ניקע”). יוסטיניאַנוס האָט זיך שוין געוואָלט זעצן אויף אַ שיף און אַנטלויפֿן, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט אים געראַטעוועט וועליזאַריוס, זײַן זעלנער־הויפּטמאַן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פֿון א מלחמה אין פּערסיע. וועליזאַריוס האָט אַרײַנגעטריבן די גרינע צוזאַמען מיט זייער קיסר אין צירק, און דאָרט האָבן די זעלנער גענומען שעכטן. מען האָט אויסגעקוילעט ביז 30.000 מאַן.

אָפּגעפֿאַרטיגט זיך מיטן אויפֿשטאַנד, האָט יוסטיניאַנוס גענומען זיך צו אויסוועניגסטע אונטערנעמונגען. פֿריער האָט ער אַוועקגעשיקט וועליזאַריוסן אײַננעמען אַפֿריקע. די וואַנדאַלן האָבן ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד; זייער צאָל איז געווען קליין, זיי זײַנען שוואַך געוואָרן פֿונם ליגדן קלימאַט און פֿונם לוקסוס. דערנאָך איז וועליזאַריוס אַריבער דורך סיציליע קיין איטאַליע. די אָסטגאָטער האָט ניט געהאָלפֿן זײַער גבורה; אין עטליכע שלאַכטן זײַנען זיי צעקלאַפּט געוואָרן. מיט דער הילף פֿון די פֿראַנקן, וואָס זײַנען עטליכע מאָל געקומען צו גיין פֿון יענער זײַט אַלפּן, האָט יוסטיניאַנוסעס חיל כמעט ווי אינגאַנצן אויסגעראָטן דעם שבֿט פֿון די אָסטגאָטער (אין 555־טן י.). דער קיסר איז ווידער אַ מאָל געווען דער בעל־דעה אויפֿן גאַנצן מיטלענדישן ים.

יוסטיניאַנוס האָט זעער שטאַרק געהאַלטן פֿון זײַן מאַכט. ער האָט געוואָלט אויפֿלעבן צוריק דעם אַלט־רוימישן גלאַנץ, די אַלט־רוימישע פּראַכט. לויט זײַן באַפֿעל האָט מען אויפֿגעקליבן אינאיינעם, אין איין זאַמלונג („קאָרפּוס”) פֿון ציווילן רעכט, די געזעצן פֿון רוימישן פֿאָלק, די באַפֿעלן פֿון די רוימישע קיסרים און די פּירושים פֿון די גרויסע רוימישע יוריסטן. אין דער הקדמה צו דעם דאָזיגן „קאָרפּוס” שטייט געשריבן: „כלי־זיין און געזעצן זײַנען דער גרויסער כוח פֿון דער מלוכה; דאָס פֿאָלק פֿון די רוימער האָט סײַ אין דעם, סײַ אין יענעם פּרט אַריבערגעשטײַגט אַלע אַנדערע פֿעלקער און דערהויבן זיך איבער אַלע אַנדערע שבטים; אַזוי איז געווען פֿריער און אַזוי וועט זיין, מיט גאָטס הילף, אויף אייביגע צײַטן.” נאָר די שטאָט רוים, וואָס יוסטיניאַנוס האָט צוגענומען צוריק, האָט שוין איצט ניט געהאַט די באַדייטונג, וואָס אַמאָל; פֿון אַ מיליאָן איינוואוינער איז געבליבן סך־הכּל עטליכע צעהנדליגג טויזנט. יוסטיניאַנוס אַליין האָט אַוועקגעזעצט זײַן פּלאַצהאַלטער אויף איטאַליע (עקזאַרך) ניט אין רוים, נאָר אין ראַווענע,

בײַם אַדריאַטישן ים. די אימפעריע, וואָס ער האט פון־דאָס־ניי אויסגעבויט, האָט זיך געהאַלטן נאָר מיטן חֶסֶד פון די באַרבאַרישע זעלנער. אין דער שפּיץ פון יוסטיניאַנ׳סעס חיל פלעגט אַרויסגיין די הונישע רײַטערײַ; ער האָט געשיקט אויף מערבֿ די ווילדע בערג־פעלקער פון באַלקאַן און פון קליין־אַזיע, די נאָמאַדן פון די סטעפּעס בײַם שוואַרצן ים.

§ 10. די לאַנגאָבאַרדן אין איטאַליע. דער מזרח־קיסר האָט ניט לאַנג געוועלטיגט אין איטאַליע. סך־הכל אין 13 יאָר אַרום נאָך דעם ווי די אָסטגאָטישע מדינה איז חרוב געוואָרן, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צפון־איטאַליע דער מזרח־גערמאַנישער שֵבֶט לאַנגאָבאַרדן (אין 568־טן י.). ביז יענער צײַט זײַנען זיי געזעסן ביי די ברעגעס פון מיטלסטן דונײַ. די לאַנגאָבאַרדן זײַנען געווען אַ סך ווילדער פאַר די גאָטער. זייערע פּנים׳ער, אויסגעטעטאָווירט מיט גרינע פאַרב, זײַנען געווען באַזוימט מיט לאַנגע האָר, וואָס זײַנען אַ־אָפּגעהאַנגען פון די באַקן און האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער באָרד; זייער אָנפירער אַלבאָאין פלעגט טרינקען פון אַ שאַרבן פון אַ געטייטן שונא; זיי פלעגן אָן שום רחמנות אונטערצינדן די ישובים און אויסקוילענען די באַפעלקערונג.

די לאַנגאָבאַרדן האָבן צוגענומען בײַם מזרח־רוימישן פלאַצהאַלטער צפון־איטאַליע און דעם מיטן פון האַלבאינזל; אין באַזיץ פון קיסר זײַנען נאָר געבליבן די פּאַסן וואָס בײַם ברעג מיט די שטעט ראַווענע בײַם אַדריאַטישן ים, רוים און אַמאַלפי אויפן אַנטקעגנדיגן ברעג. בײַ די לאַנגאָבאַרדן איז דער חיל נאָך געווען צעטיילט אויף געשלעכטן; די הערשנדי׳גע משפחות האָבן פאַרמאָגט גרויסע טשערעדעס חזירים און געלעבט פון דער פּראַצע פון זייערע „צוגעהעריגע“ (אַלדיאָנען), וואָס פלעגן באַאַרבעטן די ערד. אַרײַנקומענדיג אין איטאַליע, האָבן די לאַנגאָבאַרדן באַלד פאַרוואַנדלט אין צוגעהעריגע פויערים די אָרטי׳גע אײַנוואוינער אויך.

§ 11. די זיטן פון דער געזעלשאַפט אין מערבֿ. שוין פון 3־טן י״ה אָן, ווען די באַרבאַרן האָבן אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין דער אימפעריע, האָבן די שטעט אין מערבֿ גענומען פאַלן. ביסלעכווייז איז פאַרשוואונדן געוואָרן די קונציגע אַרבעט פון געניטע בעלי־מלאכות און קינסטלער; אַ סך געגנדן זײַנען פּשוט פוסט און וויסט געוואָרן, ווייל די ערדאַרבעטער זײַנען אַנטלאָפן. די איליריער, וואָס האָבן ווידער אויפגעשטעלט די אימפעריע אין 4־טן י״ה, האָבן איר ניט אומגעקערט צוריק די רײַכקײַט און דעם וואוילשטאַנד; פאַרקערט, מיט זייערע שווערע שטײַערן, מיט צונעמען מענטשן פאַרן חיל און נאָך מער — מיטן צונעמען דעם

לעצטן ביסן פאר די זעלנער, האבן זיי נאך מער פארגרעסערט די ארעמקייט און דעם דלות. מיטן אנקומען פון די גערמאנער איז געווארן נאך ערגער. זיי זיינען געקומען צו גיין אין א לאנד מיט באארבעטע פעלדער און וויינגערטנער; און געפירט האבן זיי זיך דא, ווי אין זייער ווילדער היים, מעשה־יענער, צעטרעטנדיג אן רחמנות דעם ווייַן און די תבואה. זיי זיינען געוואוינט געווען צו עסן אן א שיעור; דעריבער פלעגן זיי באלד אויפעסן אלץ, וואס עס איז געווען בנמצא, און א לאז טון זיך ראבירן די שכנים. פון קיין משפט האבן זיי ניט געוואוסט; אלע זייערע סכסוכים פלעגן זיי פארענדיגן מיט נקמה און מיט מוטווילינע מעשים. אלע וועגן זיינען געווען פארפולט מיט זעלנער, וואס האבן אין א באהאלטענעם ווינקל געוואלט אנפאלן אויף זייערע שונאים. זיי זיינען געווען מכלומרשט קריסטן; נאר גאט און קריסטוס זיינען געווען אין זייער פארשטעלונג אכזריות׳דיגע הימל־הערשער, אן ערך ווי וואטאן (אדין), וואס איז געווען ביי די גערמאנער, אין דער צייט פון זייער עבודה־זרה, דער גאט פון שטורעם־ווינט און פון מלחמה.

די ווילדע זיטן, וואס די בארבארן האבן מיטגעבראכט מיט זיך, האבן געהאט א ווירקונג אויף דער ראמאנישער באפעלקערונג אויך. די בילדונג איז טיף געפאלן. די אלטע רוימישע שולן האבן זיך פארמאכט. א שרייבער פון דער צווייטער העלפט פון 6־טן י״ה, גרעגאריוס, דער בישקופ פון דער שטאט טור, קלאגט זיך, אז ער האט זיך אין ערגעץ ניט געקאנט אויסלערנען די ריינע לאטיינישע שפראך. גרעגאריוס פון טור אליין איז א גוטער און א געררעכטער מענטש; ער דערציילט וועגן די אכזריות און די רשעות ווי וועגן א זאך, וואס אלע ווייסן; עס דוכט זיך אים, אז די וועלט איז שוין אלט געווארן און עס קומט אן איר סוף. פון גרעגאריוסעס ווערק: „דער ספר פון נסים“ זעהט מען, אז מען האט אין יענער צייט שוין אינגאנצן מער קיין אפשיי ניט פאר דער ליטעראטור פון דער אנטיקער וועלט: דער הייליגער היעראנימוס, גיט ער איבער, איז אויף יענער וועלט הארב באשטראפט געווארן דערפאר וואס ער האט צו פיל געלייענט „ציצעראנס פאלשע רייד און ווערגיליוס׳עס שקר׳דיגע מעשיות“. אלע וויסנשאפטליכע אויפטועו פון די גריכן, וואס זיינען געוועסט אריבערגעגאנגען אין דער רוימישער שול, זיינען איצט פארגעסן געווארן. די ערד האט מען זיך איצט פארגעשטעלט, ווי א פלאטשיגע ראד אדער ווי א בארג, וואס שווימט אין וואסער; אויף דעם דאזיגן פונדאמענט פון דער ערד האלט זיך דער הימל, וואס איז אויסגעבויט אין עטליכע גארנס; די זון באהאלט זיך אלע טאג הינטערן שפיץ בארג.

אין די יאָרן פֿון קריג און חורבן זײַנען נאָך מער מענטשן, ווי פֿריער, געוואָרן מאָנאַכן. פֿאַר איינע איז דאָס פשוט געווען אַ וועג צו ראַטעווען זייער פֿאַרמעגן; אַנדערע האָבן זיך מיאש געווען אין דער וועלט פֿון מאָרד און פֿון גזילה און געוואָלט ראַטעווען זייער נֶשָׁמֶה; נאָך אַנדערע האָבן געוואָלט געפֿינען אַ מקום־מקלט, אַוואו זיי זאָלן זיך קאָנען פֿאַרנעמען מיט וויסנשאַפֿט אָדער קונסט. צווישן די באַרבאַרן פֿלעגן אויך טרעפֿן מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן און מיט אַ ריין האַרץ, וואָס האָבן אויסגעקליבן אַ לעבן פֿון צדקות און פֿון פערזענליכער פֿאַרפֿולקומונג: זיי פֿלעגן אָפֿטמאָל גיין פּריידיגן די קריסטליכע אמונה צווישן די ווילדע מענטשן פֿון זייער אייגענעם שבֿט. די מאָנאַכן פֿלעגן זיך דאָס רוב צונויפֿנעמען אין קליינע חבֿרותות. הינטער די הויכע מויערן פֿון מאָנאַסטיר פֿלעגן געפֿינען רו די אַלע, וואָס זײַנען אַוועק פֿון זייער פֿאַמיליע און פֿון פערזענליכן אייגנס; ביי זיי איז אַלצדינג געווען שותּפֿישע. אָפֿט פֿלעגט די „ברודערשאַפֿט‛ אויפֿקלײַבן זיך אַרום גאָר אַ גרויסן צדיק; ער פֿלעגט אויסאַרבעטן תקנות ווי אַזוי מען באַדאַרף צו לעבן, און דערנאָך פֿלעגן אַנדערע מאָנאַסטירן אויך אָנהייבן נוהג זיין זיך אויפֿן זעלבינגן שטיינער. עס זײַנען זעער מפֿורסם געוואָרן די תקנות פֿונם הייליגן בענעדיקטוס (געבוירן אין נורסיע), וואָס האָט אין די בערג פֿון מיטל־איטאַליע געגרינדעט אַ מאָנאַסטיר אויף אַן אָרט, וואו עס איז פֿאַרצײַטן געשטאַנען אַ טעמפּל פֿונם גריכישן גאָט אַפּאָלאָן.

פֿונם יאָר 600 נ. ק. אַן ערך, ווען איירָאָפּע איז אינגאַנצן פֿאַראָרעמט און גײַסטיג פֿאַרשָׁפּל׳ט געוואָרן, פֿאַרנעמען דעם ערשטן אָרט, סײַ אין אינדוסטריע, סײַ אין וויסנשאַפֿט, סײַ אין פּאָליטישן לעבן די פֿעלקער פֿון פֿאָדער־אַזיע און פֿון צפֿון־אַפֿריקע. די אַלע פֿעלקער זײַנען פֿאַראייניגט געוואָרן אין איין מדינה דורך די אַ ר אַ ב ע ר. דאָס איז געווען אַ נאָמאַדן־פֿאָלק, וואָס האָט אָנגענומען אַ נײַע אמונה, דעם איסלאַם.

II. די אַראַבער און ביזאַנץ פֿון 600־טן ביזן 1100־טן י.

2. די אַראַבער.

§ 12. די וואַנדער־פֿעלקער פֿון דער אַלטער וועלט. איבער דער גאַנצער ברייט פֿון דער אַלטער וועלט, פֿון גרויסן אָקעאַן ביזן

אַטלאַנטיק, ציט זיך אַ לאַנגער פּאַס פֿון זאַמדיגע און שטײניגע װיסטע־נישן. פֿין איין עק ליגט די מדבר גאָבי, אויפֿן אַנדערן עק — די סאַבאַרע, און אינמיטן די מדבריות פֿין מיטל־אַזיע, איראַן און אַראַביע; די בײדע לעצטע װערן איבערגעהאַקט נאָר דורך ענגע ים־אויסגוסן, דורך טײַכן (אײפֿראַטעס און נילוס) און דורך אָאַזיסן. צװישן די װיסטעגישן און בײַ זײערע ברעגעס ציען זיך, װי אַ זױם, גראָזיגע סטעפּעס. אינמיטן פֿון דעם גרױסן מדבר־פּאַס, בײַם קאַספּישן ים, טײלט זיך אָפּ אַ צװײַג פֿון זאַמדיגע און גראָזיגע פּלײנען, װאָס גײען אַדורך דורך גאַנץ מיטל־אײראָפּע; זײ נעמען אַרום דעם געביט פֿון די גרױסע רוסישע טײַכן און דערגײען פּאַזע דונײַ ביז די אַלפּן.

אויף דעם גרױסן שטח פֿון די סטעפּעס, װאָס בײַם ראַנד פֿון די מדבריות, קאָנען לעבן אָן שום אַרבעט און מי נע־ונד־יגע שבטים, װאָס פֿאַרנעמען זיך מיט האָדעװען פֿיך. זײער גאַנצע רײַכקײַט באַשטײט אין די טשערעדעס; נאָר זײער פֿיך איז ניט אַזאַ, װי אין די אַקער־לענדער, ניט קײן רינדער, װאָס דאַרפֿן האָבן אַ סך נערונג, נאָר קלײנע פֿיך, שאָף און ציגן, און דערצו נאָך קעמלען — אַלץ אַזעלכע בעלי־חיים, װאָס מען דאַרף ניט אַזױ שטאַרק אַרומגײן אַרום זײ. אָן געװיקס־שפּײַז קאָנען זיך די װאַנדער־פֿעלקער ניט באַגײן, און דעריבער קומט זײ אױס אַרײַנצוטרעטן אין באַציאונגען מיט די ערדאַרבעטער. צװישן זײ אַנטװיקלט זיך מסחר, נאָר דאָס רוב נעמען בעסער די װאַנדער־פֿעלקער ראַבעװען זײערע זיצ־יגע שכנים. בײַ צוזאַמענשטױסן מיט די ערד־אַרבעטער זײַנען די נע־ונד־לײַט גרעסערע בריות: זײ זײַנען װײניג אַרײַנגעטאָן אין אַרבעט, און דעריבער זײַנען זײ רירעװדיגער, זײ קאָנען האַלטן די געװער אין האַנט, אויף זײערע פֿערד קאָנען זײ זיך גיכער אױפֿקלײַבן אין גרױסע מחנות.

אַז זײ דערשפּירן שױן דעם טעם פֿון זיגן, פֿאַרשטײען זײ, אַז עס לױנט צו האַלטן אונטערטעניג די שכנים, װאָס קאָנען האָרעװען און שפּאָרן, און נעמען פֿון זײ שטײַערן און צינז. טײלמאָל בלײַבן די װאַנדערער אױף זײערע אַלטע פּלעצער און שיקן אַרײַן צו די באַזיגטע זײערע פּלאַצהאַלטער און שטײַער־זאַמלער. אַן אַנדער מאָל װידער באַזעצן זײ זיך אַלײן צװישן די אײַנגענומענע אין באַזונדערע קרינג־לאַגערן („רינגען“), און דאָרט היטן זײ אױף דאָס אָנגעראַבעװעטע האָב־און־גוטס; אַרום זײ זיצט די האָרע־פּאַשנע פּױערשע באַפֿעלקערונג פֿון די באַזיגטע.

בײַ הײַנטיגן טאָג איז רואיג אויפֿן גרױסן מדבר־ און סטעפּעס־פּאַס; די באַפֿעלקערונג איז דאָרט אַ שיטערע, און זי האָט ניט קײן ממשות אַנט־קעגן די אײַנװאױנער פֿון די אינדוסטריע־ און אַקער־לענדער פֿון אײראָפּע

און כינע. נאָר אין די ערשטע טויזנט יאָר נ. ק. איז געווען גאָר אַן אַנדער זאַך. איבער בײדע צווײַגן פֿון דעם סטעפּעס־פֿאַס האָבן זיך געדירט גרויסע וואַנדער־מאַסן. פֿאַרקערט, די זיציגע באַפֿעלקערונג איז געווען ניט אַזוי געדיכט און ניט אַזוי שטאַרק, ווי הײַנט. די סטעפּ־לײַט פֿלעגן זיך כסדר אַרײַנרײַסן אין די ישובים און אײַננעמען גרויסע שטיקער ערד. אייראָפּע האָט געהאַט פֿון זיי אויסצושטיין אָן אַ שיעור: פֿריער זײַנען געקומען צו גיין די הונען (4־טער ביזן 5־טן י"ה), דערנאָך די אַוואַרער (6־טער ביזן 8־טן י"ה), די בולגאַרן (פֿון 7־טן י"ה אָן) און די מאַד־יאַרן (פֿון 9־טן י"ה). זיי פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אויפֿן מערבֿ־גרעניץ פֿון די אייראָפּעאישע סטעפּעס, בײַם מיטלסטן און אונטערשטן דונײַ; דאָ פֿלעגן זיי זיך אויסבויען באַפֿעסטיגטע לאַגערס און פֿון דאַנען זיך אַ לאָז געבן אויף אייראָפּע — אויפֿן באַלקאַנישן האַלבאינזל, קיין דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך און איטאַליע. הינטער זיי, אויף מזרח, אין די סטעפּעס וואָס בײַם שוואַרצן און קאַספּישן ים, האָבן זיך געלעגערט די כאַזאַרן (אין דער יידישער געשיכטע הייסן זיי כוזרים), פּעטשעניעגן און פּאָלאָווצער (פֿון 9־טן ביזן 12־טן י"ה).

אין דער צײַט איז אויפֿן גאַנצן שטח פֿון די אַזיאַטיש־אַפֿריקאַנישע סטעפּעס אויפֿגעקומען אַ נײַע גרויסע מדינה. די אַראַבער, א גרויס וואַנדער־פֿאָלק, וואָס לויט זייער אָפּשטאַמונג און אויסזעהן זײַנען זיי ענליך צו די אַלטע יידן, האָבן פֿאַראייניגט אונטער זייער שליטה אַ גוואַלדיגע טעריטאָריע. צוזאַמען מיט דער דאָזיגער פֿאַראייניגונג איז געגאַנגען די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַ נייער אמונה — פֿונם איסלאַם.

§ 13. אַראַביע, וואָס איז די גרויס שיר ניט אַ דריטל פֿון גאַנץ אייראָפּע, באַשטייט פֿון דעם גרויסן אַראַבישן האַלבאינזל און פֿון דער שכנ'ישער סירישער וויסטעניש, וואָס ליגט אויף צפֿון־זײַט פֿונם האַלבאינזל.

דער דרום'דיגער ווינקל פֿון האַלבאינזל, יעמען (תּימן), איז רייך אין טראָפּישע געוויקסן; די באַפֿעלקערונג האָט זיך דאָרט פֿאַרנומען מיט ערדאַרבעט און גערטנערײַ. דער מיטן רופֿט זיך נעדזשד, אַ גוואַלדיג גרויס לאַנד; דאָרט איז כמעט ווי ניטאָ קיין וואַסער. די אײַנוואוינער היטן זיך, זיי זאָלן ניט אַוועקגיין צו ווײַט פֿון די ברונעמס; זיי וואַנדערן מיט זייערע טשערעדעס פֿון איין וואַסער־אָרט צום צווייטן. דער גרעסטער טייל פֿון לאַנד איז פּוסט און וויסט; נאָר פֿרילינג, ווען עס גייען די רעגנס, וואַקסט אויס גרינס ניט אויף לאַנג, און די פֿיך האָבן אויף אַ ווײַלע נערונג פֿאַר זיך.

די **בעדואינער** (אַזוי רופֿט מען די באַפֿעלקערונג) האָבן זיך געלעבט יאָרהונדערט פֿאַר יאָרהונדערט כמעט אויפֿן זעלביגן שטייגער. זיי האָבן זיך געטיילט אויף שטאַמען, די שטאַמען אויף שבטים, די שבטים אויף געשלעכטן און געזינדן. די דאָזיגע צעטיילונג איז געווען פּונקט ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר זייער באַוועגליכן לעבן. ווען אַ טייל פֿון שטאַם איז אַוועק אין אַן אַנדער אָרט, איז די קרובה'שאַפֿט פֿונדעסטוועגן ניט צעריסן געוואָרן, און אַ סך זאַכן זײַנען געבליבן אין שותּפֿישן באַזיץ; דער רייכער האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן פֿליכט צו צאָלן די חובֿות פֿון זײַנע פֿאַראָרעמטע קרובֿים, אויפֿהאַלטן די יתומים. בראש פֿונם לאַגער, וואו ס'איז געזעסן אַ שבֿט אָדער אַ שטאַם, איז געשטאַנען אַן אויסגעקליבענער עלטסטער, דער **סאַאיד**. נאָר אויף מלחמה פֿלעגט מען אויסקלײַבן אַן אַנדער אָנפֿירער. ביי אַ סכסוך פֿלעגט מען גיין צום סאַאיד, ער זאָל פּסק'ענען; נאָר אויספֿירן זײַן פּסק־דין האָט ער ניט געהאַט קיין כּוח. דער באַ'עוול'טער האָט געמוזט אַליין זעהן צו דער־שלאָגן זיך זײַן רעכט: ער פֿלעגט אויפֿקלײַבן מענטשן פֿון זיין געשלעכט אָדער שבֿט און גיין נקמה־נעמען פֿון בעל־עוולה, אַוועקטרײַבן זײַנע טשערעדעס, טייטן אים — אָדער, טאָמער פֿלעגט ער מער קיין זאַך ניט קאָנען טון, איז לכל־הפּחות פֿאַרשילטן אים. יעדער שבֿט האָט זיך געהאַט זײַן שוץ־גאָט; מען האָט געגלויבט אין גוטע און שלעכטע גײַסטן, וואָס געפֿינען זיך לעבן דעם מענטשן, און מען האָט געאַכפּערט הייליגע שטיינער,ביימער און טײַכלעך. אָבער עס איז געווען אַ פֿאָרשטעלונג וועגן הימלשע גאָטהײַטן אויך: בײַ די שטערן־געטער פֿלעגט מען בעטן, זיי זאָלן געבן אַ רעגן. אַלע שטאַמען האָבן גערופֿן זייער אייבער־גאָט **אַלאַך**; און דאָס דאָזיגע שותּפֿישע וואָרט האָט דערנעהנטערט די שטאַמען איינס צום צווייטן.

די איינוואוינער פֿון **העדזשאַס** — פֿון דעם מערבֿ'דיגן ברעג־פּאַס לעבן דעם אַראַבישן ים־אויסגוס — האָבן אָנגעפֿירט דעם האַנדל מיט די אויסאַרבעטונגען פֿון צפֿון און דרום. פֿון די מזרח־רוימישע און פּערסישע געגנדן האָט מען געפֿירט קיין אַראַביע ברויט און אויסאַרבעטונגען פֿון בעלי־מלאכות; פֿון יעמען — גאָלד, טײַערע שטיינער, טראָפּישע פֿרוכט, שמעקעדיגע זאַלבן. מער פֿאַר אַלעמען האָבן זיך אויסגעצייכנט די סוחרים פֿון דער שטאָט מעקע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם מיטל־פּונקט, וואו עס פֿלעגן זיך באַגעגענען די קאַראַוואַנען, וועלכע זײַנען געגאַנגען אַהין און צוריק. די מעקישע סוחרים האָבן געמאַכט אַ חברותא אָפּצוהיטן דעם האַנדל, מיטן נאָמען „קאָרייש". די קאָריישיטן האָבן פֿאַרמאָגט אַ הייליגע פּאָן; אין אַ גרויסן הויז פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן די עלטסטע

פֿון דער חברותא. אונטער זייער שוץ האָט זיך געפֿונען דער הויפּט־הייליגטום פֿון מעקע, די קאַאַבאַ. דאָס איז געווען אַ בנין אין דער פֿאָרם פֿון אַ קוב, אַרומגעהאַנגען מיט טונקעלע טיכער; אַרום דעם גערײַמען הויף איז געווען אַ זײַלן־גאַנג; אין וואַנט איז געווען אַרײַנגעטון אַ שוואַרצער שטיין, און מען האָט געגלויבט, אַז דעם שטיין האָט גאָט געגעבן אַבֿרהמ׳ען.

די קאָריישיטן האָבן צוגעצויגן די בעדואינער אויף די ירידן און יום־טובים פֿון מעקע. די אַראַבער פֿון דער סטעפּ פֿלעגן ברענגען פֿיך און אויסבײַטן דאָס אויף כלי־זיין, אויף שיינע שטאָפֿן, וואָס מען פֿלעגט ברענגען צו פֿירן פֿון סיריע. אַלע יאָר פֿלעגט מען אײַנאָרדענען אַ גרויסן פֿרילינגס־יום־טובֿ, און פֿון גאַנצן לאַנד פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן מענטשן מתפּלל זײַן פֿאַר דער קאַאַבאַ; אויף פֿיר חדשים צײַט פֿלעגט זיך איבעררייסן די מלחמה, און מען פֿלעגט מעלדן שלום. די הערשער פֿון מעקע האָבן צוגעלאָזן אַלע שטאַמען צום אײַנטייל אין דער קאַאַבאַ. יעדער שטאַם האָט אויפֿגעשטעלט אין דעם שותּפֿישן הייליגטום אַ פֿיגור, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט זיין היימישן שוץ־גאָט; נאָר גלײַכצײַטיג האָט זיך די קאַאַבאַ גערעכנט פֿאַר׳ן טעמפּל פֿון אַלאַך־טאַאַלאַ. אים האָבן אַלע אַראַבער געהאַלטן פֿאַר זייער איבערשטן גאָט, ווײַל ער איז געווען דער גאָט פֿון אַברהמ׳ען און ישמעאל׳ן (ישמעאל האָט זיך גערעכנט פֿאַר׳ן שטאַמפֿאָטער פֿון אַלע אַראַבישע שבֿטים).

אויף צפֿון־זײַט האָט די אַראַבישע מדבּר געגרעניצט מיט דער מזרח־רוימישער אימפּעריע און מיט דער פּערסישער מדינה. די שכנים האָבן געגנוג געליטן פֿון די אָנפֿאַלן פֿון די בעדואינער, נאָר גלײַכצײַטיג האָבן זיי זיך געפֿלײַסט אויסצוניצן זייער קריגסקראַפֿט. די קיסרים האָבן באַזעצט אין סיריע געדונגענע אַראַבישע זעלנער, זיי זאָלן היטן דאָס לאַנד; דאָס אייגענע האָבן געטון די פּערסישע קיניגן ביים אייפֿראַטעס. איין טייל אַראַבער האָט געדינט די רוימער קעגן פּערסיע, אַנדערע ווידער — די פּערסער קעגן רוים. אין די נײַע ישובֿים האָבן אַ טייל אַראַבער אָנגענומען דעם קריסטליכן גלויבן.

§ 14. מחמד און די געמיינדע אין מעדינע.

די באַקענטשאַפֿט מיט יידן, קריסטן און פּערסער האָט ארויסגערופֿן ביי אַ סך אַראַבער אַ בענקשאַפֿט נאָך אַ העכערער אמונה. צווישן די זוכער איז אויך געווען דער קאָריישיט מחמד (געלעבט פֿון 570 ביז 632).

מחמד איז געווען אַ בעל־חלומות; ער פֿלעגט כסדר אומגיין אַ פֿאַרטראַכטער, און פֿאַרשיידענע זעהונגען פֿלעגן זיך טראָגן פֿאַר זײַנע אויגן.

אין אָנהייב האָט ער דערציילט זײַנע געדאַנקען נאָר אין אַן ענגן קרײַז פֿון אייגענע און גוטע־פֿרײַנד. ער האָט מערניט ווי איבער־גע׳חזר׳ט די עיקרים פֿון דער יידישער, קריסטליכער און פּערסישער אמונה: אַז עס איז דאָ איין גאָט אויף דער וועלט, און חוץ אים איז ניטאָ קיין אַנדערע געטער; אַז מען טאָר ניט האַלטן הייליג קיין געצן. אויף זיך אַליין האָט מחמד געזאָגט, אַז ער איז געקומען צו פֿאַרשפּרייטן דאָס ליכט פֿון אמת׳ן גלויבן, וואָס איז ביז איצט געווען פֿאַרטונקלט, און אַז ער איז דער גרויסער נבֿיא פֿון אַראַבישן פֿאָלק. באַלד וועט קומען, אַזוי האָט ער געלערנט, דער גרויסער יום־הדין, ווען גאָט וועט משפּט׳ן איטליכן לויט זײַנע מעשׂים. דער גרעסטער טייל קאָריישיטן האָט חוזק געמאַכט פֿון מחמד׳ן און פֿון זײַן לערע; אָבער האָבן זיי גאָר מורא געהאַט, אַז ווען די קאַאַבאַ מיט אירע געצנבילדער וועט ווערן אויס הייליגטום, וועט מעקע פֿאַרלירן איר איינפֿלוס און זיי — זייער רייכטום. זיי האָבן אַזוי פֿײַנט באַקומען מחמד׳ן, אַז עס איז געוואָרן געפֿערליך פֿאַר אים צו בלײַבן אין מעקע; ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַנטלויפֿן אין דער שטאָט יאַטריב, וואָס איז געווען אין אַ סכסוך מיט מעקע. אָט דעם יאָר פֿון דער „יציאה‟ („העדשראַ‟ אויף אַראַביש) האַלטן די מחמדאַנער פֿאַר זייער וויכטיג. פֿון דעם יאָר הייבן זיי אָן זייער צײַטרעכענונג, אַזוי ווי די קריסטן פֿון קריסטוסעס געבורט. די „יציאה‟ איז פֿאָרגעקומען אין 622־טן י. נ. ק.

די איינוואוינער פֿון יאַטריב האָבן אָנערקענט מחמד׳ן פֿאַר אַ נבֿיא און געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך. אַלע גלויביגע, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן מיט אים צוזאַמען און די וואָס האָבן אים צוגענומען, האָבן געדאַרפֿט בילדן איין געמיינדע פֿון מוסולמענער (איבערגעגעבענע), להיפּוך צו די אַנדערע ניט־גלויביגע אַראַבער. צווישן די מיטגלידער פֿון דער געמיינדע טאָר ניט זײַן קיין בלוט־נקמה. מלחמה און שלום איז בײַ די מוסולמענער אַ זאַך, וואָס איז נוגע אַלעמען גלײַך; טאָמער פֿאַלט עמיצער אין דער מלחמה פֿאַר גאָט, וועלן אַלע מיטגלידער פֿון דער געמיינדע נקמה נעמען פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַן אייגענעם. די שטאָט יאַטריב, וואָס האָט צוגענומען מחמד׳ן, האָט זיך אָנגעהויבן רופֿן מעדינע אַל־נאַבי (ד״ה די שטאָט פֿון נבֿיא)[1]. מחמד האָט איינגעאָרדנט אין מעדינע דעם ערשטן געבעטהויז, אַ מעטשעט, אַ ביסל לויטן שניט פֿון אַ יידישער שול.

§ 15. די פֿאַראייניקונג פֿון די אַראַבער. דער איסלאַם און די כאַליפֿן. זיצנדיג אין מעדינע, האָט מחמד אָנגעהויבן אַריבער־

[1] די זעלביגע שורשים, ווי די העברעאישע ווערטער „מדינה‟ און „נבֿיא‟.

ציען אויף זייַן צד די סטעפּ־שבֿטים; נאָר דערהויפּט האָט זיך אים געוואָלט אַריינבאַקומען צו זיך אין די הענט דעם מיטלפּונקט פֿון גאַנצן לאַנד — מעקע. ס'האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ פֿאַרביסענער קאַמף צווישן די צוויי שטעט. אין אָנהייב האָט מחמד ניט געהאַט קיין מזל אין די שלאַכטן; נאָר די מוסולמענער האָבן גענומען מאַכן שוועריגקייטן פֿאַר די קאַראַוואַנען, וואָס זייַנען געגאַנגען קיין מעקע, און אָט־אָט האָבן זיי שוין גע־האַלטן בייַ אָפּשניידן אינגאַנצן דעם מסחר פֿון מעקע. דאָ האָבן די גרויסע לייַט פֿון די קאָריישיטן אָנגעהויבן אַריבערגיין צו מחמד'ן, און סוף־כל־סוף האָט מעקע געווענדט זיך צו אים נאָך שלום. די איינוואוינער פֿון מעקע האָבן געשוואוירן געטרייַשאַפֿט דעם נביא, און ער האָט זיי געגעבן גלייַכע רעכט מיט זייַנע מוסולמענער. ווען מחמד איז אַרייַן אין מעקע, איז ער אַרומגעפֿאָרן, אַזוי ווי דאָס איז געווען אָנגענומען, זיבן מאָל אַרום דער קאַאַבאַ, צוגערירט זיך מיט אַ געבויגענעם שטעקן צום שוואַרצן שטיין און געהייסן אַרויסוואַרפֿן ביז 300 געצן־בילדער, זאָגנדיג דערבייַ: „דער אמת איז געקומען, אוים שקר זאָל ווערן“. נאָר מחמד אַליין איז אויך געגאַנגען אויף אַ גרויסער הנחה. ער האָט אָנערקענט די אַלטע עבודה־זרה'דיגע קאַאַבאַ פֿאַר הייליג און געהייסן איטליכן גלויביגן כאָטש איין מאָל אין לעבן עולה־רגל זייַן צו דעם הייליגן אָרט.

די נייַע אמונה האָט מען אַ נאָמען געגעבן „איסלאַם“, דאָס איז דער טייַטש: אונטערטעניגקייט צו גאָט. די עיקרים פֿון דער אמונה זייַנען אויסגעדריקט אין קורצע זאַצן, וואָס מחמד האָט אַרויסגעזאָגט בייַ פֿאַר־שיידענע געלעגנהייטן; נאָך זיין טויט האָבן זייַנע אָנהענגער פֿאַרשריבן די גאַנצע תורה על־פּי זכרון; אויף אַזאַ אופֿן איז באַשאַפֿן געוואָרן דער הייליגער ספֿר פֿון די מוסולמענער, דער קאָראַן. אין קאָראַן שטייט, אַז „גאָט איז איינער, ניט געבוירן פֿון קיינעם און אַליין קיינעם ניט געבוירן, און קיינער איז צו אים ניט גלייַך“. זייַן ווילן און זייַן אמת'ע לערע זייַנען בהדרגה אַנטפּלעקט געוואָרן דורך זייַנע נביאים: אדם הראשון, אברהם, משה און יעזוס; דער לעצטער און דער גרעסטער נבֿיא איז מחמד. דער קאָראַן שילדערט באַריכות דעם הימלשן בית־דין און „יענע וועלט“. דער בלאָז פֿון אַ טרומייט וועט אָנזאָגן דעם אָנהייב פֿון געריכט אויף די רשעים. אין לאַנגע צייַלן וועלן זיי אויפֿשטיין פֿון די קברים און שטעלן זיך פֿאַרן אַלמעכטיגן צום משפּט. אַ שמאָלער בריק, דין ווי אַ האָר און שאַרף, ווי די שאַרף פֿון אַ שווערד, פֿירט אַריבער איבערן תהום פֿון גיהנום אין גן־עדן אַרייַן. די רשעים וועלן אַרייַנפֿאַלן אין תהום, די צדיקים וועלן ניצול ווערן און בשלום אַריבער אויף יענער זייַט. אין גיהנום איז אַ שרעקליכע

היץ און קעלט, די שפּייַז איז פֿאַר'סמ'ט. דער גן־עדן איז אַ שאָטנדיגער גאָרטן מיט שפּרינג־ברונעמס; דאָרט רוען די צדיקים ביי טישן מיט אַל־דאָס־גוטס. עס איז אַזוי ווי אַ פּרעכטיגער אָאַזיס, נאָך וועלכן עס בענקט דער מידער וואַנדערער אין דער מדבר. דער וואָס איז געפֿאַלן פֿאַר דער אמונה גייט אַרייַן גלייך אין גן־עדן.

די רעליגיעזע מנהגים, וואָס מחמד האָט אייַנגעשטעלט, זייַנען צוגע־פּאַסט צו דער טבֿע פֿון וואַנדער־מענטשן. די שטאַמען און געשלעכטן, וואָס זייַנען צעוואָרפֿן איבער דער סטעפּ, קאָנען ניט האַלטן קיין פֿיל גייַסטליכע, זיי קאָנען ניט פּראַווען קיין רייַכן גאָטסדינסט אין פּרעכטיגע טעמפּלען. דערפֿאַר איז די תּפֿילה פּשוט, בכדי אַן אומגעבילדעטער מענטש זאָל זי אויך קאָנען געדענקען; נאָר יעדער איינער אין דער מדבר דאַרף וויסן די תּפֿילה אויף אויסווענינג. פֿינף מאָל אַ טאָג דאַרף מען תּפֿילה טון, און דערבייַ דאַרף מען זיך אַ קער טון מיטן פּנים צו מעקע. דאָרט וואו די גלויביגע וואוינען צוזאַמען אין אַ גרויסן ישובֿ, מוז מען שוין אויס־בויען אַ מעטשעט; אַלע פֿרייַטאָג רופֿט זיי דער גייַסטליכער פֿון מינאַרעט (מינאַרעט איז דער טורעם וואָס בייַ דער מעטשעט) צו דער תּפֿילה, און זיי הערן פּריידיגן דעם אימאַם (עלטסטער).

פֿאַרכאַפּט מעקע, האָט מחמד גענומען שטרעבן צו דער ממשלה איבער גאַנץ אַראַביע. ער האָט געשיקט אַ פֿאָדערונג צו פֿאַרשידענע שבֿטים, זיי זאָלן אָננעמען דעם איסלאַם און צאָלן צינז אויף צו שטיצן דעם גלויבן, ד"ה אויף צו פֿאַרזאָרגן די אָרימע און צו באַלוינען די קעמפֿער אין דער הייליגער מלחמה. די אַראַבער פֿלעגן זיך שוין אַזוי אויך ניט אייַנ־האַלטן אין דערהיים; איצט האָבן זיי געפֿונען אַ נייַעם טעם צו פֿאַרנעמען פֿרעמדע לענדער, צו וואַנדערן און צו זוכן האַנדלס־וועגן: זיי זייַנען דאָך אַן אויסדערוויילט פֿאָלק, און גאָט האָט זיי געהייסן פֿאַרשפּרייטן אומעטום דעם אמת'ן גלויבן. ווען מחמד איז געשטאָרבן (10 יאָר נאָך דער „העדשראַ"), האָבן די מוסולמענער אויסגעקליבן אַ נאָכפֿאָלגער צו אים, דעם כאַליף (אָדער קאַליף, דאָס איז דער טייַטש „שטעלפֿאַרטרעטער"). די ערשטע פֿיר כאַליפֿן זייַנען געווען פֿון מחמד'ס נאָהענטסטע אייגענע און גוטע־פֿרייַנד. דער כאַליף פֿלעגט בלייַבן אין מעדינע, אַרויסשיקן חיל און אָנפֿירן די מלחמות. ער איז געווען דער באַהערשער פֿונם אויסדער־וויילטן פֿאָלק, ער פֿלעגט אויך דאַרפֿן פּסק'ענען אַלע ניט־קלאָרע ערטער אין מחמד'ס לערע (אַזאַ מין פֿאַראייניגונג פֿון דער וועלטליכער און גייַסט־ליכער מאַכט אין דער פּערזאָן פֿון איין מענטשן רופֿט זיך **טעאָקראַטיע**, ד"ה גאָטס־הערשאַפֿט).

§ 16. די מלחמות און נצחונות פֿון די אַראַבער. אין דער צײַט פֿון צווייטן כאַליף, אָמאַר, האָבן די אַראַבער אָפּגעהאַלטן די גרעסטע נצחונות זייערע: די קריגס-פֿירער, וואָס דער כאַליף האָט ארויסגעשיקט, האָבן פֿאַרכאַפּט די רײַכע געביטן פֿון דער אַמאָליגער רוימישער אימ־פּעריע, סיריע און עגיפּטן (מצרים) און די גאַנצע מדינה פֿון די פּערסער (אַרום 640־טן יאָר).

די אַראַבער האָבן געהאַט מזל: זיי האָבן געטראָפֿן פּונקט אין אַזאַ מין צײַט, ווען רוים און פּערסיע האָבן אָקאָרשט געהאַט געפֿירט צווישן זיך אַ פֿאַרביטערטע מלחמה, וואָס האָט זיי ביידן אויסגעמאַטערט ביז גאָר. דער רוימישער קיסר האָט כמעט ניט געהאַט קיין חיל אין סיריע. ירושלים האָט אויפֿגעעפֿנט אירע טויערן פֿאַרן באַזיגער, און דער כאַליף אַליין איז געקומען צו פֿאָרן פֿון מעדינע אין דער הייליגער שטאָט. די באַפֿעלקערונג פֿון מצרים האָט אים אויך צוגענומען מיט פֿרייד. דער גרעסטער טייל אײַנוואוינער: פּויערים, בעלי־מלאכות, דער גאַנצער פּראָסטער עולם, האָבן באַלאַנגט צו דער סעקטע מ אָ נ אָ פֿ י ז י ט ן; פֿאַרקערט, די באַאַמטע און זעלנער, וואָס פֿלעגן קומען פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן געהאַלטן פֿון דער אַנדערער שיטה. ווען די הערשנדיגע קירך האָט אַרײַנגעלייגט אין חרם די מאָנאָפֿיזיטן, האָבן זיי פֿון כעס אַליין גערופֿן צו זיך די אַראַבער. מיט די פּערסער איז די מלחמה אָנגעקומען שווערער; נאָר דאָ האָבן די אַראַבער אויך מנצח געווען, נאָכדעם ווי אין זייערע הענט איז אַריבער דער בעסטער חלק פֿון דער פּערסישער מדינה, דער געדיכט־באַפֿעלקערטער געגנט בײַם אונטערשטן שטראָם פֿון אייפֿראַטעס און טיגרים. אַ שטאַרקע הילף האָבן די מוסולמענער באַקומען מצד די אַראַבישע זעלנער, וואָס זײַנען געווען אין פּערסישן דינסט; זיי האָבן גרינג איבערגענומען דעם נײַעם גלויבן און זײַנען אויפֿגעשטאַנען אַנטקעגן זייערע פֿריערדיגע באַלעבאַטים.

די מלחמות האָבן אויפֿגעעפֿנט פֿאַר די אַראַבער גאָר אַ נײַע וועלט. זיי זײַנען אַרויס פֿון זייער איינפֿאַכער היימישער סביבה און דערזעהן פֿאַר זיך אַ רייכע קולטור. אין אָנהייב פֿון די פּערסישע מלחמות האָט זיך געטראָפֿן אַזאַ זאַך. צווישן די אוצרות פֿון פּערסישן קיניגליכן הויף, וואָס זיי האָבן פֿאַרכאַפּט, איז געווען אַ באַרימטער טעפּיך, וואו אַ קינסטלעריש געמעל איז געווען אויסגעהאַפּטן מיט גאָלד און באַצירט מיט טײַערע שטיינער. אין מעדינע האָט מען ניט געוואוסט, וואו מען טוט דאָס אהין; איינער פֿון מחמד'ס תלמידים, אַלי, האָט געגעבן אַן עצה, מען זאָל צע־שניידן דעם טעפּיך אויף שטיקער, אזוי, אַז אויף יעדער שטיק זאָל זײַן

די זעלבע צאָל פּערל און טײַערע שטײנער, און די שטיקער זאָל מען צע־טײלן צווישן די זעלנער. די שטרענגע מוסולמענער האָבן ניט געוואָלט, אַז זײער פֿאָלק זאָל זיך אַרײַנטון אין לוקסוס און אַוועקוואַרפֿן די אַמאָליגע אײנפֿאַכקײט; ווען דער אַראַבישער קריגספֿירער, וואָס האָט באַזיגט די פּערסער, האָט זיך באַזעצט אינם פּרעכטיגן פּאַלאַץ פֿון די פּערסישע קיניגן אין קטעזיפֿאָן, האָט דער כאַליף אָמאַר געהײסן פֿאַרברענען דעם בנין.

קײן ערד פֿלעגט מען צווישן די אַראַבער אין די פֿאַרנומענע געגנדן ניט צעטײלן. די באַזיגטע זײַנען געווען מחויב אויפֿצוהאַלטן די זיגער: אַלע אומגלויביגע האָבן געצאָלט קאָפּ־געלט, און די ערדבאַזיצער נאָך חוץ דעם אַן ערד־שטײַער; אויך האָבן זײ געדאַרפֿט ליווערן עסנוואַרג פֿאַרן אַראַבישן חיל. די מוסולמענער, פֿאַרקערט, זײַנען געווען פּטור פֿון די שטײַערן און האָבן נאָר געצאָלט דעם גלויבנס-שטײַער, וואָס מחמד האָט אײַנגעשטעלט. דער כאַליף האָט באַזעצט די מוסולמענער קאָלאָניעס־ווײַז צווישן דער באַזיגטער באַפֿעלקערונג; און טאָמער האט מען געדאַרפֿט, פֿלעגן זײ אַריבערגײן אויף אַן אַנדער אָרט. אַזעלכע קאָלאָניעס זײַנען געווען קופֿע און באַסרע בײַם אײפֿראַטעס, קאַאירא אין עגיפּטן, מערוו אין מיטל־אַזיע און מאַנסורע אין אינדיע, בײַם טײַך אינדוס. צו די קאָלאָניעס האָט באַלאַנגט ערד אויך; נאָר די קאָלאָניסטן האָבן ניט באַאַרבעט די נחלאות, זײ האָבן נאָר גענומען פֿאַר זיך די הכנסה, וואָס די ערד האָט געטראָגן. אויף צו צעטײלן דעם גאַנצן זאַקרויב האָט אָמאַר אַוועקגעזעצט דעם אײבערשטן צײלהויף, דעם דיוואַן. דאָ פֿלעגט מען אויפֿשטעלן רשימות פֿון אַלע מוסולמענער לויט די שטאַמען און געזינדן; יעדערנס חלק איז געווען באַשטימט לויט זײַנע אויפֿטוען פֿאַרן גלויבן און לויט זײַן אײַנטײל אין דער הײליגער מלחמה. אויפֿן גרונט פֿון די רשימות פֿלעגט יעדער מוסולמענער אַלע יאָר באַקומען זײַן „געהאַלט“: מער פֿאַר אַלעמען פֿלעגן באַקומען מחמד׳ס נאָהענטסטע קרובים, דערנאָך זײַנע תלמידים. צווישן די גלויביגע מוסולמענישע הערן און זײערע אומגלויביגע אונטערטאַנען האָט געמוזט זײַן אַ שאַרפֿער אונטערשײד: די אונטערטאַנען האָבן זיך ניט געטאָרט קלײדן ווי די הערן, ניט געטאָרט טראָגן קײן געווער, ניט געטאָרט פֿאָרן רײַטנדיג אויפֿן פֿערד.

§ 17. **די אָמאַיאַדן און די צעשפּאַלטונג.** נאָך אָמאַרס טויט האָט זיך אָבער ניט לאַנג אויפֿגעהאַלטן דער סדר, וואָס ער האָט אײַנגע־שטעלט. אײביג בלײַבן בײַם שטייגער לעבן פֿון סטעפּ־לײַט איז געווען אוממיגליך. די קריגס־קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די פֿאַרנומענע

לענדער, האָבן זיך ווילנדיג־ניט־ווילנדיג אָנגעהויבן מתקרב זײַן מיט די אַלטגעזעסענע, איבערנעמען זייערע מנהגים און השגות. וואָס ווייטער האָט דער מעדינער כאַליף אלץ וויניגער געקאָנט אײַנהאַלטן אין זײַנע הענט די שליטה איבער דער גאַנצער גרויסער מלוכה. די קראַפט און די וואָג זײַנען אריבער צו די פלאַצהאַלטער אין די אײַנגענומענע געביטן. דעם ערשטן אָרט צווישן זיי האָט פאַרנומען דער סירישער פלאצהאַלטער מאַאַוויע, פון דער יחוס'דיגער סוחרים־פאַמיליע פון די אָמאַיאַדן אין מעקע. מאַאַוויע האָט זיך אָפגעזאָגט צו פאָלגן דעם נײַעם כאַליף אַלי'ן, וואָס איז געווען מחמד'ס אַ שוועסטערקינד און דער מאַן פון דעם נביא'ס איינציגער טאָכטער.

אין דעם גלויביגן פאָלק, וואָס האָט ביז דעמאָלט געלעבט איינינג, איז איצט פאָרגעקומען אַ שפאַלטונג. די מערב'דיגע אַראַבער און די סוחרים פון מעקע האָבן געהאַלטן פאַר די אָמאַיאַדן; אגב האָבן זיי אָנגענומען אַ גאַנצע ריי הוספות צום קאָראַן. פון די הוספות איז געוואָרן אַ באַזונדער בוך, די סונע; דערפון נעמט זיך דער נאָמען פון דער פאַרטיי — סוניטן. דער אַנדער צד זײַנען געווען די מעדינער און די מזרח'דיגע אַראַבער, די קאָלאָניסטן פון די געוועזענע פערסישע לענדער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַ כאַליף קאָן זײַן נאָר פון מחמד'ס פאַמיליע; זיי האָבן געוואָלט רייניגן דעם גלויבן און האָבן אָנערקענט נאָר דאָס, וואָס עס איז געווען געבליבן פון מחמד'ן אַליין. זייער נאָמען איז געווען שיאיטן (צעשפאַלטער). געווען נאָך אַ דריטע פאַרטיי, די קנאים, וואָס האָבן בכלל ניט געוואָלט אָנערקענען קיין שום כאַליף.

נאָכן טויט פון אַלי, וואָס איז דער'הרג'עט געוואָרן דורך איינעם פון די קנאים, איז מאַאַוויע געוואָרן כאַליף. ער איז ניט אַריבערגעפאָרן אין אַראַביע, נאָר ער איז געבליבן אין דַמֶשֶק (דאַמאַסקוס) צווישן די סירישע קריסטן און מערב־אַראַבישע קאָלאָניסטן. מאַאַוויע און זײַנע נאָכפאָלגער האָבן זיך איבעראַניים גענומען צום שווערד. זיי האָבן אויסגעבויט אַ פלאָט און פאַרנומען די אינזלען קיפראָס און ראָדאָס. אויך זײַנען די אַראַבער אַוועק פון מצרים אויף מערב־זײַט פאַזע דעם צפון־אַפריקאַנישן ברעג. אַרום דעם 700־טן יאָר האָבן זיי צוגענומען ביי דער רוימישער אימפעריע קאַרטאַגאָ. די אַפריקאַנישע בערבערן, אָדער מאַורען, וואָס זײַנען לויט זייער שטייגער לעבן געווען נאָהענט צו די סטעפ־בעדואינער, זײַנען צוגעשטאַנען צו די אַראַבער און אָנגענומען דעם איסלאַם. קאַר־טאַגאָ, איינע פון די גרעסטע שטעט פון דער אַלטער וועלט, איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן; ביז איצט שטייען נאָך די חורבות ניט ווײַט פון טוניס.

דער אַראַבישער פֿלאַצהאַלטער אין צפֿון־אַפֿריקע, מוסע, האָט אויסגעבויט אַ באַזונדער פֿלאָט, מיט וועלכן ער איז אַוועק צו די ברעגעס פֿון סיציליע און פֿאַרכאַפּט די באַלעאַרישע אינזלען. די אַראַבער זײַנען דערגאַנגען ביז דעם עקסטן ברעג פֿון מיטלענדישן ים, דאָס וואו ער באַרירט זיך מיטן אַטלאַנטיק.

אין דער צײַט האָבן די יידישע סוחרים, וואָס זײַנען געווען אין אַ היפּשער צאָל אין שפּאַניע, געווענדט זיך צו די אַראַבער נאָך הילף: זיי האָבן געהאַט פֿיל אויסצושטיין פֿון דער רוימישער גײַסטליכקייט אין דער וועסטגאָטישער מדינה. דער הויפּטמאַן טאַריק, וואָס איז געשטאַנען אונטער מוסע'ס באַפֿעל, איז אַריבער איבערן דורכפֿלוס, וואָס טיילט אָפּ אַפֿריקע פֿון פּירענעאישן האַלבאינזל (דער אָרט האָט באַקומען דעם נאָמען גיבר־אַל־טאַרי — גיבראַלטאַר —, ד"ה בערג פֿון טאַריקן) און האָט צעשלאָגן דעם חיל פֿון די וועסטגאָטער. באַלד נאָך אים האָט זיך אַוועקגעלאָזט מוסע אויך. אינגיכן איז גאַנץ שפּאַניע געווען פֿאַרנומען פֿון די אַראַבער און מאַווערן. נאָר אין די צפֿונ'דיגע בערג זײַנען געבליבן אַ ביסל אומאָפּהענגיגע קריסטן. די אַראַבער זײַנען אַוועק נאָך ווײַטער, איבער די פּירענעאישע בערג אַריבער — אין דרום־גאַליע אַרײַן. אין דערזעלביגער צײַט זײַנען אַנדערע אַראַבישע חילות אַרײַנגעדרונגען אין קליין־אַזיע און אָנגעפֿאַלן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין 720־טן יאָר איז די מדינה פֿון די אַראַבער געווען אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון איר גלאַנץ. אין זייערע הענט איז איצט געווען דער האַנדלסוועג כמעט אין דער גאַנצער לענג פֿון דער אַלטער וועלט, פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז די הימאַלאַיע־בערג און כינע. די פֿעלקער פֿון מערבֿ־אייראָפּע זײַנען געוואָרן קונדן בײַ די אַראַבער. די אַראַבישע שפּראַך איז געוואָרן די אַלגעמיינע פֿאַרמיטלונג־שפּראַך פֿון גיבראַלטאַר ביזן טײַך אינדוס.

די כאַליפֿן פֿון דמשק זײַנען געוואָרן וועלטליכע הערשער און אײַנגעפֿירט בײַ זיך אַ פּרעכטיגן הויף, אויפֿן שטייגער פֿון די מזרח־רוימישע און פּערסישע קיסרים. זיי האָבן אויפֿגעהערט צו פֿריידיגן פֿאַרן פֿאָלק, זיי האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גוואַרדיע, באַהאַלטן זיך אין מעטשעט הינטער אַ גראַטע. אין זייערע באַציאונגען צו „אומגלויביגע" זײַנען זיי שוין ניט געווען אַזוי שטרענג; עטליכע סירישע קריסטן, ווי, למשל, דער באַוואוסטער פּריידיגער און שרײַבער יאָהאַנעס דאַמאַסקינאָס, האָבן פֿאַרנומען בײַ זיי וויכטיגע פּאָסטנס. די שטרענג־פֿרומע מוסולמענער פֿון דער אַראַבישער היים זײַנען געווען אויסער זיך. דערהויפּט זײַנען די מעדינער אַראַבער געווען אויפֿגעבראַכט, וואָס בײַם הויף פֿון די אָמאַיאַדן שטיצט

מען אַזוי שטאַרק די קינסטלער, די ליבהאָבער פֿון מוזיק און געזאַנג. זיי האָבן באַשלאָסן אַרײַנצוציִען דעם כאַליף אין חרם. יעדער גלויביגער האָט געדאַרפֿט קומען אין מעטשעט און אַרײַנוואַרפֿן אין אַ קופּע עפּעס אַ מלבוש: אַ מאַנטל, אַ סאַנדאַליע א. ד. ג., און זאָגן דערבײַ: „אַזוי וואַרף איך אָפּ דעם כאַליף!“. ווען דער כאַליף אין דמשק איז וועגן דעם געוואויר געוואָרן, האָט ער זיך גרויזאַם אָפּגערעכנט מיט די שולדיגע. זײַנע זעלנער זײַנען אַוועק קיין מעדינע און צעראַבירט די שטאָט. די ערטער, וואָס מחמד האָט געהייליגט, זײַנען פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט; אַ 5000 קאָריישיטן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן.

נאָך דער דאָזיגער בלוטבאָד האָט אַראַביע פֿאַרלוירן איר באַדײַטונג אין דער מלוכה.

§ 18. **די אַבאַסידן.** די פֿײַנד פֿון די אָמאַיאַדן, ד. ה. די שיאיטן, די מזרח־אַראַבישע קאָלאָניסטן און די פּערסער, האָבן אין אַ צײַט אַרום אויפֿגעקליבן זייערע כוחות אויפֿן מזרח. אַרום דעם 750־טן יאָר האָט זיך אין מערוו אָנגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד אונטער דער שוואַרצער פֿאָן פֿון די אַבאַסידן, וואָס האָבן געפֿירט זייער יחוס פֿון מחמד'ס נאָהענטע קרובים. דעם כאַליפֿס חיל האָט באַקומען אַ שווערע מַפָּלֶה, אים אַליין האָט מען געטייט און כמעט אַלע זײַנע קרובים אויסגעשאָכטן. כאַליף איז געוואָרן איינער פֿון די אַבאַסידן; אָבער ווי נאָר די דינאַסטיע האָט אָנגעהויבן קיניגן, האָט דער מערבֿ זיך אינגאַנצן אָפּגעשפּאָלטן פֿונם מזרח. שפּאַניע האָט זיך אָפּגעריסן תיכף, און דאָרט האָט גענומען הערשן איינער פֿון די איבערגעבליבענע אָמאַיאַדן; אַ ביסלע שפּעטער האָבן זיך די פּלאַצהאַלטער אין צפֿון־מערבֿ־אַפֿריקע און עגיפּטן אויך דערקלערט פֿאַר זעלבשטענדיגע כאַליפֿן. די מדינה פֿון די אַבאַסידן איז געווען ניט מער ווי אַ העלפֿט פֿונם אַמאָליגן גרויסן כאַליפֿאַט.

די אַבאַסידן האָבן פֿאַרלאָזן דמשק. דער כאַליף מאַנסור האָט אויסגעבויט אַ נײַע קרוינשטאָט בײַם טיגרים, די שטאָט באַגדאַד. די שררות, וואָס האָבן אַרומגערינגלט מאַנסורן, זײַנען געווען דערהויפּט פּערסער. דער כאַליף האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַן אומבאַגרעניצטן הערשער, ער איז געווען גאָטס שטעלפֿאַרטרעטער אויף דער וועלט. ער פֿלעגט באַשטימען, ווי מען האָט זיך פֿריער נוהג געווען בײַ די פּערסער, דעם גרויס־וויזיר, ד"ה דעם אייבערשטן מיניסטער. דער כאַליף האַרון־אַל־ראַשיד, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַן קלוגשאַפֿט, האָט זיך לחלוטין ניט פֿאַרנומען מיט מלוכה־געשעפֿטן און איבערגעגעבן די גאַנצע פֿירונג דעם וויזיר דזשאַפֿאַרן; נאָר ווען האַרון האָט צוליב עפּעס אַ טעם געוואָרפֿן אַ חשד

אויף אים, האָט דזשאַפֿאַר באַצאָלט דערפֿאַר מיט זײַן לעבן. אויך איז לויטן מוסטער פֿון די פּערסער אײַנגעאָרדנט געוואָרן די קייזערליכע פּאָסט. דער שעף פֿון דער פּאָסט איז געווען דעם קיסר'ס אויג: דורך זײַנע באַאַמטע פֿלעגט ער דערגיין וועגן דער שטימונג פֿון דער באַפֿעלקערונג און מעלדן דאָס דעם כּאַליף. אויך פֿלעגט ער אַכטונג געבן אויף דער טעטיגקײַט פֿון די פּלאַצהאַלטער און פֿון דער איבעריגער אַדמיניסטראַציע. דער לוקסוס פֿונם כּאַליף איז גאָרניט צו באַשרײַבן. אין באַגדאַד איז דער פּאַ'אַץ פֿונם כּאַליף, צוזאַמען מיט די שלעסער פֿון זײַנע פֿרויען און פֿון זײַן דינערשאַפֿט, מיט די פּאַרקן און גערטנער, געווען אַ גאַנצע שטאָט; מען האָט געדאַרפֿט אַ שעה צײַט אויף אַרומצוגיין אַרום. דער כּאַליף פֿלעגט שענקען זײַנע מקורבֿים גאָלד־געהעפֿטע פּרעכטיג־אויסגעמאָלטע מלבושים מיט זיין אייגנהענטיג'ער אונטערשריפֿט אָדער מיט עפּעס אַ פּסוק אויף דעם. די זאַלן פֿון די פּאַלאַצן זיינען געווען פֿאַרפֿול מיט יקר־המציאות'ן, למשל אַ גאָלדענער העלפֿאַנד מיט רובינענע אויגן אָדער אַ גאָרטן פֿון גילדערנע ביימער.

די אַראַבער האָבן זיך אויסגעלערנט בײַ די גריכן, סירייער און פּערסער די גענג פֿון מלאָכה און פֿון קונסטן: זיי האָבן שוין געקאָנט אויסאַרבעטן מעטאַלענע זאַכן, כּלי־זיין פֿון שטאָל, גלאָז, דינע שטאָפֿן פֿון באַוול און זײַד, פּרעכטיגע טעפּיכער. אייראָפּע איז אין די אַלע זאַכן געוואָרן שטאַרק הינטערשטעליג אַנטקעגן אַזיע: אַלע נײַע אויפֿטועך, אַלע קונציגע אײַנפֿאַלן פֿלעגן קומען פֿון אַראַבישן מזרח. די פֿאַרגרעבטע אָרימע אייראָפּע האָט דערפֿאַר מאַסנווייז געשיקט אויפֿן מזרח שקלאַפֿן: די הענדלער פֿון מזרח האָבן אָפּגעקויפֿט בײַ די אייראָפּעאישע באַרבאַרן זייערע קינדער אָדער זיי זײַנען אַרײַן אין רעגולערע פֿאַרבינדונגען מיט די גזלנים בײַם דונײַ, וואָס פֿלעגן ליווערן גערויבטע מענטשן. אין דער צײַט פֿון די אַבאַסידן זײַנען אַראַבישע הענדלער אַרײַנגעדרונגען אין מזרח־אייראָפּע: זיי האָבן דאָ גענומען אויפֿקויפֿן רויכוואַרג, פֿעל'ן, וואָל. דער וועג איז געגאַנגען פֿון מיטל־אַזיע איבערן קאַספּישן ים אָדער פֿאַזע זײַן ברעג, דערנאָך איבער די גרויסע רוסישע טײַכן, דערהויפּט איבער דער וואָלגע. אין דער שטאָט בולגאַר, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן אָרט, וואו די קאַמע גיסט זיך אַרײַן אין דער וואָלגע, איז געווען אַ מעטשעט, מען פֿלעגט דאָרט הערן ריידן אַראַביש. די אַראַבישע סוחרים פֿלעגן זיך דאָ באַגעגענען מיט די נאָרמאַנען, וואָס פֿלעגן ברענגען סחורה פֿון באַלטישן ים.

§ 19. די קולטור פֿון די אַראַבער. אַרום דעם 800־טן יאָר

איז די קריגערישע היץ פֿון די אַראַבער אָפּגעקילט געוואָרן; זיי האָבן זיך גענומען צו מסחר, מלאכה און וויסנשאַפֿט. דער ווייַט־אויסגעשפּרייטער האַנדל האָט אַרויסגערופֿן אַן אינטערעס צו נסיעות און צו געאָגראַפֿישע באַשרייַבונגען. די גלויביגע האָבן זיך געפֿלייַסט צו דערגרונטעווען און אויפֿצוקלייַבן דעם רעכֿטן אמת וועגן דעם גרינדער פֿון דער אֶמונה; מענטשן מיט אַ וויסן־דראַנג האָבן געוואָלט הערן די ריכטיגע פּירושים אויפֿן קאָראַן און פֿלעגן ניט זשאַלעווען קיין טרחא, אויב עס פֿלעגט אויסקומען צו רייַזן ווייַט. נסיעות זייַנען געוואָרן אַזוי ווי אַ מצווה־זאַך. עס איז געגאַנגען אַ ווערטל: „ווער עס לאָזט זיך אין וועג לשם וויסנשאַפֿט, דעם וועט גאָט פֿאַר־גרינגערן דעם וועג אין גן־עדן אַרייַן". די אַראַבישע געאָגראַפֿן זייַנען געווען רייַזנדערס, וואָס האָבן פֿאַרשריבן זייערע אייגענע לעבעדיגע אייַנדרוקן. דער געאָגראַף מאַסודי, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 10־טן י"ה, אַליין אַ געבוירענער אין באַגדאַד, איז אויסגעווען אין פּערסיע, אינדיע, אויף ציילאָן, אין כינע, בייַם קאַספּישן ים, אין מצרים און אויפֿן אינזל מאַדאַגאַסקאַר.

די כאַליפֿן האַרון־אַל־ראַשיד און מאַמון (אָנהייב 9־טן י"ה) האָבן זיך אָנגענומען פֿאַר די וויסנשאַפֿטן: בייַם הויף האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן פֿון גריכיש און אינדיש פֿאַרשיידענע אַסטראָנאָמישע, מאַטעמאַ־טישע און פֿילאָסאָפֿישע ווערק. די אַראַבער האָבן געלערנט מיט התמדה. דער כאַליף אַלי האָט געזאָגט: „די חכמה פֿון דער וועלט איז אַ פֿאַר־בלאָנדזשעטע שעפֿעלע, וואָס דער גלויביגער האָט אָנגעווירן; מען דאַרף באַקומען דאָס שעפֿעלע צוריק, אַפֿילו פֿון די הענט פֿון די אומגלויביגע". אינגיכן האָבן די אַראַבער אויסגעשטודירט די ווערק פֿון אַריסטאָטעלעסן, פֿון אייקלידעסן דעם מאַטעמאַטיקער, פֿון פּטאָלעמייַאָסן דעם געאָגראַף, פֿון גאַלענאָסן דעם מעדיקער; זיי האָבן באַקומען אַ השגה, אַז די ערד איז קייַלעכֿדיג, זיי האָבן גענומען פֿאָרויסרעכֿענען די זון־פֿינסטערנישן, די באַוועגונג פֿון די פּלאַנעטן און קאָמעטן.

די אַראַבער האָבן זיך עוסק געווען מיט קונסט און וויסנשאַפֿט אין אַ צייַט, ווען די מערבֿדיגע לענדער זייַנען געווען פֿאַרזונקען אין עם־הארצות. שפּעטער זייַנען די אייראָפּעער דווקא פֿון די אַראַבער (אין אַ גרויסער מאָס דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון יידן) געוואויר געוואָרן וועגן דער גייַסטיגער אַרבעט פֿון די אַלטע גריכן; און פֿון דעם טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן די אייראָפּעאישע וויסנשאַפֿט. אַ סך וויסנשאַפֿט־ווערטער אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן זאָגן עדות, אַז די אייראָפּעאישע פֿעלקער זייַנען געווען תּלמידים ביי די אַראַבער: „אַלגעברע", „אַלקאָהאָל", „כעמיע", „זעניט" זייַנען גע־

נומען פֿון אַראַביש; דאָס אייגענע אַ סך אַנדערע ווערטער פֿון מסחר און אומבײַט: „באַזאַר“, „מאַגאַזין“, „טאַריף“, „אַרסענאַל“, „ציפֿער“.

צווישן די מחמדאַנער זײַנען אויך געווען מאָנאַכן, אַזוי ווי צווישן קריסטן. זיי האָבן געהייסן סופֿיטן, ווײַל זיי פֿלעגן טראָגן אַ סוף, אַ לאַנגן פּראָסטן בגד פֿון קעמל־האָר: זיי פֿלעגן אָדער לעבן ווי פֿאַקירן (ביחידות) אָדער בילדן חברותות פֿון דערווישן (אָרימעלײַט), וואָס האָבן געלעבט פֿון נדבות און זײַנען אומגעגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט. די דערווישן האָבן געוואָלט אַרויסרופֿן בײַ זיך אַ הייליגע דבֿקות און התלהבות מיט תּעניתים, מיט פּײַניגן זיך, מיט זיצן לאַנג פֿאַרשלאָסן אין אַן ענגן שטיבל, מיט אַ גיכן טאַנץ, פֿון וועלכן דער קאָפּ האָט זיך געדרייט אָדער דורך אומענדליכע איינטאָניגע געזאַנגען פֿון גײַסטליכע לידער, ביז וואַנען זיי פֿלעגן בלײַבן אָן כּוחות. אינם לעבן און אין די השגות פֿון די דערווישן דערזעהען מיר איבעראַנײַס דאָס אַלטע וואַנדער־לעבן פֿון די אַראַבישע שבֿטים. אויפֿן פּראָסטן עולם אין די שטעט און אויף דער באַפֿעלקערונג אין סטעפּ האָבן די דערווישן געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה.

§ 20. די טערקן און די צעפֿאַלונג פֿון כאַליפֿאַט. די מדינה פֿון די אַראַבער איז באַשאַפֿן געוואָרן דורך דעם, וואָס די סטעפּ־שבֿטים האָבן פֿאַרכאַפּט די גרויסע אַקערלענדער: סיריע, מצרים, דעם פּליין פֿון אייפֿראַטעס א. אז. וו. — דאָס אויפֿהאַלטן דעם אַראַבישן חיל, די זעלנערשע קאָלאָניעס און דעם כאַליפֿס הויף האָבן געקאָסט גוואַלדיגע סומעס געלט; אַחוץ דעם פֿלעגט מען נאָך רײַסן פֿון די באַזיגטע צינז און אָפּגאָבן אין נאַטור, און די אײַנגענומענע לענדער זײַנען אַלץ מער פֿאַראָרימט געוואָרן. גלײַכצײַטיג איז די קריגערישקייט פֿון די אַראַבער אָפּגעשוואַכט געוואָרן; אויף צו פֿאַרפֿולן זייער חיל האָבן זיי געמוזט אָנקומען צום נײַ־געקומענעם סטעפּ־פֿאָלק, וואָס האָט זיך באַוויזן אין מיטל־אַזיע — צו די טערקן. אָט די טערקן זײַנען באַלד געוואָרן פֿאַר דער אַראַבישער מדינה דאָס, וואָס די גערמאַנער פֿאַר דער רוימישער אימפּעריע.

פֿון די טערקן האָט מען גענומען בילדן אָפּטיילונגען אָפּצוהיטן די גרעניצן; פֿון מיטן פֿון 9־טן י"ה פֿלעגט דער כאַליף זיך אַרומרינגלען מיט אַ גוואַרדיע פֿון טערקן. און פּונקט אַזוי ווי די הויפּטלײַט פֿון די גערמאַנישע מחנות האָבן אָפּגעשטופּט די קיסרים, אַזוי האָבן די טערקישע קאָמאַנדירן צוגענומען די מאַכט בײַם כאַליף. דער טערקישער סולטאַן האָט אין 10־טן י"ה פֿאַרכאַפּט די שליטה איבערן חיל און איבער די שטײַערן און איבערגעלאָזט בײַם כאַליף נאָר די מאַכט פֿון דער אייבערשטער

גײַסטליכער פּערזאָן. אין יענער צײַט האָבן שוין צום הויפּט־כאַליפֿאַט באַלאַנגט נאָר די לענדער וואָס אַרום דער אַראַבישער מדבר. אַחוץ די כאַליפֿאַטן פֿון קאָרדאָווע (שפּאַניע), אַפֿריקע און מצרים האָבן זיך נאָך אָפּגעטײלט באַזונדערע כאַליפֿאַטן אין טורקעסטאַן און אין די מזרח־פּער־סישע געגנדן.

די טערקן זײַנען דאָס די צווייטע כוואַליע נאָמאַדן פֿון דער סטעפּ; זיי זײַנען געקומען צו גיין מיט אַ דריי־פֿירהונדערט יאָר שפּעטער נאָך דער ערשטער כוואַליע — די אַראַבער. די דאָזיגע אָנפֿאַלן פֿון די סטעפּ־פֿעלקער האָבן כסדר געמינערט די קולטור. די אַראַבער האָבן כאָטש אויפֿגעהיט די ירושה פֿון די גריכן, פּערסער און אינדער; די טערקן זײַנען געווען אַ סך מער פֿאַרגרעבט פֿאַר זיי, און זינט זייער אָנקומען האָט די קולטור אין די מזרח־לענדער שטאַרק גענומען פֿאַלן.

בעסער ווי אַלץ האָט זיך די קולטור פֿון די אַראַבער אויפֿגעהיט אויף מערבֿ. די אַפֿריקאַנישע מוסולמענער (ס אַ ר אַ צ ע נ ע ר, ווי די אייראָפּעער האָבן זיי גערופֿן) האָבן ניט אויפֿגעהערט צו פֿאַרכאַפּן די שכנישע לענדער. זיי האָבן פֿאַרנומען סיציליע, די ברעגעס פֿון דרום־איטאַליע. די סאַראַ־צענער האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם מסחר מיט דער דרום־מערבֿדיגער אייראָפּע; פֿון זיי פֿלעגן דערגיין צו די קריסטליכע פֿעלקער וויסנשאַפֿטליכע ידיעות, קונסט, פּאָעזיע.

די הויפּטשטאָט פֿון שפּאַנישן כאַליפֿאַט, ק אָ ר ד אָ ו ע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרייס און מיט איר צאָל איינוואוינער; אין דער ווײַטער קריסטליכער זאַקסן איז געזעסן אַ געלערנטע פּאָעטין אַ מאָנאַשקע, וואָס האָט באַזונגען קאָרדאָווע מיט אַזוינע ווערטער: „ליכטיגע שיינקײַט פֿון דער וועלט, יונגע פּרעכטיגע שטאָט, וואָס שטראַלט מיטן גלאַנץ פֿון איר גאַנצער רײַכקײַט“. די כאַליפֿן האָבן אײַנגעאָרדנט אין קאָרדאָווע אַ ביבליאָטעק פֿון עטליכע הונדערט טויזנט בענד און אַ הויכשול, וואו עס פֿלעגן לערנען טויזנטער „סטודענטן“. אין 9־טן און 10־טן י"ה פֿלעגן די אייראָפּעער, וואָס זײַנען געווען להוט נאָך וויסנשאַפֿט, פֿאָרן לערנען זיך אין שפּאַניע. די אַלטגעזעסענע שפּאַנישע קריסטן האָבן זיך דערנעהנטערט צו די אײַנגעמער; אַ סך גאָטער און רוימער האָבן זיך אויסגעלערנט אַראַביש, אָנגעהויבן אינטערעסירן זיך מיט דער אַראַבישער פּאָעזיע און פֿאַרנומען הויכע ערטער אין דער אַדמיניסטראַציע און בײַם הויף.

3. ביזאַנץ.

§ 21. די אימפּעריע אין 7־טן י"ה. די אימפּעריע האָט זיך

ניט לאַנג אײַנגעהאַלטן אין דער פֿאָרם, ווי יוסטיניאַנוס האָט זי אויפֿ־
געשטעלט. דער קיסר האָט זיך געפֿונען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (אָדער
ביי־רוים, ווי מען האָט דאָס גערופֿן), און עס איז אים שווער געווען אײַנ־
צוהאַלטן בײַ זיך דאָס אַלטע רוים און איטאַליע; דער פּויפּסט האָט דאָ
געהאַט מער דעה ווי דעם קיסר׳ס פּלאַצהאַלטער און איז געווען כמעט ווי
אומאָפּהענגיג פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זעער שוואַך איז אויך געווען דעם
קיסר׳ס שליטה אויפֿן מזרח, אין סיריע און מצרים (עגיפּטן), וואו דאָס רובֿ
באַפֿעלקערונג האָבן געהערט צו אַנדערע סעקטעס. אין אָנהייב פֿון 7־טן
י״ה האָט דער קיסר העראַקליוס, אַלס „גאָטס פּלאַצהאַלטער אויף דער
וועלט“, געפֿירט אַ לאַנגע „הייליגע מלחמה“ מיט די פּערסער און צוגע־
נומען בײַ זיי סיריע און מצרים, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿאַרכאַפּט; ער
האָט אויך אויסגעבויט צוריק די הייליגקײַטן פֿון ירושלים, וואָס זיי האָבן
צעשטערט בעת זייער ממשלה. נאָר עס זײַנען קיין צעהן יאָר ניט אַוועק,
זײַנען דיזעלבע לענדער אַרײַנגעפֿאַלן צו אַן אַנדער פֿאַרכאַפּער אין די
הענט; דאָסמאָל זײַנען דאָס געווען די מוסולמענישע אַראַבער (אין 640־טן
י.). די מאָנאָפֿיזיטישע אײַנוואוינער, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט אײַנ־
לעבן מיט דער אימפּעריע, האָבן זיך באַלד אָפּגעריסן פֿון איר און אָנ־
ערקענט די מאַכט פֿון די נייע הערשער, וואָס האָבן גרינגער געמאַכט די
שטײַערן. דערהויפּט איז פֿאַר דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אימפּעריע
שווער געווען איבערצוטראָגן דעם אָנווער פֿון עגיפּטן, מחמת פֿון דאָרט
פֿלעגט קומען גאָר די תבואה. נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער
(אַרום 700) האָבן די אַראַבער אײַנגענומען קאַרטאַגאָ. עטליכע מאָל
האָבן זיי חרוב געמאַכט קליין־אַזיע און דרײַמאָל צוגעטראָטן מיט זייער
פֿלאָט צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אַרום דעם 700־טן י. איז די אימפּעריע געווען פֿירמאָל קלענער,
איידער אין 560־טן יאָר, אין יוסטיניאַנס צײַטן. עס זײַנען איר נאָר
איבערגעבליבן דער דרום־מזרח׳דיגער טייל פֿון באַלקאַנישן האַלב־אינזל
און קליין־אַזיע; אויף מערבֿ — סיציליע און ברעקלעך פֿון איטאַליע. די
אימפּעריע איז קלענער געוואָרן, נאָר גלײַכצײַטיג איז זי געוואָרן קרעפֿטיגער.
עס זײַנען פֿאַרבליבן כמעט ווי נאָר די אַלטע גריכישע געגנדן. פֿון דער
רוימישער אימפּעריע איז געוואָרן ביזאַנץ, לויטן נאָמען פֿון איר גרי־
כישער הויפּטשטאָט אין גריכט, אין די מלוכה־קאַנצעלאַריעס, אין די
געזעצביכער, בײַם הויף איז די לאַטײַנישע שפּראַך אַרויסגעשטופּט גע־
וואָרן דורך דער גריכישער. דעם הערשער האָט מען שוין איצט גערופֿן
ניט „אימפּעראַטאָר“ און ניט „אווגוסטוס“, נאָר „באַסילעווס“ (בײַ די

סלאַווען — צאַר; „צאַר“ איז אַ פֿאַרקירצונג פֿון „צעזאַר“). נאָר די מדינה האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ פֿאָרטזעצונג פֿון דער רוימישער אימפּעריע, און די באַפֿעלקערונג האָט זיך נאָך אַלץ גערופֿן אויפֿן אַלטן שטייגער „ראָמעער“ (רוימער).

§ 22. דער קיסר, די גײַסטליכקײַט און דאָס פֿאָלק. די אײַנאָרדענונג פֿון דער מדינה איז געבליבן אַזוי ווי אין די צײַטן פֿון דיאָקלעציאַנוסן און יוסטיניאַנען. דער קיסר האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ הייליגע פּערזאָן; מען פֿלעגט זאָגן, „אַז העכער פֿאַר אים איז נאָר גאָט און באַלד נאָך גאָט גייט ער“. בײַם צונעמען באַזוכער פֿלעגט דעם קיסר אַרויסגיין אין שווערע מלבושים פֿון אַ גייסטליכן. אין אַ היטל מיט אַ צלם פֿון אויבן, ביים ריח־ניחוח פֿון ווײַרעך און בײַ גײַסטליכע געזאַנגען. אין טראָן־זאַל האָט מען געהאַלטן די הייליגקײַטן: משה'ס שטעקן, דעם צלם, אויף וועלכן מען האָט קריסטוסן געקרייציגט. אַרײַנגייענדיג צום קיסר, האָט מען זיך געמוזט וואַרפֿן אויף דר'ערד, קושן זײַנע פֿיס; די סטאַטועס פֿון קיסר האט מען אָפּגעגעבן כבוד, ווי אַ גאָט. ווען עס פֿלעגט אָנקומען ערגעץ דעם קיסרס אַ באַפֿעל, באַקרעפֿטיגט מיטן גילדערנעם חותם, פֿלעגט דער באַאַמטער, איידער ער פֿלעגט עפֿענען דעם פּאַפּיר, צולייגן אים צום שטערן, צו די אויגן און צו די ליפּן. דעם גרעסטן גלאַנץ פֿלעגט מען באַווײַזן פֿאַר שלוחים פֿון אויסלאַנד. זיי האָבן דערנאָך דערציילט, אַז מען פֿלעגט זיי לאַנג האַלטן בײַם פֿאָרדאַנג, וואָס הינטער אים זײַנען געזעסן דער קיסר מיט זײַן סוויטע; ווען דער פֿאָרהאַנג פֿלעגט זיך פֿונאַנדעררוקן, האָט מען געזעהן דעם פֿוס פֿון טראָן. פֿון בײדע זײַטן טראָן זײַנען געשטאַנען גאָלדענע לייבן, וואָס האָבן געשריען און געשלאָגן מיט די וויידלען. אַז דער שליח פֿלעגט אויפֿהייבן די אויגן, פֿלעגט ער דערזען דעם קיסר; נאָר אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך געבוקט ביז דער ערד, פֿלעגט זיך דער טראָן אויפֿהייבן ביזן באַלקן, בײַם רויש פֿון מוזיק, און דער קיסר פֿלעגט זיך פּלוצלונג באַווייזן אין אַן אַנדער קליידונג, אַזוי אַז קיינער פֿלעגט גאָרניט באַמערקן, ווען האָט ער דאָס באַוויזן זיך איבערצוטון. דער קיסר האָט זיך נאָר פֿאַרגונען אויסצוהערן דעם שליח און צוצונעמען די מתנות. געענטפֿערט האָט **דער גרויסער לאָגאָטעט**, אָדער, אויף אונזער הײַנטיגן לשון, דער מיניסטער פֿאַר אויסווענינגסטע ענינים, וואָס איז געשטאַנען צו־פֿוסנס דעם טראָן.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז די מאַכט פֿון ביזאַנטישן קיסר איז געווען אינגאַנצן אומבאַגרעניצט. ער האָט זיך געמוזט צוהערן צו די מיינונגען

פֿון די סינאָדן, ד"ה די גרויסע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די ביסקופֿן. די ביסקופֿן האָבן פֿאַרמאָגט גוואַלדיגע נחלאות און בכלל גרויסע ווײַכטימער; זיי פֿלעגן משפּט'ן זייער פֿאָלק, צונעמען בקשות פֿון פֿאָלק.

אינם נײַעם רוים איז איבערגעבליבן נאָך אַ סימן פֿונם אַלטן רוים — דאָס איז די שטים פֿונם שטאָטישן המון. דאָס פֿאָלק האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל באַקומען ברויט פֿון דער מלוכה־קאַסע. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט דער קיסר פֿון באַלקאָן פֿון זײַן פּאַלאַץ האַלטן אַ רעדע צום המון וואָס אויף די גאַסן; די מיניסטאָרן פֿלעגן זיך אײַנהערן ווי אַזוי דאָס פֿאָלק נעמט אויף די ווערטער. אינם גרויסן פֿערדן־צירק (היפּאָדראָם) האָט דאָס פֿאָלק זיך געטיילט אויף פֿיר פּאַרטייען (דימעס): גרינע, בלויע, רויטע און ווײַסע. יעטווידער פּאַרטיי האָט זיך געהאַט אירע אויסגעקליבענע הויפּטלײַט, איר קאַסע, וואָס האָט זיך געבילדעט פֿון בײַטראָגן; די פּאַרטיי־לײַט האָבן געפּראַוועט יום־טובים און סעודות, זיי האָבן געהאַט באַוואָפֿנטע מחנות. די צירק־פּאַרטייען האָבן זיך באַטייליגט אין די קלויסטערשע מחלוקת'ן: איינע זײַנען געווען נוטה צו די רעכטגלויביגע, אַנדערע — צו די „הערעטיקער". דער קיסר איז געווען אָפּהענגיג פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט פֿון דאָזיגע פּאַרטייען; די בעסטע ראיה איז דער גרויסער אויפֿשטאַנד אין יוסטיניאַנס צײַטן.

אויך האָט דער קיסר זיך געמוזט צוהערן צו דער שטימונג פֿון די זעלנער. אין ביזאַנץ, ווי אויך אין דער אַלטער אימפּעריע, איז ניט געווען קיין איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אָנגענומענער סדר, צו וועמען עס דאַרף אַריבערגיין בירושה דער טראָן, ווען דער קיסר שטאַרבט. אַ מעכטיגער קיסר האָט געקאָנט פּועל'ן, אַז זײַן זון זאָל ירש'ענען די מאַכט, און אויף אַזאַ אופֿן זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן דינאַסטיעס. נאָר אָפֿטמאָל פֿלעגט אַ זעלנער־קאָמאַנדיר אַרײַנכאַפּן די ממשלה, און ווען ער האָט נושא־חן געווען ביים חיל און בײַ די צירק־פּאַרטייען, האָט ער אָנגעטון דעם קייזערליכן פּורפּור־מאַנטל. אין ביזאַנץ זײַנען געווען קיסרים פֿון צווישן די באַרבאַרן, וואָס האָבן געדינט דער אימפּעריע, סלאַוון, איסאַווריער (אַ קליין־אַזיאַטישער שבֿט פֿונם געגנט איסאַווריע), אַרמענער, מענטשן, וואָס זײַנען אַמאָל געווען פּויערים, שטאַל־קנעכט, שיף־אַרבעטער, קצבֿים. ווער עס האָט דערגרייכט די מאַכט, דער האָט זיך ניט געשעמט צו באַזײַטיגן זײַן קאָנקורענט מיט אַלע מיטלען, אָדער ער האָט איבערגוואַלד געצווונגען דעם קיסר צו אָנערקענען אים פֿאַר אַ מיטרעגירער.

פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס די מזרח'דיגע אימפּעריע האָט עקזיסטירט פֿאַר זיך, ד"ה פֿון טעאָדאָסיוסעס טויט (אין 395־טן יאָר) ביזן 1453־טן

יאָר, ווען די טערקן האָבן פאַרנומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן רעגירט 109 קיסרים; פון זיי זייַנען נאָר 34 געשטאָרבן מיט זייער נאַטירליכן טויט. די אַנדערע האָט מען געגנויט אָפּצוזאָגן זיך אָדער מען האָט זיי געטייט; פאַר די 1058 יאָר זייַנען געווען 65 אויפשטאַנדן און איבערקערענישן אין פּאַלאַץ, אין צירק אָדער אין די קאַזאַרמעס.

§ 23. **די מאָנאַכן.** זינט עס האָט זיך געבילדעט די אַראַבישע מלוכה, איז אויף מזרח אויסגעוואַקסן אַ שטענדיגע סכנה. בכדי אייַנצו־היטן זיך פון די אָנפאַלן פון די אַראַבער, האָט מען אויסגעבויט איבער גאַנץ קליין־אַזיע אַ קייט וואַך־טורעמס אויף אַלע העכערע ערטער; דער לעצטער פונקט איז געווען דער גרויסער לייַכט־טורעם בייַם קאָנסטאַנטי־נאָפּאָלער פּאַלאַץ: דורך די פייַערס, וואָס מען פלעגט אָנצינדן אויף די טורעמס, פלעגט די ידיעה וועגן דעם אָנפאַל דערגרייכן אין עטליכע שעה פון גרעניץ ביז דער הויפטשטאָט.

די שווערע מיליטערישע לאַגע האָט זיך אָפּגערופן אויף די זיטן און אויף דער בילדונג. דער 7־טער י"ה נ. ק. (600—700) איז אין ביזאַנץ, פונקט אַזוי ווי אין מערב, אַ צייַט, ווען די בילדונג איז זייער שטאַרק גע־פאַלן. די קריסטליכע אמונה האָט זיך אויסגעמישט מיט פאַרשיידענע ווילדע אייַנריידענישן, געוואוינטשאַפטן און יום־טובים, וואָס זיינען געבליבן לעבן אין פאָלק נאָך פון דער צייט פון דער עבודה־זרה. מען פלעגט אפילו ברענגען מענטשן פאַר קרבנות. בשעת די אַראַבער האָבן באַלעגערט פּערגאַמאָן, האָט איינער אַ כישוף־מאַכער געגעבן אַזאַ מין עצה: מען זאָל נעמען אַ געווינערין מיט איר נייַ־געבוירענעם קינד, צעהאַקן זיי אויף שטיקער און אַרייַנוואַרפן אין אַ זידנדיגן קעסל; און מען האָט אים גע־פאָלגט, און די זעלנער האָבן אייַנגעטונקט זייערע הענטשקעס אין דעם קעסל. זיי זייַנען געווען זיכער, אַז דאָס וועט זיי געבן גליק אין שלאַכט. די מענטשן זייַנען כסדר געווען אין הוילע שרעק, פלעגן זיי זוכן שוץ און הילף ביי איבערנאַטירליכע כוחות און גלייבן אַלע ווילדע נאַרישקייַטן. פאַרן בילד פון קריסטוסן, פאַר די הייליגע־בילדער, פאַר די סטאַטועס האָט מען זיך געבוקט, ווי פאַר געצן; מען פלעגט אַראָפּקראַצן די פאַרב פון די סטאַטועס און אַראָפּשלינגען; דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ סגולה.

אין דער צייַט פון דער דאָזיגער אַלגעמיינער פאַרצווייפלונג האָט זיך באַזונדער שטאַרק אַנטוויקלט דאָס מאָנאַכנטום. אַ רייַכער מענטש פלעגט פון פריער אָנגרייטן פאַר זיך אַ קבר און אויסבויען דערבייַ אַ מאָנאַסטיר, כדי מען זאָל דאָרט בעטן גאָט פאַר זייַן נשמה. אָרימערע פויערים פלעגן

זיך אויך צונויפֿליי́גן און בשותפות גרינדן א געמיינדע פֿון מאָנאַכן. אין די ערטער, וואָס מען האָט גערעכנט פֿאַר באַזונדערס הייליג, האָט מען געבויט אַ מאָנאַסטיר אויף אַ מאָנאַסטיר, און עס זיינען דאָרט אויס־געוואַקסן גרויסע ישובים. אזוי איז געווען, למשל, אויף די בערג אידע און אָלימפּאָס אין קליין־אַזיע, אויפֿן באַרג אַטאָס (אַפֿאָן) וואָס אויפֿן האַלב־אינזל כאַלקידיקע. די מאָנאַכן האבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפֿן פֿאָלק: א סך מענטשן האָבן געגלויבט, אַז די תּפֿילה פֿון אַ מאָנאַך קאָן ראַטעווען פֿון גיהנום 150 רשעים. אָן א שיעור פֿלעגט מען טראָגן אין די מאָנאַסטירן מתּנות; זייערע געביי̆ען זיינען געוואַקסן און שענער גע־וואָרן; אַ סך מענטשן פֿלעגן אַהין אַוועקגיין, כדי פּטור צו ווערן פֿון די שטייערן. די מאָנאַסטירן האָבן אָפּגעצויגן אַ סך מענטשן פֿון מיליטער־דינסט; טראָגנדיג געלט אין מאָנאַסטיר, פֿלעגט מען ראַטעווען די קאַפּי־טאַלן פֿון דער מלוכה־קאַסע. פֿאַר די קיסרים האָט דאָס ניט געלוינט; און דעריבער האָבן זיי אין 8־טן י״ה אָנגעהויבן א קריג מיט די מאָנאַכן. דאָס איז אויסגעקומען צוזאַמען מיטן שטרייט וועגן די הייליגע בילדער.

§ 24. **דער בילדער־שטרייט.** אין קליין־אַזיע איז געווען אַ סעקטע, פּאַוליקיאַנער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ערנדיג גאָט טאָר מען זיך ניט בוקן פֿאַר בילדער, וואָס זיינען געמאַכט פֿון אַ מענטשנס האַנט. די מוסולמענער און יידן פֿלעגן אויפֿוואַרפֿן די קריסטן, אַז זיי האָבן פֿאַרגעסן אין גאָט און בוקן זיך פֿאַר „שטיינער, ברעטער און ווענט“. אַ סך ביסקופֿן, דערהויפּט אין קליין־אַזיע, האָבן זיך אויך זייערע אַסיפֿות (סינאָדן) אַרויסגעזאָגט קעגן דער בילדער־ערונג. נאָר די מאָנאַכן האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די בילדער שטאָל און אייזן. ביי די בילדער פֿלעגן זיי תּפֿילה טון, און אויף דעם האָט זיך געהאַלטן זייער גאַנצע השפּעה. אַחוץ דעם האָבן אַ סך מענטשן אין די מאָנאַסטירן געצויגן זייער חיונה פֿון אויסאַרבעטן הייליגע בילדער.

די ערשטע צוויי קיסרים פֿון דער איסאַורישער דינאַסטיע, לעאָן III. (717—741) און קאָנסטאַנטין V. האָבן זיך געשטעלט אויפֿן צד פֿון די בילדער־שטורעמער (ד״ה די וואָס זיינען געווען קעגן די בילדער) און די שונאים פֿונם מאָנאַכנטום. לעאָן III. האָט געראַטעוועט קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל פֿון אַ גרויסן אַראַבישן פֿלאָט און חיל; ער איז געווען זעער אַריינגעטון אין די מיליטערישע ענינים פֿון דער אימפּעריע. אין דעם בילדער־קריג האָט ער זיך אַריינגעמישט ניט נאָר דערפֿאַר, ווייל ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם שאָדן, וואָס דאָס מאָנאַכנטום ברענגט דער אימפּעריע; ער האָט נאָך געהאַלטן, אַז ער איז „דער אייבערשטער הערשער און

גייסטליכער" און ער איז באַרופֿן פֿעסטצושטעלן די עיקרים פֿון דער אמונה. דער קיסר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אַראָפּצונעמען די בילדער, אַרויסטראָגן זיי פֿון די קלויסטערס אָדער פֿאַרשמירן זיי מיט פֿאַרב. אגב אורחא איז אויך באַפֿוילן געוואָרן צו פֿאַרניכטן דאָס קריסטוס־בילד, וואָס איז געהאַנגען אין קוואַרטל פֿון די אײַזן־הענדלער און פֿאַר וועלכן דער עולם האָט געהאַט דעם גרעסטן אָפּשײַ. דער אויפֿגערייצטער המון האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַלע טרעפּ דעם באַאַמטן, וואָס איז געקומען אַראָפּנעמען דאָס בילד, און האָט אים גע׳הרג׳עט. דער קיסר האָט געהייסן טייטן די מורדים. דער פּאַטריאַרך פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, הערמאַן, האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטימען צום קיסר׳ס באַשלוס; האָט מען אים אַראָפּגעוואָרפֿן און אַוועקגעזעצט אַ נײַעם; נאָר דאָס פֿאָלק האָט באַוואָרפֿן מיט שטיינער דעם נײַעם פּאַטריאַרך. נאָך שטרענגער, ווי לעאָן III., האָט געטון קאָנסטאַנטין V. ער פֿלעגט פּשוט פֿאַרמאַכן די מאָנאַסטירן און איינאָרדענען דאָרט אַרסענאַלן, קאַזאַרמעס, פֿערד־שטאַלן. די גרויסע נחלאות, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די מאָנאַסטירן, האָט ער צוגענומען פֿאַר דער מלוכה און געשענקט די זעלנער פֿאַר זייער גוטן דינסט. די מאָנאַכן האָט מען געצוואונגען חתונה צו האָבן, אָנצוטון וועלטליכע בגדים; די וואָס האָבן ניט געפֿאָלגט האָט מען אַרויסגעפֿירט אין צירק און עפֿנטליך חוזק געמאַכט פֿון זיי, געזעצט אין די תּפֿיסות, פֿאַרטריבן פֿון לאַנד. אויפֿן צד פֿון קיסר זײַנען געווען די זעלנער און אויך אַ גרויסער טייל פֿון די העכערע גײַסטליכע, ווײַל זיי זײַנען געווען אומצופֿרידן מיט די מאָנאַכן, וואָס פֿאָלגן ניט די בישקופֿן.

נאָך קאָנסטאַנטינס טויט האָט די קייסערינע איריניע, וואָס האָט רעגירט אָנשטאָט איר קליינעם זון, אויפֿגערופֿן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם זיבעטן קאָנציל (= גייסטליכער צוזאַמענפֿאָר). דאָס איז געווען אין 787־טן יאָר. דער קאָנציל האָט באַשלאָסן אויפֿצושטעלן צוריק די הייליגע בילדער, נאָר די גוואַרדיע, וואָס איז געבליבן געטריי קאָנסטאַנטינען, האָט צעטריבן דעם צוזאַמענפֿאָר; די זעלנער זײַנען אַרײַן אין קלויסטער, וואו עס איז פֿאָרגעקומען די זיצונג, און געהייסן די בישקופֿן זיך פֿונאַנדערגיין. נאָך צוויי מאָל האָט זיך צעפֿלאַקערט דער בילדער־שטרײַט, נאָר סוף־כּל־סוף האָט מען זיך אומגעקערט צו די באַשלוסן פֿון זיבעטן קאָנציל. אין 843־טן יאָר האָט מען געפֿייערט דעם גרויסן שלום אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; פֿון אָלימפּאָס און פֿון אַטאָס זײַנען געקומען אַ סך מאָנאַכן; לכבוד דעם, וואָס מען האָט ווידער אויפֿגעשטעלט די הייליגע בילדער, האָט מען באַשטימט דעם יום־טוב פֿון רעכטגלויביקייט.

דער בילדערשטרײַט האָט פֿאָרט איבערגעלאָזט שפּורן אין ביזאַנץ. אין די קלויסטערס זײַנען געבליבן בילדער, נאָר עס זײַנען פֿאַרשוואונדן געוואָרן די גרויסע סטאַטועס פֿון קריסטוסן, פֿון גאָטס־מוטער און פֿון די הייליגע; די קלויסטערס זײַנען שוין ניט געווען מער אַזוי בונט, עס איז אַ ביסל אַראָפּ פֿון זיי דער גלאַנץ, זיי זײַנען געוואָרן מער כּמורנע, שטילער. דער אויסגאַנג פֿון קריג איז געווען ניט לטובֿת די מאָנאַכן. די קיסרים, וואָס האָבן יאָ געהאַלטן פֿון בילדער, האָבן ניט אַוועקגעגעבן צוריק דעם פֿאַרמעגן, וואָס זייערע פֿאָרגייער די בילדער־שטורעמער האָבן קאָנפֿיסקירט. זיי פֿלעגן אַליין פּסק'ענען אַלע רעליגיעזע פֿראַגן, זיי פֿלעגן אַליין באַשטימען און אַראָפּוואַרפֿן גײַסטליכע. עס איז געוואָרן אַ מנהג צו באַשטימען פֿאַר אַ פּאַטריאַרך אַ וועלטליכע פּערזאָן: דער פּאַטריאַרך איז געוואָרן אַזוי ווי אַ הויפּט־באַאַמטער פֿאַר גײַסטליכע ענינים ביים קיסר און האָט געמוזט פֿאָלגן אַלצדינג, וואָס דער קיסר האָט געהייסן.

§ 25. **די אויסשפּרייטונג פֿון די סלאַוון.** אין 7־טן און 8־טן י"ה זײַנען די הויפּט־שונאים פֿון ביזאַנץ געווען די אַראַבער. אַרום דעם 800־טן יאָר האָט זיך דער וואוקס פֿון דער מזרח־אַראַבישער מדינה אָפּגעשטעלט; נאָר אָנשטאָט דעם איז אויסגעוואַקסן פֿאַר ביזאַנץ אַ נײַע סכּנה—מצד די פֿעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אויף צפֿון־זײַט. פֿון זיי האָט די ביזאַנטישע אימפּעריע געהאַט זייער פֿיל אויסצושטיין אין 9־טן און 10־טן י"ה.

הינטער דעם באַלקאַן, אויף צפֿון, פּאַזע דעם דונײַ, הייבן זיך אָן די ברייטע פּליינען, וואָס שליסן זיך אָן אָן די סטעפּעס, וואָס ביים שוואַרצן און קאַספּישן ים. דאָ האָבן געוואַנדערט די ווילדע האָרדעס פֿון ט י ו ר ק י ש ע ר (טערקישער, אָדער טאָטערשער) אָפּשטאַמונג, וואָס פֿלעגן קומען צו גיין פֿון מיטל־אַזיע. זיי פֿלעגן נעמען צינז פֿון די ס ל אַ ו ו ן און האָבן געמאַכט אונטערטעניג אונטער זיך די סלאַווישע שבֿטים, וואָס זײַנען געזעסן נאָהענט בײַ דער סטעפּ. אַ היפּשער טייל פֿון די דרום־סלאַוון, וואָס האָט זיך אָפּגערוקט פֿון די נאָמאַדן, איז אָנגעקומען אויפֿן באַלקאַנישן האַלב־אינזל און פֿאַרנומען דאָ דעם אָרט פֿון די גאָטער: אַ טייל זײַנען אַפֿילו אַוועק נאָך ווייטער, ביז פּעלאָפּאָנעס, און האָבן זיך דאָ אויסגעמישט מיט דער אַלטגעזעסענער באַפֿעלקערונג.

אַרום דעם 900־טן יאָר האָבן זיך ביים מיטלסטן שטראָם פֿון דונײַ, אין די געראַמע „פּוסטעס", באַזעצט די א ו נ ג אַ ר ן אָדער מ אַ ד י אַ ר ן; געהענטער צו דער לעפֿצונג האָבן זיך אײַנגעפֿונדעוועט די פּ ע ט־

שעניעגן, אויפֿן אונטערשטן דאָן און בײַ דער וואָלגע די כֿאָזאַרן (כּוזרים). אויף אַ ווײַטן מהלך אַרום די סטעפּעס האָבן זיך באַזעצט סלאַוון — אָדער געפֿאַנגענע, וואָס די סטעפּ־פֿעלקער האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך, אָדער שבֿטים, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די סטעפּ־לײַט. סלאַוון האָבן זיך באַוויזן אין די מִזרחדיגע אַלפּן, אויף די קאַרפּאַטן, בײַ דער עלבע, בײַ דער אָדער, בײַ דער ווײַסל, בײַם באַלטישן ים, בײַם דניעפּער און בײַ דער מערבֿ־דווינע. אויף אַזאַ אופֿן זײַנען געשאַפֿן געוואָרן דרײַ גרויסע גרופּעס סלאַוון: 1) דרומדיגע, אויפֿן באַלקאַנישן האַלבאינזל (די כֿאָרוואַטן אָדער קראָאַטן בײַם אַדריאַטישן ים, די סערבן און די דונײַ־סלאַוון, וואָס האָבן באַקומען דעם פֿרעמדן נאָמען בולגאַרן); 2) די מערבֿדיגע, בײַ דער עלבע, בײַ דער ווײַסל, אין די קאַרפּאַטן (טשעכן, מערן, פּאָליאַקן); 3) מזרחדיגע (רוסן).

§ 26. **די בולגאַרן.** אין איין אָרט האָבן זיך די נאָמאַדן מער דערנעהנטערט צו דער אָרטיגער אַקער־באַפֿעלקערונג, אָנגענומען איר שפּראַך און אירע מידות. דאָס איז געשעהן מיט דער טערקישער האָרדע פֿון די בולגאַרן, וואָס האָבן זיך באַזעצט צווישן די דרום־סלאַוון בײַם דונײַ און געגעבן זיי זייער נאָמען. די בולגאַרן זײַנען געוואָרן אַ סכּנה פֿאַר דער ביזאַנטישער אימפּעריע; זיי זײַנען אַריבער דעם באַלקאַן און זײַנען ניט איינמאָל צוגעטראָטן האַרט ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און 811־טן יאָר איז דער קיסר ניקיפֿאָראָס אַרײַנגעדרונגען טיף אין דער בולגאַרישער טעריטאָריע, נאָר מען האָט אים אַרומגערינגלט און באַצוואונגען. מען האָט אויסגעקוילעט אַלע ביזאַנטער, דעם קאָפּ פֿונם קיסר האָט מען לאַנג אַרומגעטראָגן אויפֿן שפּיז, און דערנאָך האָט קרום, דער בולגאַרישער כֿאַן, געהייסן מאַכן פֿון דעם קיסר׳ס שאַרבן אַ כּוס פֿאַר זיך. די גריכן האָבן געמוזט גיין אויף גרויסע הנחות. דעם גאַנצן געגנד אויף ביידע זײַטן באַלקאַן האָבן צוגענומען די בולגאַרן, אַחוץ דעם ווינקל וואו עס געפֿינט זיך קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די ברעגעס פֿון אײַגעאישן ים; דער בולגאַרישער כאַן האָט זיך אָנגעהויבן רופֿן קיסר („צאַר“). די ביזאַנטישע רעגירונג איז דאַן געפֿאַלן אויף אַן אַנדער מיטל קעגן די שטאַרקע שכנים: מען האָט אַוועקגעשיקט צו זיי קריסטליכע פּריידיגער. אַרום דעם 800־טן יאָר האָט דער בולגאַרישער קיסר באָרים אָנגענומען דעם קריסטליכן גלויבן.

§ 27. **קירילוס און מעטאָדיוס.** אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 9־טן י״ה האָט ביזאַנץ בכלל ווײַט פֿאַרשפּרייט דעם קריסטנטום.

דאָס מערבֿ־סלאַווישע פֿאָלק פֿון די מערן האָט אָנערקענט די אייבער־

מאַכט פֿון דער פֿרענקישער מדינה, וואָס קאַרל דער גרויסער האָט געגרינדעט: צו זיי זײַנען געקומען קריסטליכֿע פּריידיגער, אויך פֿון דײַטשלאַנד, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער דער שליטה פֿון רוימישן פּויפּסט. וועלנדיג פּטור ווערן פֿון די דײַטשע ביסקופּן, האָט דער מערישער פֿירשט ראָסטיסלאַוו געווענדט זיך אין ביזאַנץ (863): ער האָט געגעבן צו וויסן, אַז די מערן האָבן אָוועקגעוואָרפֿן די עבודה־זרה און זוכן דעם וועג פֿון קריסטנטום, נאָר זיי זײַנען ניט־געבילדעט און האָבן ניט קיין וועגווײַזער; זאָל מען צושיקן צו זיי אַ מענטשן, וואָס איז באַהאַוונט אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק און זאָל זײַן אימשטאַנד צו ווײַזן דעם פֿאָלק אַ וועג.

מען האָט אַוועקגעשיקט צו די מערן צוויי ברידער, קאָנסטאַנטין און מעטאָדיוס (מעפֿאָדי), וואוילקענעוודיגע גריכן, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין מאַקעדאָניע צווישן סלאַוון. זיי האָבן אײַנגעפֿירט אין לאַנד דעם גאָטסדינסט אום זונטאָג; קאָנסטאַנטין האָט איבערגעזעצט אין דער סלאַווישער שפּראַך (דעמאָלט זײַנען נאָך די לשונות פֿון אַלע סלאַווישע שבטים געווען זייער נאָהענט צווישן זיך) די וויכטיגסטע פּרקים פֿון עוואַנגעליום און האָט צוגעקלערט אַ באַזונדער אַלף־בית. דער פּויפּסט ניקאָלאַאוס I. האָט אָנגעהויבן מורא האָבן, טאָמער פֿאַלן די מערן אַרונטער אונטער דער השפּעה פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרך; האָט ער אַרויסגערופֿן די ברידער קיין רוים, כּדי בודק צו זײַן, צי פֿאַרשטייען זיי די אמונה ווי ס'געהער צו זײַן. קאָנסטאַנטין איז אינגיכן געשטאָרבן אין רוים; פֿאַרן טויט איז ער געוואָרן אַ מאָנאַך און האָט באַקומען דעם נאָמען קירילוס. מעטאָדיוס האָט זיך אומגעקערט אויף צפֿון, אָבער ער איז געוואָרן ביסקופּ ניט בײַ די מערן, נאָר בײַ די סלאַוון אין פּאַנאָניע (בײַם מיטלסטן דונײַ). ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אײַנגעפֿירט גאָטס־דינסט אויף סלאַוויש; ביז יעמאָלט פֿלעגט דער גאָטס־דינסט בײַ די אייראָפּעאישע קריסטן פֿאָרקומען נאָר אין צוויי שפּראַכן: אָדער אויף לאַטײַן, אָדער אויף גריכיש.

די תּלמידים פֿון מעטאָדיוסן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אײַנצופֿונדעווען זיך אין מערן. דער נײַער מערישער פֿירשט, סוואַטאָפּלוק, האָט געוואָלט לעבן בשלום מיט די פֿראַנקן און מיטן פּויפּסט אין רוים: ער האָט דעריבער דערלאָזן בײַ זײַן הויף דעם גאָטס־דינסט אויף לאַטײַן. סוואַטאָפּלוק האָט פֿאַראייניגט אין איין גרויס־מערישער מדינה אַלע סלאַוון, וואָס זײַנען געזעסן בײַ דער עלבע און אין די אייבערשטע קאַרפּאַטן. די פֿרענקישע קיניגן האָבן דאָס ניט געוואָלט לײַדן און אויפֿגעהויבן אַנטקעגן אים די אונגארן. דער אָנפֿאַל פֿון די אונגאַרן האָט חרובֿ געמאַכט

די גרויס־מערישע מדינה (אַרום 900־טן יאָר). די אונגאַרן האָבן זיך באַזעצט צווישן די מערבֿ'דיגע און דרומ'דיגע סלאַוון און איבערגעהאַקט דעם וועג, וואָס האָט געפֿירט פֿון די מערבֿ־סלאַוון קיין ביזאַנץ.

אין דער צײַט, ווען די ביזאַנטישע און רוימישע פריידיגער פֿלעגן קוקן איינער אויפֿן אַנדערן מיט שנאה און קנאה, באַגעגענענדיג זיך אין די סלאַווישע לענדער, האָבן זייערע אייבערהאַרן, דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרך און דער רוימישער פּויפּסט, זיך אויך צעקריגט. ניקאָלאַאוס I. האָט ניט געוואָלט אָנערקענען דעם פּאַטריאַרך פֿאָטיאָס, ווײַל דער קיסר האָט אָקאָרשט געהאַט אַראָפּגעוואָרפֿן אַן אַנדער פּאַטריאַרך, אַן אָנהענגער פֿון די מאָנאַכן. פֿאַר אַ דאַנק האָט פֿאָטיאָס דערקלערט, אַז ניקאָלאַאוס איז אויס פּויפּסט און האָט פֿונאַנדערגעשיקט אַ כתב „צו דער גאַנצער קריסטליכער גײַסטליכקײַט" (867 י.), וואו ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז אויף מערבֿ האָט מען פֿאַרבויגן די אמת'ע לערע און די אַלטפֿעטערישע מנהגים. דער נײַער קיסר וואַסיליאָס I., גערופֿן דער מ אַ ק ע ד אָ נ י ע ר (ער איז געווען אַ פֿערד־יונג בײַם פֿריערדיגן קיסר און האָט אים געטייט, כדי צו פֿאַרנעמען זיין אָרט), איז גאָרניט געווען קיין בעלן אײַנרייסן זיך מיטן פּויפּסט, און ער האָט באַלד אַראָפּגעזעצט פֿאָטיאָסן.

צווישן די דרום־סלאַוון, די בולגאַרן און די סערבן, זײַנען געבליבן די ביזאַנטישע פּריידיגער. די בולגאַרן האָבן אָנגעהויבן איבערנעמען בײַ די גריכן זייער ליטעראַטור, גענומען איבערזעצן זייערע טעאָלאָגישע ספֿרים און זייער פּאָעזיע. אַהער האָט אַרײַנגעדרונגען די לערע פֿון די פּאַוולי־קיאַנער; דאָ האָט מען זיי גערופֿן ב אָ ג אָ מ י ל ן (דאָס איז דער טײַטש „גאָטס פֿרײַנד"). די לערע האָט זיך דערהויפּט פֿאַרשפּרייט צווישן די פּויערים, וואָס האָבן געאַרבעט עבֿודת־פּרך בײַ די ערדבאַזיצער, די באָיאַרן; די באָגאָמילן האָבן געזאָגט, אַז אַרבעטן פֿאַר יענעם איז אַ גרויסער חטא. די קיסרים האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן מיטן געדאַנק, אַז בולגאַריע דאַרף פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון ביזאַנץ און געוועלטיגן איבער גאָר דער וועלט; דער בולגאַרישער הערשער סימעאָן (געשטאָרבן אין 927 י.) האָט אָנגענומען דעם טיטול: „צעסאַר פֿון די בולגאַרן און ראָמעער". ער האָט טאַקע אײַנגענומען כמעט דעם גאַנצן באַלקאַנישן האַלבאינזל, נאָר פֿאַרכאַפּן די שטאַרק באַפֿעסטיגטע הויפּטשטאָט האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן.

§ 28. די נאָרמאַנען. דער ביזאַנטישער האַנדל. אין דערזעלבער צײַט האָט די ביזאַנטישע אימפּעריע נאָך באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ אויפֿן ים. די סאַראַצענער האָבן פֿאַרנומען סיציליע און דערנאָך

קרעטע, דעם שליסל פֿון אײַגעאישן ים. אויפֿן שוואַרצן ים האָבן זיך פֿון מיטן 9־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן די אָנפֿאַלן פֿון די נאָרמאַנען (וואַריאַגער). דאָס איז געווען אַ רויבער־ און אַ האַנדל־פֿאָלק; זיי פֿלעגן זיך לאָזן אין וועג פֿון באַלטישן ים (געזעסן זײַנען זיי אין דער הײַנטיקער סקאַנדינאַוויע) איבער די גרויסע רוסישע טײַכן, פֿון דער נעווא ביז דער לעפֿצונג פֿון דניעפּר. זייערע פֿירער (ריוריק, אַסקאָלד און דיר, אָלעג) מיט די געפֿאָלגשאַפֿטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וועג און באַזעצט זיך אין נאָווגאָראָד, סמאָלענסק און קיעוו. די סלאַוון האָבן זיך אונטערגעגעבן, און די אָנגעקומענע ווידער האָבן אָנגענומען די אָרטיקע שפּראַך, דעם אָרטיקן שטייגער לעבן; ביי די ביזאַנטער האָבן זיי געהייסן ר ו ס, רוסן. זיי פֿלעגן זיך דורכרײַסן צו די ברעגעס פֿון באַלקאַנישן האַלבאינזל, פֿון קליין־אַזיע, און ראַבירן דאָרט.

אין 865־טן יאָר זײַנען די רוסן פֿון קיעוו אָנגעפֿאַלן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל פֿון ים־זײַט און אָנגעוואָרפֿן אַ שרעקליכע אימה אויף די איינוווינער. מיט פֿערציק יאָר שפּעטער האָט זיך דער קיעווער פֿירשט אָלעג ווידער אַמאָל באַוויזן פֿאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פֿאַרנומען אַ סך זאַקרויב און געשלאָסן מיט די גריכן אַ וואוילן האַנדלס־אָפּמאַך: די רוסישע סוחרים האָבן באַקומען דאָס רעכט אַרײַנצופֿירן זייער סחורה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָן שום אָפּצאָל. זיי פֿלעגן ברענגען צו פֿירן רויוואַרג, האָניק, וואַקס, שקלאַפֿן; פֿון גריכנלאַנד פֿלעגן זיי אַרויספֿירן צוריק זײַדנס, ווײַן, פֿרוכט און געווירץ.

די ביזאַנטער האָבן געהאַט מפּלות, זיי פֿלעגן מוזן אָננעמען פֿונעם שונא שווערע שלום־באַדינגונגען, נאָר זיי האָבן קונציק פֿאַרשטאַנען צו געפֿינען הילף ביי די אָנפֿאַלער גופֿא. אַ סך נאָרמאַנען זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין דער גוואַרדיע פֿון ביזאַנטישן קיסר. דער קיסר ניקיפֿאָראָס פֿאָקאַ האָט פֿאַר 1500 פֿונט גאָלד געקויפֿט די פֿרײַנדשאַפֿט פֿונעם קיעווער פֿירשט סוויאַטאָסלאַוו (אַרום 960־טן י.) מיט זײַן האַלב־נאָמאַדישער געפֿאָלגשאַפֿט. סוויאַטאָסלאַוו האָט אײַנגענומען די בולגאַרישע מדינה, וואָס איז געווען געפֿערליך פֿאַר ביזאַנץ, נאָר ער האָט זיך אַליין באַזעצט בײַם דונײַ. האָבן די ביזאַנטער אונטערגעקויפֿט די פּעטשעניעגן, זיי זאָלן אָנפֿאַלן אויף קיעוו; דאָס האָט געצוואונגען סוויאַטאָסלאַוון זיך אומצוקערן, כדי צו באַשיצן זײַן היים־לאַנד.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך גענומען אויפֿקלײַבן סחורה פֿון צפֿון און פֿון מזרח. פֿון די מוסולמענישע לענדער פֿלעגט מען ברענגען פֿײַנע שטאָפֿן און געווירץ; דאָס פֿלעגן אָפּקויפֿן די איטאַליענישע סוחרים פֿון

וועגעציע און אַמאַלפי; די פּויפּסטן, די איטאַליענישע און אַפילו די דײַטשע ביסקופּן פלעגן אויסשרײַבן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל טײַערע מלבושים, גאָל־דענע חפצים, קינסטלעריש־געאַרבעטע בראָנזענע טירן פאַר די קלויסטערס. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געוואָרן דער האַנדלס־צענטר פאַר אַלע עקן וועלט; די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער מטבעות, די ביזאַנטינער, האָבן אנגעהויבן גיין אין גאַנץ אייראָפּע.

§ 29. פאַרשטאַרקונג פון ביזאַנץ אַרום דעם 1000־טן יאָר נ. ק.

ווען ביזאַנץ איז רײַך געוואָרן פון מסחר, האָט זי געקאָנט דינגען מער זעלנער, געבן זיי ערד; זי האָט געקאָנט פאַרגרעסערן דעם פלאָט און אויסבויען באַפעסטיגונגען.

דערווײַל האָט אָנגעהויבן פאַלן דער כאַליפאַט, וואָס איז פריער געווען דער גרעסטער שונא פון ביזאַנץ אויפן מזרח. אָנהייבנדיג פון 960־טן י. פאַרנעמט די אימפּעריע ווידער עטליכע לענדער. ניקאָפאָראָס פאָקאַ האָט אײַנגענומען קרעטע, דעם הויפּט־שטיפּלאַץ פון אַראַבישן פלאָט; ער האָט אויך פאַרנומען קיפּראָס און צוגענומען צוריק אַנטיאָכיע, וואָס די אימפּעריע האָט געהאַט פאַרלוירן מיט דרײַהונדערט יאָר פריער. זײַן נאָכפאָלגער, יאָהאַנעס צימיסקעס, איז אַריבער איבערן אייפראַטעס. אויפן צפון האָט צימיסקעס צעקלאַפּט סוויאַטאָסלאַוון, וואָס האָט זיך גע־וועסט באַזעצט אין בולגאַריע, און געצוואונגען אים אומצוקערן זיך צוריק איבערן דניעפּר, וואו דער פירשט איז אומגעקומען פון די פּעטשעניעגן. אין עטליכע יאָר אַרום, אין 988־טן יאָר, האָט סוויאַטאָסלאַווס זון, דער קיעווער פירשט וולאַדימיר, זיך מתחתן געווען מיטן קיסר וואַסיליאָס II. און צוזאַמען מיט זײַן גאַנצן פאָלק אָנגענומען די קריסטליכע אמונה לויטן ביזאַנטישן נוסח. דאָס איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג פון ביזאַנץ. דער קיעווער פירשט איז געוואָרן אַ וויכטיגע שטיצע פאַר ביזאַנץ און פלעגט איר ניט איינמאָל אויסהעלפן מיט זעלנער. דער קיעווער מעטראָפּאָליט פלעגט באַקומען אַ באַשטעטיגונג פונם פּאַטריאַרך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; פון ביזאַנץ פלעגט מען אויך שיקן קיין קיעוו אַ טייל גײַסטליכע. ענדליך, נאָך לאַנגע קאַמפן מיט די בולגאַרן, האָט וואַסיליאָס II. (976—1025) פאַרטיליגט די אומאָפּהענגיגע בולגאַרישע מלוכה. ער האָט געפירט די מלחמה מיט אַן אומגעווײנטליכע אכזריות. איינמאָל האָט ער געהייסן בלענדן 15000 בולגאַרישע געפאַנגענע; דערפון נעמט זיך זײַן צונאָמען „דער בולגאַרן־טייטער“. אַרום 1020־טן י. איז די ביזאַנטישע אימפּעריע גע־ווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך געצויגן פון די ים'ען וואָס באַזוימען דרום־

איטאליע און פון דונײַ ביז די קאווקאזער בערג, ביזן טיגריס און ביז דער אראבישער מדבר. זי איז ווידער א מאל געוואָרן אין צווייען אזוי גרויס און האט פון־דאס־נײַ געהאלטן אין אירע הענט דעם מזרח'דיגן טייל פון מיטלענדישן ים. אין צפון האט זי געהאט אויף וועמען זיך אנצושפארן: דורך כערסאנעס (אויף רוסיש: קארסון) אין קרים האט זי געהאט באַ־ציאונגען מיט די פעלקער פונם רוסישן פליין.

אין דער צייט פון דעם דאזיגן אויפשטײַג האט געוועלטיגט אין ביזאנץ די מאקעדאנישע דינאסטיע. דער ערשטער הערשער פון דעם זוימען איז געווען וואסיליאס I., וואס האט אנגעהויבן קיניגן אין 867־טן יאר. די דינאסטיע האט זיך געהאלטן כמעט גאנצע 200 יאר (ביז 1056). די קיסרים פון דער דינאסטיע האבן געוואלט ארומרינגלען מיט א באזונדער גלאנץ די יורשים פון טראן, און דעריבער האבן זיי צוגעקלערט דעם נאמען „פורפור־געבוירענע" פאר אלע פרינצן, וואס פלעגן געבוירן ווערן אין דער צײַט פונם פאטערס קיניגן אין דער ספעציעלער „פורפור־פאלאטע" פונם פאלאץ. פינדעסטוועגן פלעגט מען די פרינצן פון דעם הויז אויך אפט־מאל אפשטופען אדער באזײַטיגן פון טראן. דעם קיסר קאנסטאנטין VII. דעם פורפור־געבוירענעם, זעער א געלערנטן מענטשן, נאר א קנאפן מלוכה־פירער, האט ארײַנגענומען אין זײַנע הענט ראמאנאס לאקאפענאס; ער איז געווען מיניסטער ביי קאנסטאנטינען, נאר ער האט גע'פועל'ט, אז קאנסטאנטין זאל אים געבן זיין טאכטער פאר א פרוי און באשטימען אים פאר א מיטרעגירער. קאנסטאנטין דעם VII־טנס זון איז געווען ראמאַ־נאס III. (דער פאטער פון וואסיליאס II.); אים האט אראפגעווארפן און געטייט דער שטרײַטבארער גענעראל ניקיפאראס פאקא, און דעם קיסר'ס אלמנה האט חתונה געהאט פאר אים, איבערגעבנדיג אים אלע רעכט אויפן טראן און באזײַטיגנדיג איר אייגענעם זון.

וואסיליאס III. האט דערנאך צוריק פארנומען די ממשלה; נאר די פאקאס, וואס האבן פארמאגט אין קליין־אזיע גוואלדיגע באזיצונגען, זיינען נאך אמאל אויפגעשטאנען קעגן אים. זיי האבן באלאנגט צו יענעם מין שררות, וואס האבן געהאט ביי זיך גרויסע מאסן דינערשאפט און געפאלג־שאפט. די שררות האבן געדריקט די פויערים. אין די הונגער־יארן פלעגן זיי אויסלייען אויף הויכע פראצענט א ביסל ברויט, און די פויערים האבן שוין קיינמאל ניט געקאנט זיך אויסצאלן; פלעגן זיי צונעמען פאר זיך די פויערשע הויפן און נחלאות, וואס מען האט געהאט איינגעלייגט ביי זיי פאר א משכון. טאמער האבן זיי געקאנט, האבן זיי אפילו ארויסגעטריבן די פויערים איבערגוואלד; זיי פלעגן ארײַנפארן אין די דערפער מיט זייערע

יעגערס, פֿערד־יונגען און משרתים, פֿונאַנדערריַיסן די פּויערשע היַיזלעך און אויפֿבויען שלעסער און בנינים פֿאַר זיך.

די פּויערים זיַינען געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף די שררות, און די קיסרים האָבן זיך געפֿליַיסט אָנצושפּאַרן זיך אויף די פּויערים, כּדי צו באַשאַפֿן אַ קעגנוואָג קעגן די פּריצים, וואָס האָבן דעם קיסר אויך ניט געוואָלט הערן. די מאַקעדאָנישע דינאַסטיע האָט גענומען איר חיל פֿון די קריגס־קאָלאָניסטן, וואָס האָבן באַקומען פֿון דער מלוכה שטיקער ערד; די סאָלדאַטן האָבן אַליין געאַרבעט, מפּרנס געווען זייער פֿאַמיליע און געגאַנגען אויף מלחמה מיט זייערע אייגענע כּלי־זיין. די שררות פֿלעגן צונעמען ביי די דאָזיגע קאָלאָניסטן זייער ערד און זיי אַליין מאַכן פֿאַר שקלאַפֿן; די קיסרים האָבן דאָס, געוויינטליך, ניט געקאָנט ליַידן און געפּרובֿט אַנגעמען מיטלען. אַ סך מאָל האָט מען אַרויסגעגעבן שטרענגע געזעצן קעגן די מוטוויליגע שררות לטובֿת די פּויערים; נאָר עס האָט זעער קנאַפּ וואָס געהאָלפֿן.

וואַסיליאָס II. איז געווען באַזונדערס שטרענג מיט די שררות. ביי איינעם וואָס איז אַליין געווען אַמאָל אַ פּויער, נאָר ער איז דערנאָך נתעשר געוואָרן און אָפּגעקויפֿט זיין אייגענעם היימאַט־דאָרף, האָט וואַסיליאָס צוגענומען גאָר דעם פֿאַרמעגן און איבעראַנייס צעטיילט די ערד צווישן די פּויערים. דעם פּאַלאַץ, וואָס דער שררה האָט געוועסט אַוועקגעשטעלט, האָט דער קיסר געהייסן אַראָפּריַיסן, און דעם געוועזענעם באַזיצער האָט ער געמאַכט צוריק פֿאַר אַ פּויער.

§ 30. די ירידה פֿון ביזאַנץ אין 11־טן י״ה. נאָר די האַרבע שטראָפֿן און שטרענגע באַפֿעלן האָבן קיין ממשות ניט געהאַט; די קיסרים האָבן פֿאָרט ניט געקאָנט ביַיקומען די שררות. די נאָכפֿאָלגער פֿון וואַסיליאָס III. האָבן אויפֿגעהערט אָנצונעמען זיך פֿאַר די פּויערים און די קריגס־קאָלאָניסטן; פֿאַרקערט, ווען זיי פֿלעגן וועלן אָפּדאַנקען זייערע הויבֿע באַאַמטע און הויפּטליַיט פֿאַר זייער געטריַיען דינסט, פֿלעגן זיי זיי אַוועקשענקען גרויסע מאַיאָנטקעס מיט צוגעהעריגע מענטשן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די קיסרים זיַינען אַריַינגעפֿאַלן צו די שררות אין די הענט. אין 1057־טן יאָר זיַינען זיך צונויפֿגעקומען אין קליין־אַזיע די ביזאַנטישע גענעראַלן, אַלץ גרויסע שררות און פּריצים, און האָבן אויסגעקליבן פֿון זיך אַליין אַ קיסר, איסאַאַק I. קאָמנינאָסן (פֿון אים הייבט זיך אָן די דינאַסטיע פֿון די ק אָ מ נ י נ ע ן, וואָס האָט געוועלטיגט ביזן 1204־טן יאָר).

דערווײַל האָבן זיך אָנגערוקט אויף ביזאַנץ צוויי סכנות מיטאַמאָל. די נאָרמאַנען פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך האָבן זיך אײַנגעפֿונדעוועט אין סיציליע און אַרויסגעטריבן פֿון דאָרט די סאַראַצענער. דערנאָך האָבן זיי זיך אַ קער געטון קעגן די ביזאַנטישע באַזיצונגען אין דרום־איטאַליע און אַרויסגעשטופּט די גריכן פֿון אומעטום. קיין איין האַפֿן־שטאָט איז ניט געבליבן בײַ די ביזאַנטער אין איטאַליע; און אין דעם זעלביקן יאָר (1071) האָט נאָך ביזאַנץ באַקומען אַ שווערע מפּלה אויפֿן מזרח.

די סעלדזשוקישע טערקן, וואָס זײַנען גרויס געוואָרן דינענדיג בײַ די כאַליפֿן, זײַנען אַריבער פֿון טורקעסטאַן קיין פֿאָדער־אזיע און דאָ געגרינדעט אַן אייגענע מלוכה. זיי האָבן חרוב געמאַכט אַרמעניע, וואָס איז געווען אין אַ בונד מיט ביזאַנץ, פֿאַרכאַפּט סיריע און כמעט ווי גאַנץ קליין־אַזיע, אַחוץ דעם ברעג־פּאַס אין צפֿון און מערבֿ. דער סולטאַן אַלפּ אַרסלאַן („דער מוטיגער לייב") האָט אין אַ גרויסע צווייטאָגיגער שלאַכט בײַ מאַנציקערט אין אַרמעניע גובֿר געווען דעם ביזאַנטישן קיסר ראָמאַנאָס IV. און גענומען אים אין געפֿענגעניש. די טערקן האָבן זיך גרינג אײַנגעפֿונדעוועט אין קליין־אַזיע. די אָרטיגע פּויערים, טיילווײַז מוסולמענער, טייל קריסטליכע סעקטאַנטן, האָבן מיט גרויס חשק צוגענומען די טערקן, מחמת די נײַע באַלעבאַטים האָבן נאָר אַרויפֿגעלייגט אויף זיי קאָפּ־שטײַער און באַפֿרײַט זיי פֿון דער שווערער לײַבקנעכטשאַפֿט. דער גוואַלדיגער שמות ערד, וואָס די טערקן האָבן חרובֿ געמאַכט, איז שוין אַזוי געבליבן נים־באַאַקערט; דאָרט האָבן זיך באַזעצט נאָמאַדן־פֿעלקער, וואָס האָבן דאָ געפּאַשעט זייער פֿיך. דער באַגריף וועגן דער גרויסקייט פֿון דער אימפּעריע האָט געווירקט אויף די טערקן אויך: דער סולטאַן האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: „קיסר פֿון די ראָמעער", און זייער מדינה האָבן די טערקן אַ נאָמען געגעבן „רום", ד"ה רוימיש; די הויפּטשטאָט איז געווען ניקעע.

די לאַגע פֿון ביזאַנץ איז געוואָרן אַלץ ערגער. די טערקן האָבן זיך גערוקט אַלץ נעהענטער צו דער הויפּטשטאָט, און דער אָנפֿירער פֿון די נאָרמאַנען ראָבערט גיסקאַר איז אַריבער איבערן אַדריאַטישן ים און אָנגעהויבן פֿאַרנעמען דעם מערבֿ'דיגן טייל פֿון באַלקאַנישן האַלבאינזל. בײַ ביזאַנץ זײַנען נאָר געבליבן די ברעגעס פֿון בײדע זײַטן אײַגעאישן ים און פּאַזע די דורכגוסן, וואָס פֿירן פֿון אײַגעאישן און מירמל־ים אין שוואַרצן ים אַרײַן. נאָר דאָס דאָזיגע שטיקל ערד האָט מען אויך געקאָנט אײַנהאַלטן נאָר מיט דער הילף פֿון געדונגענע זעלנער, און טאַקע פֿון דיזעלביגע טערקן און נאָרמאַנען.

§ 31. די ביזאַנטישע בילדונג. אין דער צײַט פֿון בילדערשטורעם

איז די בילדונג זייער טיף געפֿאַלן; די ביזאַנטער האָבן אַזוי ווי פֿאַרגעסן,
אַז זיי קערן זיך אָן קרובֿים מיט דער גריכישער קולטור. אין דעם יאָר־
הונדערט, ווען ביזאַנץ איז פֿון־דנ̇ס־ניי דערהויבן געוואָרן, האָט זיך צוריק
פֿונאַנדערגעבליט די וויסנשאַפֿט. פֿאָטיאָס, קירילוס און מעטאָדיוס (אין
דער צווייטער העלפֿט פֿון 9־טן י״ה) זײַנען געווען זייער געבילדעטע מענטשן,
בקיאים אין דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור. אין דער צײַט האָט מען
אָנגעהויבן אויפֿזוכן, פֿאָרשן און איבערשרײַבן אַלטע כּתבֿ־יַד׳ן מיט די ווערק
פֿון גריכישע היסטאָריקער, געאָגראַפֿן, פּאָעטן. אין 10־טן י״ה האָט דער
קיסר קאָנסטאַנטין VII. דער פּורפּור־געבוירענער, אַליין אַ פֿלײַסיגער
שרײַפֿטשטעלער, אָנגעפֿירט די אַרבעט פֿון געלערנטע, וואָס האָבן אין זייערע
כרעסטאָמאַטיעס, פּירושים און ווערטער־ביכער פּאָפּולאַריזירט די וויסנ־
שאַפֿטליכע קענטעניש פֿון די אַלטע גריכן. אין אַ הקדמה צו איינעם פֿון
די גרויסע זאַמלביכער, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן לויט קאָנסטאַנטינס
אָנווייזונג, שטייט געשריבן, אַז „דער מאַטעריאַל פֿון דער געשיכטע איז
געוואָרן גרויס אָן אַ שיעור“; די אויפֿגאַבע פֿון דער זאַמלונג איז דעריבער
געווען — אויפֿקלײַבן אינאיינעם די וויכטיגסטע ערטער פֿון די אַלטע און
נײַע שרײַפֿטשטעלער.

די דערציילונגען און ידיעות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט זײַנען דאָ איבער־
געגעבן אין אזעלכע פּרקים, וואָס בײַ אונז קומט דאָס אויס משונה׳דיג.
אָט זיינען קעפּלעך פֿון עטליכע אָפּטיילונגען: וועגן שלוחים, וועגן פֿאַר־
שווערונגען, וועגן מעלות און חסרונות פֿון מענטשן, וועגן קריגס־קונסט
א. אז. וו. קאָנסטאַנטין אַליין האָט צונויפֿגעשטעלט אַ באַשרייבונג פֿון
די אומענדליכע פֿייערליכע צערעמאָניעס, וואָס זיינען אָנגענומען ביים
קאָנסטאַנטינאָפּאָלער הויף. אין אַ ווערק וועגן פֿאַרוואַלטונג פֿון דער
מלוכה און וועגן די שכנים פֿון ביזאַנץ געפֿינען מיר די עלטסטע ידיעות
וועגן די רוסן.

אין 12־טן י״ה, בעת עס האָט געקיניגט קאָנסטאַנטין IX. מאָנאָ־
מאַכאָס (דעם קיעווער פֿירשט וולאַדימיר מאָנאָמאַכס אַ זיידע פֿון דער
מוטערס צד), איז אין ביזאַנץ אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ הויכשול: איין אָפּ־
טיילונג האָט זיך באַשעפֿטיגט מיט דער אַלטער גריכיש־רוימישער און
קריסטליכער ליטעראַטור, די צווייטע — מיט יוריספּרודענץ. באַשטימענדיג
דעם מנהיג (רעקטאָר) פֿון דער נײַער שול, האָט דער קיסר געשריבן אין
אַ כּתבֿ: „די געזעצן דאַרפֿן ניט זײַן טונקל, ווי די רייד פֿונם אָראַקול;
פּונקט ווי די וואַך היט אָפּ דעם קיסר, אַזוי דאַרף די וויסנשאַפֿט באַ־
רינגלען און אָפּהיטן די געזעצן“.

פֿאַר איר בליאונגס־צייט האָט ביזאַנץ איבערגעגעבן די מזרח־אייראָ־פּעאישע פֿעלקער דאָס קריסטנטום, און פֿאַר די מערב־פֿעלקער האָט זי אויפֿגעהיט די גריכיש־רוימישע וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור; צווישן די דאָ־זיגע רעשטן פֿון דער אַלטער קולטור איז באַזונדערס געווען וויכטיג דער „קאָרפּוס יורים ציווילים“ — די זאַמלונג פֿונם רוימישן רעכט.

§ 32. **די צעשפּאַלטונג פֿון די קירכן.** די ביזאַנטער, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט ביי זיך די וויסנשאַפֿט פֿון אַלטערטום, האָבן געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף מערב־אייראָפּע, וואָס איז געווען פֿאַרזונקען אין באַר־באַרישקייט. דאָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די סכסוכים צווישן דעם רוימישן פּויפּסט, וואָס איז געשטאַנען בראש פֿון דער גאַנצער מערבֿדיגער קירך („לאַטיינישע קירך“ האָט מען זי גערופֿן לויט דער שפּראַך פֿון גאָטס־דינסט), און דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרך. די פּויפּסטן האָבן זיך סומך געווען אויף באַשלוסן פֿון אַלטע קירכישע קאָנצילן, וואָס ע״פּ דעם קומט זיי דער ערשטער אָרט צווישן אַלע בּיסקופּן. אין דער צייט פֿונם בילדערשטורעם זיינען זיי געוואָרן אומאָפּהענגיג פֿונם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרך און האָבן אַפֿילו צוגענומען מיט דער הילף פֿון די פֿרענקישע קיניגן די בעסטע ערד אין מיטל־איטאַליע („די ירושה פֿון הייליגן פּעטרוס“). זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי מעגן זיך אַריינמישן אין די עניָנים פֿון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קירך. נאָך ניקאָלאַאוסן און פֿאָטי־אָסן (זעה אויבן § 27) האָט זיך דער שטרייט צעפֿלאַקערט נאָך עטליכע מאָל, ביז וואַנען עס איז אין מיטן פֿון 11־טן י״ה געקומען צו אַ פֿול־קומער שפּאַלטונג צווישן רוים און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָס איז געווען מיט אַ קורצער צייט פֿריער, איידער ביזאַנץ האָט פֿאַרלוירן איר לעצטן באַזיץ אין איטאַליע.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען געווען אַ סך לאַטיינישע קלויסטערס, וואו עס פֿלעגן מתפּלל זיין די איטאַליענישע סוחרים און פּילגרימען פֿון אַלע עקן וועלט, וואָס פֿלעגן גיין קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער פּאַטריאַרך מיכאַאיל קערולאַריוס, אַ מענטש אָן טאָלעראַנץ און מיט חשק צו הערשן, האָט מיט איין קלאַפּ פֿאַרמאַכט אַלע לאַטיינישע קלויסטערס און איז אַרויס מיט אָפֿענע באַשולדיגונגען קעגן רוים: אַז רוים איז עובֿר אויף דער רעליגיע, ווייל דאָרט האָט מען צוגעגעבן צום „סימבאָל פֿון גלויבן“ דאָס וואָרט filioque, ד״ה אַז דער הייליגער גייסט קומט אַרויס ניט נאָר פֿונם פֿאָטער, נאָר אויך פֿון זון; אַז ביי דער אייכאַריסטיע ניצן די רוימער ניט־געזייערטע ברויט; אַז עס איז אַ חטא ניט צו לאָזן די גייסטליכע חתונה

האָבן. דער קיסר קאָנסטאַנטין IX. איז געווען דווקא אויפֿן צד פֿון רוים, נאָר דער פּויפּסט לעאָן IX. האָט ניט פֿאַרשטאַנען ווי אײַנצושטילן דעם סכסוך. די שלוחים, וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן דאָ גערעדט שאַרפֿע רייד, און דער פּאַטריאַרך האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פֿירן מיט זיי אונטערהאַנדלונגען; יעמאָלט האָבן די לאַטײנישע שלוחים אַוועקגעלייגט אין דער סאָפֿיע־קאַטעדרע אַ כּתבֿ, וואו זיי האָבן אַרײַנגעלייגט אין חרם און פֿאַרשאָלטן דעם פּאַטריאַרך מיט זײַנע אָנהענגער. דער פּאַטריאַרך קערולאַריוס האָט אויפֿגערופֿן אַ קאָנציל און אָפּגעענטפֿערט דעם פּויפּסט אויפֿן זעלבינן שטייגער. דאָס איז געווען אין 1054־טן יאָר.

פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיך איבערגעריסן די באַציאונגען צווישן דער מזרח'דיגער און מערבֿ'דיגער גײַסטליכקײַט. די קריסטליכע קירך האָט זיך צעטיילט אויף אַ רוימיש־קאַטוילישער און אַ גריכיש־קאַטוילישער (זי אַליין רופֿט זיך „אָרטאָדאָקסיש“, אויף רוסיש—פּראַוואָסלאַוונע).

III. מערבֿ־אײראָפּע פֿון 600־טן ביזן 1100־טן יאָר.

4. די גערמאַנישע פֿעלקער און די רוימישע קירך.

§ 33. אין 7־טן י"ה זײַנען די הײַנטיגע לענדער שפּאַניע, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, דײַטשלאַנד, האָלאַנד און בעלגיע, שווייץ און סקאַנדינאַוויע פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דײַטשע שבֿטים. נאָר ניט אומעטום האָבן זיך די גערמאַנער באַזעצט אין דערזעלבער מאָס. ווען מיר זאָלן אַדורכציען אויף דער קאַרטע פֿון מערבֿ־אײראָפּע אַ ליניע פֿון דעם דורכגוס, וואָס צעטיילט ענגלאַנד און אירלאַנד, ביז דעם מזרח'דיגן ווינקל פֿון די אַלפּן, וועלן בלײַבן אויף רעכטס יענע געגנדן, וואָס די גערמאַנער האָבן פֿאַרנומען אינגאַנצן (אין בריטאַניע די אַנגלאָסאַקסן, בײַם ריין אַ טייל פֿון די פֿראַנקן, אין דײַטשלאַנד די זאַקסן, די שוואַבן, די בײַערן א. אז. וו.); אויף לינקס פֿון דער ליניע זײַנען די גערמאַנער געווען צעזייט און צעשפּרייט צווישן דער אַלטגעזעסענער באַפֿעלקערונג, וואָס איז געווען גרעסער פֿאַר זיי אין צאָל (די וועסטגאָטער אין שפּאַניע, אַ טייל פֿראַנקן אין צפֿון־ און מיטל־גאַליע, די בורגונדער בײַ דער ראָנע, די לאַנגאָבאַרדן אין צפֿון־ און מיטל־איטאַליע). דאָרט, וואו זיי זײַנען געזעסן אין געדיכטע מאַסן, האָבן די גערמאַנער אויפֿגעהיט זייער שפּראַך און לענגער אײַנגעהיט זייער אַמאָליגן שטייגער לעבן. פֿאַרקערט, אין די אַנדערע לענדער האָבן זיי

באַלד אָנגעוואוירן זייערע אייגנטימליכקייטן און אָנגענומען די שפּראַך פֿון דער אָרטיגער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט גערעדט אויף פֿאַרשיידענע ראָמאַנישע דיאַלעקטן. דער דאָזיגער חילוק צווישן די *ריין גערמאַנישע* און די געמישטע *ראָמאַנישע* פֿעלקער האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן שוין אַרום דעם 700־טן יאָר נ. ק.

§ 34. **די געזעצן פֿון די באַרבאַרן.** די אַלטגעזעסענע באַפֿעלקערונג פֿון די אַמאָליגע רוימישע פּראָווינצן איז געבליבן ביי אירע מנהגים, ביי איר געריכט און אירע געזעצן. די גערמאַנער האָבן אויך אָנגעהויבן פֿאַרשרייבן זייערע געזעצן לויט ווי דאָס האָט זיך געפֿירט ביי די רוימער; פֿריער פֿלעגן דאָס די כהנים אויפֿהיטן בעל־פּה. די עלטסטע פֿון די דאָזיגע זאַמלונגען איז די „לעקס סאַליקאַ“ („לעקס“ הייסט אויף לאַטיין געזעץ), ד״ה דער געזעץ פֿון די סאַלישע פֿראַנקן.

די געזעצן פֿון די גערמאַנער זיינען אָנגעשריבן אין זעער אַ פֿאַרגרעבטן לאַטיין. דער עיקר ציל זייערער איז איינצושטעלן אַ סדר ביי פֿאַרשיידענע סכסוכים צווישן מענטשן. אויב מען דער׳הרג׳עט עמיצן, מעגן זיך זייגע קרובים נוקם זיין אין די קרובים פֿונם מערדער. נאָר פֿון דער בלוט־נקמה קאָן מען זיך אויסקויפֿן מיט געלט; אַחוץ דעם האָט מען נאָך געמוזט באַצאָלן שטראָף לטובת דעם קיניג. ביים באַשטימען די גרייס פֿון קנס האָט מען גענומען אין אַכט ניט סתם די ווערדע פֿון אַ מענטשליכן לעבן, נאָר דעם יחוס און די חשיבות פֿונם הרוג. פֿאַר אַ גע׳הרג׳עטן פֿרייען מאַן האָט מען געמוזט צאָלן מער, איידער פֿאַר אַ שקלאַף; פֿאַר אַ גערמאַנער מער, ווי פֿאַר אַ רוימער; פֿאַר דעם קיניגס אַ קריגער מער, איידער פֿאַר אַ פּשוט׳ן בשר־ודם. פֿאַר אָפּהאַקן אַ האַנט, אַ פֿינגער, אַ נאָז, אַן אויער, פֿאַר אויסשטעכן אַן אויג איז געווען איינגעשטעלט גאַנץ גענוי די סומע פֿון קנס. אויב דער מערדער פֿלעגט באַצאָלן, איז ער געווען פּטור פֿון אַ באַשטראָפֿונג. דאָס איז אַן עכט באַרבאַרישער גאַנג. אין רוימישן געזעץ איז געווען אַנדערש: דאָרט איז יעדער איינער, אומאָפּהענגיג פֿון זיין שטאַנד, געווען דערזעלבער יחסן, און אַחוץ דעם האָט מען דאָרט גע׳משפּט דעם בעל־עוולה, ווי אַ פּערזאָן, וואָס איז שעדליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

אויב עס זיינען ניט געווען קיין בפֿירוש׳ע ראיות, האָבן די גערמאַנישע געזעצן געהייסן דעם באַשולדיגטן אויספּרובן דעם *געטליכן געריכט* („אָרדאַל“ אויף אַנגלאָסאַקסיש). דעם באַשולדיגטן פֿלעגט מען געבן אין האַנט אַריין אַ טאָפּ מיט זודיגע וואַסער אָדער אַ גליענדיגן אייזן. פֿלעגן

זיך אין אַ צייט אַרום ניט באַווייַזן קיין בראַנד־וואונדן, איז דאָס געווען אַ סימן, אַז גאָט האָט אים געגעבן גערעכט; ווער עס פֿלעגט ניט אויסהאַלטן די פּרובֿ, דעם האָט פֿאַר׳משפּט, הייסט עס, גאָט אַליין. אַן אַנדער מאָל פֿלעגט מען הייסן זאָגן אויף אויסווייניג אַ שווערע שבועה; אויב דער באַשולדיגטער האָט זיך ניט פֿאַרהאַקט, איז אַ סימן, אַז גאָט איז אים בייגעשטאַנען; און אַ זינדיגן וועט דאָך גאָט ניט העלפֿן. אויב צוויי האָבן זיך גע׳משפּט וועגן אַ כבוד־זאַך אָדער וועגן פֿאַרמעגן, האָבן זיי געמעגט באַלד אויף אַן אָרט שלאָגן זיך אין אַ צווייקאַמף; דעם זיגער פֿלעגט מען געבען גערעכט. אַן אַנדער מיטל צו געווינען אַ פּראָצעס איז געווען — ברענגען וואָס מער מיטשווערער; דער צד, וואָס האָט געהאַט מער עֵדות, האָט אויסגעפֿירט.

אין די מלוכות פֿון די לאַנגאָבאַרדן, פֿראַנקן, וועסטגאָטער, אַנגלאָסאַקסן איז די פֿירונג געווען ניט אַזאַ, ווי פֿריער ביי די רוימער. די אַמאָליגע געבייַען פֿון די רוימער, די שטאָטישע טעאַטערס און די טערמעס, די וואַסערפֿירונג, די וועגן פֿון איטאַליע איבער די אַלפּן צום ריין און דונייַ און דורך גאַליע צום אַטלאַנטיק זייַנען געוואָרן צו־נישט, דער מסחר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די באַדערפֿענישן האָבן זיך געמינערט. די מַלבושים, וואָס די מענטשן האָבן געטראָגן, פֿלעגן זיי דאָס רובֿ אויסאַרבעטן ביי זיך אין שטוב, די געצייג זייערע פֿלעגן זיי מאַכן אויף אַן אָרט.

קיינער האָט גאָרניט געטראַכט צו צאָלן דעם קיניג שטייַערן. דער קיניג האָט ניט געהאַט קיין קאַסע און ניט געהאַלטן קיין זעלנער. דער קיניג האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון זייַן לאַנד. סכסוכים און תביעות האָט מען באַטראַכט אָן אים; אין יעדער קרייַז, וואָס האָט זיך גערופֿן אויפֿן אַלטגערמאַנישן שטייגער „הונדערט“, פֿלעגט זיך אויפֿקלייבן אַ פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג אונטערן פֿאָרזיץ פֿון דעם „הונדערטער“, און דעם באַשלוס פֿלעגן צונויפֿשטעלן די עלטסטע. דער קיניג האָט געלעבט מיט זיין הויף, ווי אַ פּריץ, אויסמייַדנדיג די גרויסע שטעט: די קיניגס־קינדער פֿון כלאָדוויגן, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער דינאַסטיע פֿון די לאַנגהאָריגע, אייביג אומגעשווירענע מעראָווינגער, האָבן געוואַנדערט מיט זייער גרויסער סוויטע פֿון איין מאַיאָנטעק צום אַנדערן, אָפּלעבנדיג אויף יעדער אָרט צו צוויי־דרייַ חדשים, ביז וואַנען זיי פֿלעגן אויפֿעסן אַלצדינג וואָס עס איז דאָרט געווען אָנגעגרייט.

זינט די קריגער האָבן זיך באַזעצט איבערן לאַנד, האָט די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג, וואָס אַמאָל האָט זי געהאַט די גרעסטע דעה, פֿאַרלוירן כמעט אינגאַנצן איר באַדייטונג. ביי די פֿראַנקן פֿלעגט זיך די פֿאַרזאַמ־

לונג אויפֿקלײַבן נאָר אײנמאָל אין יאָר אויפֿן מ ע ר ץ ־ פֿ ע ל ד. די גאַנצע שטיצע פֿונם קיניג זײַנען געווען די „לײדן“ (ד״ה לײַט, מענטשן — די געפֿאָלגשאַפֿט); דאָס זײַנען געווען זײַנע פּערזענליכע באַדינער, וואָס האָבן אָנערקענט זײַן אַפּוטרופּסות. דער קיניג האָט זיך געפֿלײַסט צוצוציען וואָס מער „לײדן“; געצאָלט האָט ער זײ אין נ אַ ט ו ר, ד״ה אָדער זײ האָבן געגעסן בײַ זײַן הויף, אָדער זײ האָבן באַקומען אַ נחלה ערד און געצויגן פֿון דאָרט די חיונה, אָדער מען פֿלעגט זײ געבן דאָס רעכט צו גײן אויף געיעג אין קיניגליכן וואַלד, צו כאַפּן פֿיש אין אַן אָזערע, צו־צונעמען בײַ אַ בריק, אין אַ האַפֿן אָדער בײַ אַ בערג־דורכגאַנג אַ טײל פֿון די דורכגעפֿירטע סחורה.

§ 35. **די רוימישע קירך.** נאָר אײן אײַנריכטונג פֿון דער אומ־געקומענער רוימישער אימפּעריע איז געבליבן שטײן אין איר גאַנצן גלאַנץ: דאָס איז די שליטה פֿון די בּיסקופּן. זײ פֿלעגן אויסגעקליבן ווערן אין די שטעט פֿון די אַלטע, רײַכע און יחוס׳דיגע ראָמאַנישע פֿאַמיליעס, און אין זײער רשות זײַנען געווען די גרויסע עשירות׳ן פֿון דער קירך.

שוין גאַנץ פֿרי האָט מען אָנגעהויבן רעכענען די בּיסקופּן פֿון רוים העכער פֿאַר די אַנדערע. רוים איז געווען אַזאַ שטאָט, צו וועלכער קײן אײן אַנדער שטאָט האָט זיך ניט געקאָנט גלײַכן; מען האָט זי גערופֿן „די אײביגע שטאָט“, „דער מיטלפּונקט פֿון דער וועלט“. צום רוימישן בּיסקופּ איז אַריבער בירושה דער נאָמען פֿונם אײבער־כהן אין דעם אַלטן רוים („פּאָנטיפֿעקס“); נאָר דאָס רוב פֿלעגט מען אים רופֿן פּ ו י פּ ס ט (אויף לאַטײַן papa, ד״ה פֿאָטער). דער עולם האָט גענומען גלייבן, אַז דער ערשטער בּיסקופּ אין רוים איז געווען דער עלטסטער אַפּאָסטאָל פּעטרוס, וואָס צו אים האָט יעזוס קריסטוס געזאָגט: „דו ביזט פּעטרוס („פּעטראַ“ הײסט אויף גריכיש אַ פֿעלזן), און אויף דעם פֿעלזן וועל איך באַשאַפֿן מײַן קירך, און די טויערן פֿון גיהינום וועלן איר ניט בײַקומען.“ אין רוים פֿלעגט מען ווײַזן אַפֿילו דעם קבֿר פֿון הײליגן פּעטרוס, און פֿון יאָר צו יאָר פֿלעגן אַלץ מער מענטשן עולה־רגל זײַן אַהין. נאָך גרעסער איז געוואָרן די השפּעה פֿון די רוימישע בּיסקופּן, ווען די אימפּעריע אויף מערבֿ איז בטל געוואָרן און די לענדער אירע זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן צו די באַרבאַרן אין די הענט. איטאַליע האָט איבערגעלעבט זײער שווערע צײַטן, זינט עס זײַנען געקומען צו גײן די שרעקליכע לאַנגאָבאַרדן, וואָס האָבן חרובֿ גע־מאַכט כמעט דעם גאַנצן האַלבאינזל און זײַנען ניט אײנמאָל צוגעגאַנגען צו די מויערן פֿון רוים. די לאַנגאָבאַרדן האָבן אָפּגעשניטן דעם מערבֿ׳דיגן

ברעג פֿון איטאַליע, און ממילא רוים אויך, פֿון יעטווידער פֿאַרבינדונג מיטן ביזאַנטישן פלאַצהאַלטער, וואָס איז געזעסן אין ראַווענע. אין די דאָזיגע שווערע צײַטן האָט דער רוימישער ביסקופּ געמוזט אַליין אָננעמען מיטלען צו פֿאַרטיידיגן און שיצן די באַפֿעלקערונג.

אין 590־טן יאָר איז געוואָרן אַ פּויפּסט גרעגאָריוס I.; פֿאָלק און גײַסטליכקייט האָבן אים אויסגעקליבן פֶּה־אֶחָד. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רײַכער אַלטער פֿאַמיליע און איז תּחילת געווען אַ פּרעפֿעקט (שטאָט־הויפּטמאַן) אין רוים. ער פֿלעגט זיך ווײַזן אויף די גאַסן אין דינע זײַדענע מלבושים, באַצירט מיט דימענטן און פּערל; נאָר מיט אַמאָל האָט אים אַ צי געטון צום מאָנאַכנטום, ער האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון דער וועלט און אַוועקגעגעבן גאָר זײַן פֿאַרמעגן אויף אײַנאָרדענען מאָנאַסטירן. ווען מען האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר אַ פּויפּסט, האָט ער אָנגעהויבן זײַן טעטיגקייט מיט אַ גרויסן „על־חטא“, כּדי פּטור צו ווערן פֿון דער שרעקליכער פּעסט, וואָס האָט געווילדעוועט אין יענער צײַט. פֿון אַלע עקן שטאָט האָבן מאָנאַכן און די גאַנצע איבעריגע באַפֿעלקערונג, פֿון קליין ביז גרויס, זיך אַ לאָז געטון צום קלויסטער פֿון גאָטס־מוטער; פֿאָרויס זײַנען געגאַנגען די גײַסטליכע. אַלע זײַנען געווען אָנגעטון אין שוואַרצן, מיט טיכער אויפֿן קאָפּ.

דער פּויפּסט האָט געזעהן ווי ווײַט מעגליך פֿאַרקלענערן די נויט פֿון דער באַפֿעלקערונג. ער פֿלעגט אויסקויפֿן בײַ די לאַנגאָבאַרדן די געפֿאַנגענע רוימער, פֿלעגט זיך אויסקויפֿן מיט געלט פֿון זייער אָנפֿאַל אויף דער שטאָט; ער פֿלעגט צונעמען אין רוים די אַנטרונענע, וואָס זײַנען געוואָרן בדיל־הדל פֿון די לאַנגאָבאַרדישע רויבערײַען. פֿון די גוואַלדיגע שפּײַכלערס תּבֿואה, וואָס די קירך האָט פֿאַרמאָגט, האָט מען אַרויסגעגעבן דעם אָרימען עולם ברויט, פּונקט ווי דאָס פֿלעגט טון אַמאָל דער רוימישער סענאַט און די קיסרים. דער הויף פֿון רוימישן ביסקופּ האָט דאָס רובֿ קיין תּבֿואה גאָר ניט אײַנגעקויפֿט; ער פֿלעגט דאָס באַקומען פֿון די קלויסטערשע מאַיאָנטקעס, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן שטח פֿון איטאַליע און סיציליע. די דאָזיגע מאַיאָנטקעס, וואָס זײַנען כּסדר געוואַקסן דורך כּל־ערליי געשאַנקען, צוואָות און משכּנות, האָבן געבילדעט די ירושה פֿונם הייליגן פּעטרוס. די ביזאַנטישע רעגירונג האָט באַנוצט די רײַכקייט פֿון דער רוימישער קירך. דעם פּויפּסט פֿלעגט מען בעטן היטן אין זײַנע שפּײַכלערס די תּבֿואה, וואָס איז געווען אָנגעגרייט אויף צו שפּײַזן דעם ביזאַנטישן חיל אין איטאַליע. היות ווי דער פּויפּסט האָט אין זײַן אוצר תּמיד געהאַט פֿיל געלט, פֿלעגט מען אויף זײַן חשבון איבערשיקן

אַלע סומעס, וואָס טען האָט באַדאַרפֿט אויסצאָלן די סאָלדאַטן; דער פּויפּסט איז געווען אַ מין קאָסעפּירער פֿון דעם מזרח'דיגן קיסר.

גרעגאָריוס I., אַ טיכטיגער באַלעבאָס און רעגירער, האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ווי אַ טעאָלאָג, אַ פּאָעט און אַ קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט אויפֿגעקליבן די פֿאָלקס־לעגענדעס וועגן ניסים און וועגן הייליגע, ער האָט צונויפֿגעשטעלט קלויסטערשע לידער און אײַנגעפֿירט אין די קלויסטערס אַ נײַעם נוסח פֿון געזאַנג, וואָס איז געווען ענליך אויף די פֿאָלקס־ניגונים. אין די ווערק פֿון גרעגאָריוסן איז אַנטוויקלט די לערע וועגן דעם „פּורגאַטאָריום" (רייניגונגס־אָרט). לויט דער לערע פֿון דער רוימישער קירך, איז דאָס אַ גיהינום אויף אַ צײַט; די נשמה ווערט דאָרט געלײַטערט און קאָן פֿון דאָרט באַפֿרייט ווערן דורך די תּפֿילות פֿון דער קירך.

אָנשטאָט דעם אַלטן קייזערליכן רוים ווערט אויף אַזאַ אופֿן ביסלעכווייז דערהויבן דעם הייליגן פּעטרוס'עס רוים. אין דער צייט פֿון גרעגאָריוסן I. פֿאַרשפּרייט זיך רוימס השפּעה פֿון־דאָס־נײַ אויף יענע לענדער, וואָס זײַנען אַמאָל געווען פּראָווינצן פֿונם קייזערליכן רוים. די וועסטגאָטער אין שפּאַניע, וואָס זײַנען ביז דעמאָלט געווען אַריאַנער, זײַנען איצטער געוואָרן קאַטויליקן. גרעגאָריוס האָט באַשלאָסן, אַז עס וואָלט גלײַך געווען אומצוקערן צוריק נאָך אַן אַלטע רוימישע פּראָווינץ, בריטאַניע אָדער ענגלאַנד, און האָט אַוועקגעשיקט אַהין מיסיאָנערן.

§ 36. ענגלאַנד אין 7־טן און 8־טן י"ה. דער אינזל בריטאַניע איז אין משך פֿון 300 יאָר געווען אַ רוימישע פּראָווינץ (אַחוץ דעם צפֿונדיגן טייל, וואָס הייסט הײַנט שאָטלאַנד). די רוימער האָבן דאָ אויסגעבויט פֿעסטונגען און שטעט, נאָר קאָלאָניסטן פֿון די דרום־לענדער זײַנען אַהער געקומען גאַנץ ווינציג. די פּראָווינץ איז דעריבער ניט אַזוי ראָמאַניזירט געוואָרן, ווי גאַליע אָדער שפּאַניע. ווען סטיליכאָ האָט אין 400־טן י. צוגענומען די רוימישע זעלנער פֿון בריטאַניע, האָט זיך די פֿאַרבינדונג פֿון רוים מיט דער פּראָווינץ איבערגעריסן.

אַרום דעם 450־טן י. זײַנען פֿון יענער זײַט ים געקומען צו פֿאָרן רויבערשע אָפּטיילונגען פֿון די אַנגלען און זאַקסן, וואָס זײַנען פֿריער געזעסן אין הײַנטיגן דײַטשלאַנד און דענעמאַרק. די גערמאַנישע מחנות האָבן פֿאַרכאַפּט די ברעג־פּאַסן אויף דרום און מזרח, דערנאָך האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון ווײַטער. זיי האָבן אומ'ברחמנות'דיג אויסגעראָטן אָדער געמאַכט פֿאַר שקלאַפֿן די אָרטיגע אײַנוואוינער, די בריטן, וואָס האָבן באַלאַנגט צום שבט פֿון די קעלטן. אומאָפּהענגיגע קעלטן זײַנען איבער־

געבליבן נאָר אויף דער מערב־זײַט פֿון אינזל און אַחוץ דעם אויף צפֿון־זײַט, אין שאָטלאַנד און אויפֿן שכֿנישן אינזל אירלאַנד. נאָכדעם ווי די אַנגלאָסאַקסן האָבן פֿאַרנומען בריטאַניע, איז דאָ כמעט קיין זכר ניט געבליבן פֿון דער אַמאָליגער רוימישער ממשלה.

אין אָנהייב האָבן אין ענגלאַנד געאַרבעט קריסטליכע פּריידיגער פֿון דעם שכֿנישן קעלטישן אירלאַנד. זייערע מנהגים זײַנען געווען ניט אַזעלכע, ווי בײַ די איבעריגע קריסטן: זיי פֿלעגן טויפֿן דערוואַקסענע אונטערן פֿרײַען הימעל אין די טײַכן, זיי פֿלעגן מתפּלל זײַן ניט אויף לאַטיין, נאָר אין דער פֿאָלקסשפּראַך, און ניט אין קלויסטערס, נאָר אין קליינע געבעט־שטיבלעך, וואו עס איז ניט געווען ניט קיין אַלטאַר, ניט קיין הייליגע בילדער. גרעגאָריוס האָט אַרויסגעשיקט פֿון רוים 40 מאָנאַכן, און זייער משגיח, אווגוסטינוס, האָט ער באַשטימט פֿאַר אַ ביסקופּ פֿון ענגלאַנד. גרעגאָריוס האָט זיי אָנגעזאָגט געניי, ווי זיי דאַרפֿן זיך פֿירן מיט די געצנדינער. דער עיקר — ניט צושטיין מיט דער נײַער אמונה שאַרף און איבערגוואַלד. ווען זיי ערגעץ־וואו געפֿינען אַ טעמפּל פֿון דער עבֿודה־זרה, דאַרפֿן זיי אים ניט צעשטערן, נאָר מערניט אַרויסטראָגן פֿון דאָרט די געצן; דערנאָך אָנגרייטן הייליגע וואַסער, באַשפּריצן דעם בנין, אַוועקשטעלן אַן אַלטאַר און אַוועקלייגן דאָרט הייליגע ביינער. מען דאַרף אויך ניט פֿאַרניכטן די אַלטע מנהגים, ווי למשל צו ברענגען אָקסן פֿאַר אַ קרבן אָדער ארומצורינגלען דעם טעמפּל מיט געצעלטן פֿון גרינס און פֿון צווײַגן. זאָל דאָס פֿאָלק ווי פֿריער אויפֿקלייבן זיך אויף שמחות און ברענגען קרבנות, נאָר זאָל דאָס שוין מער ניט זײַן אַ יום־טובֿ פֿון טײַוול, נאָר אַ יום־טובֿ לכבֿוד גאָט.

די רוימישע פּריידיגער פֿלעגן קומען צו גיין צו די הויפֿן פֿון די אַנגלאָסאַקסישע אָנפֿירער און אַרײַנלאָזן זיך דאָרט אין וויכּוחים מיט די כּהנים פֿון דער אַלטער אמונה און מיט די אירלענדער לערער. אומעטום האָבן די רוימער מנצח געווען, ווײַל זיי זײַנען געווען געלערנטער און זײַנען תּמיד געגאַנגען אַלע האַנט בײַ האַנט. איינמאָל איז געווען אַ גרויסער וויכּוח בײַם הויף פֿון איינעם פֿון די קיניגן אין צפֿון־ענגלאַנד. די רוימער האָבן זיך דערהויפּט סומך געווען אויף קריסטוסעס ווערטער צום אַפּאָסטאָל פּעטרוס; די אירלענדער האָבן ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן. דאַן האָט דער קיניג געזאָגט: „אויב גאָט האָט געגעבן פּעטרוסן די שליסלען פֿון הימל, וועל איך זיך ניט גיין קריגן מיטן הימלשן טיר־היטער. פֿאַרקערט, איך וועל אים פֿאָלגן אין אַלץ, וואָס ער הייסט, וואָרום איך האָב מורא, אַז אין דער שעה, ווען איך וועל שטיין בײַ די טויערן פֿון הימל,

זאָל זיך פֿון מיר ניט אָפּווענדן דער שליסל־האַלטער און איך זאָל ניט בלײַבן פֿון דרויסן״.

אָנשטאָט די אירלענדער וואַנדער־לערער האָבן זיך אין ענגלאַנד באַוויזן שטענדיגע גײַסטליכע; זיי זײַנען געזעסן אין זייערע פּאַראַפֿיעס און פֿלעגן באַשטעטיגט ווערן דורך דעם ביסקופּ; דער ביסקופּ ווידער פֿלעגט באַשטימט ווערן פֿון רוים. די נײַע גײַסטליכקײַט האָט געוואָלט אַריבערשטײַגן די אירלענדער אין לומדות: מען האָט געעפֿנט שולן, וואו מען האָט געלערנט לאַטיין און גריכיש; אַחוץ דער ביבל פֿלעגט מען נאָך לייענען ווערגיליוסן, אָווידיוסן און טיטוס ליוויוסן, מען פֿלעגט איבערשרײַבן פּרעכטיגע כּתבֿ־יד׳ן. אָנשטאָט די קליינע אירלענדער געבעט־שטיבלעך האָט מען גענומען בויען גרויסע שטיינענע קלויסטערס, מען האָט געבראַכט בוימײַסטערס און מאָלערס פֿון גאַליע, כּדי צו בויען הײַזער „אויפֿן רוימישן שטייגער״.

אַ מערקווירדיגער ענגלישער געלערנטער איז געווען בעדאַ, וואָס האָט געלעבט אַרום דעם 700־טן י., ד״ה מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער נאָכדעם ווי די ערשטע פּריידיגער זײַנען געקומען קיין בריטאַניע. בעדאַ איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פֿון רוים, אַז ער האָט געזאָגט: „כּל־זמן עס שטייט דער קאָליזעאום, וועט שטיין רוים; וועט פֿאַלן דער קאָליזעאום, וועט פֿאַלן רוים אויך; און טאָמער פֿאַלט אײַן רוים, וועט פֿאַלן די גאַנצע וועלט״. די רוימישע קירך האָט געפֿונען אין די אַנגלאָסאַקסישע מדינות געטרײַע חסידים. אַ סך מענטשן פֿלעגן עולה־רגל זײַן פֿון ענגלאַנד און פֿלעגן וואַנדערן, ניט געקוקט אויף די גרויסע מניעות, איבער גאַנץ אייראָפּע, דורך די אַלפּן קיין רוים, צום קבֿר פֿון הייליגן פּעטרוס, כּדי דאָרט תּפֿילה צו טון און צו באַקומען אַ חלק עולם־הבא.

§ 37. **די פֿרענקישע מדינה אין 8־טן י״ה.** אין דער גרויסער מדינה פֿון די מעראָווינגער, וואָס האָט זיך געצויגן ביז איבערן ריין, זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אי ראָמאַנישע, אי גערמאַנישע לענדער. די מדינה איז באַשטאַנען פֿון צוויי ניט קיין גלײַכע העלפֿטן; דער מערבֿ׳דיגער טייל האָט אַרומגענומען די פּראָווינצן נייסטריע און בורגונדיע, דער מזרח׳דיגער טייל האָט געהייסן אַוסטראַזיע. די צוויי העלפֿטן האָבן אַמאָל געהאַט באַזונדערע קיניגן, אַמאָל אַ בשותּפֿות׳דיגן קיניג; אין יעדער טייל פֿון דער מדינה איז געווען אַ מאַיאָרדאָמוס (פֿאַרוואַלטער) פֿאַר זיך, און זײַן עובדא איז געווען — צעטיילן די ערד און באַלוינען די קיניגליכע באַאַמטע און זעלנער פֿאַר זייער דינסט. ווען די מאַיאָרדאָמוסן האָבן נאָך איבערגענומען

די הנהגה אויפֿן מלחמה־פּלאַץ אויך, זײַנען זיי געוואָרן שטאַרקער פֿאַר די קיניגן. אַרום דעם 700־טן יאָר האָט פּיפּין, דער מאַיאָרדאָמוס פֿון אויס־טראַזיע, באַזײַטיגט די אנדערע מאַיאָרדאָמוסן, פֿאַרכאַפּט די גאַנצע ממשלה און איז געוואָרן אַזאַ תּקיף, אַז אָן זײַן הסכּמה איז דער קיניג קיין קיניג ניט געווען.

זײַן זון, דער מאַיאָרדאָמוס קאַרל, האָט שוין גאָר קיין קיניגן ניט באַשטימט און האָט אַליין רעגירט ווי אַ קיניג. ער האָט געהאַט אויס־צושטיין אַ שווערן אָנפֿאַל מצד די אַראַבער, וואָס זײַנען געקומען צו גיין פֿון יענער זײַט פּירענעאישע בערג. די אַראַבער האָבן שוין געהאַט פֿאַר־נומען גאַנץ דרום־גאַליע, די טאָלן פֿון דער גאַראָנע און פֿון דער ראָנע, און זײַנען געגאַנגען צו דער לואַרע. לעבן פּואַטיע איז אַנטקעגן זיי אַרויס דער חיל, וואָס קאַרל האָט אויפֿגעקליבן פֿון פֿראַנקן און פֿון אַנדערע גער־מאַנישע שבֿטים. זיבן טעג האָט געדויערט די שלאַכט, און די גערמאַנישע קריגער זײַנען באַשטאַנען אַנטקעגן דעם אָנפֿאַל; נאָר זיי האָבן זיך אַליין ניט געגלויבט, ווען זיי האָבן דערזעהן, אַז די אַראַבער האָבן פֿאַרלאָזן דעם לאַגער און זײַנען אַנטלאָפֿן (732). נאָך דעם נצחון האָט קאַרל באַקומען דעם צונאָמען מ אַ ר ט ע ל, ד״ה האַמער.

דער קאַמף מיט די אַראַבער האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן שנוי אין דער קריגספֿירונג פֿון די פֿראַנקן. דער אַלטער חיל פֿון די גערמאַנער איז באַשטאַנען דערהויפּט פֿון פֿוסלײַט. אַנטקעגן די אַראַבער האָט מען גע־מוזט אַרויסשטעלן רײַטערײַ. קאַרל האָט גענומען פֿאַרגרעסערן די צאָל פֿון זײַנע וואַסן, ד״ה געפֿאָלגשאַפֿטס־מענטשן, און ער האָט געשטעלט אַ תּנאַי, אַז זיי מוזן אַליין קומען מיט אַ פֿערד און נאָך מיטברענגען מיט זיך עטליכע רײַטערס. כּדי אָפּצודאַנקען די וואַסן פֿאַר זייער שווערן דינסט, האָט קאַרל זיי ערלויבט צו פֿאַרנעמען גרויסע נחלאות, וואָס האָבן באַ־לאַנגט צו קלויסטערס און מאָנאַסטירן (פּונקט ווי דאָס האָבן געטון אין דערזעלבער צײַט די קיסרים די בילדערשטורעמער אין ביזאַנץ). אַנדערע האַלב־ווילדע זעלנער, וואָס האָבן אַפֿילו ניט געקאָנט לייענען, האָבן באַ־קומען דעם פּאָסטן פֿון ביסקופֿן.

אין דער צײַט איז אויף רוים אויפֿגעשטאַנען אַ שטאַרקער שונא — די לאַנגאָבאַרדישע קיניגן. אויף ביזאַנץ איז ניט געווען וואָס צו האָפֿן, און די פּויפּסטן האָבן דעריבער געווענדט זייערע אויגן צו די פֿרענקישע קיניגן. עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ בונד צווישן זיי; דערבײַ האָט שטאַרק מיטגעהאָלפֿן דער אַנגלאָסאַקסישער מאָנאַך ווינפֿריט־באָניפֿאַציוס.

§ 38. **באָניפֿאַציוס.** אין 8־טן י"ה זײַנען שוין די ענגלישע מאָנאַסטירן און שולן געשטאַנען אויף אַזאַ מדרגה, אַז זיי האָבן גענומען שיקן פּריידיגער אויפֿן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. צווישן זיי איז אויך געווען דער געלערנטער ווינפֿריט, וואָס איז אַוועק צו די שבֿטים פֿון צפֿון און מיטל־דײַטשלאַנד; דאָ האָט מען נאָך פֿון קריסטנטום כמעט ווי גאָרנישט ניט געוואוסט. ווינפֿריט האָט געוואָלט אַרבעטן לטובֿת דער רוימישער קירך; ער איז צוויי מאָל געווען אין רוים, אָנגענומען דעם לאַטײַנישן נאָמען באָניפֿאַציוס און איז געוועצט געוואָרן פֿאַר אַ ביסקופּ. ער האָט געגעבן דעם פּויפּסט גרעגאָריוס II. אַ כתב, אַוואו ער זאָגט אַרויס זײַן אני־מאמין און שווערט געטריישאַפֿט צו רוים; נאָכמער, ער האָט צוגעזאָגט ניט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט יענע ביסקופּן, וואָס גייען אין וואָס עס איז קעגן רוים.

צוזאַמען מיט נאָך עטליכע מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, וואָס ער האָט אַרויסגערופֿן פֿון ענגלאַנד, האָט באָניפֿאַציוס געגרינדעט עטליכע מאָנאַסטירן. אין אַנדערע ערטער פֿלעגט מען נאָך ברענגען מענטשליכע קרבנות. אינם הײַנטיגן העסן האָט באָניפֿאַציוס מיט זײַנע אייגענע הענט אָפּגעהאַקט דעם הייליגן דעמב פֿונם גאָט וואָטאַן, כדי צו באַווייזן, אַז די געטער פֿון דער עבֿודה־זרה האָבן קיין האַפֿט ניט. דער גרעסטער טייל פֿון די מכלומרשטיגע קריסטן האָבן בשתיקה ווײַטער מקיים געווען אַלע מצוות פֿון אַלטן גלויבן; געווען אַפֿילו אַזעלכע „קריסטליכע" גײַסטליכע, וואָס פֿלעגן פֿריער ברענגען אַ קרבן און עסן מיט אַלעמען צוזאַמען דאָס פֿלייש פֿון קרבן — און דערנאָך נעמען זיך צו די קריסטליכע צערעמאָניעס. אַנדערע פֿלעגן אויפֿשרײַבן אַ פּסוק פֿון דער ביבל און אָנהענגען זיך דאָס אויפֿן האַלז ווי אַ קמיע אַנטקעגן אַ בייז אויג אָדער אַ קרענק. אָט אַזוי האָט זיך געהאַט אויסגעמישט דאָס קריסטנטום מיט דער עבֿודה־זרה. די נײַע פּריידיגער האָבן געזעהן אויסצוראַמען די דאָזיגע גענג. די נײַע מאָנאַסטירן פֿלעגן אויפֿקלייבן צו זיך מענטשן פֿון דער גאַנצער סבֿיבֿה אויף אַרבעט: די מאָנאַכן גופֿא, די תּלמידים און די פּויערים, וואָס זײַנען געקומען צו זיי, האָבן צוזאַמען געהאַקט די אורוועלדער און צוגעגרייט דאָרט אַקערלאַנד.

דער פּויפּסט האָט באַשטימט באָניפֿאַציוסן פֿאַר אַ ביסקופּ איבער אַלע גערמאַנישע לענדער, וואָס הינטערן ריין, און וואו עס הערשן די פֿרענקישע קיניגן. קאַרל מאַרטעלס זין האָבן אויסגענוצט די קענטענישן, די געניטשאַפֿט און די הייליגקייט פֿון באָניפֿאַציוסן, כדי אָפּצורייניקן און אויפֿצוהייבן די קירך, וואָס איז אין דער פֿרענקישער מלוכה טאַקע געווען

זעער פֿאַרגרעבט. לויט ווי דער פּויפּסט האָט אים געהייסן, האָט באַניפֿאַציוס פֿאָרגעלייגט אויף די סינאָדן, אַז די גײַסטליכע זאָלן זיך פֿירן אײדעלער, אײַנגעהאַלטענער; אַז זיי זאָלן ניט טראָגן קיין געווער, ניט גיין אויף געיעג, ניט פּראַווען קיין סעודות. די ביסקופּן דאַרפֿן אַכטונג געבן אויף די גײַסטליכע און די מאָנאַסטירן; איבער די ביסקופּן שטייען די *אַרציביסקופּן* (אָדער *מעטראָפּאָליטן*); און די אַרציביסקופּן שטייען שוין אונטערן פּויפּסט. אויך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די מלוכה דאַרף אומקערן צוריק די קירכליכע אייגנס, וואָס זי האָט פֿאַרכאַפּט פֿאַר קאַרל מאַרטעלס צײַט, נאָר בתנאַי, אַז די קריגער, וואָס זיצן דאָרט, מעגן בלײַבן ווײַטער און זיך מפֿרנס זײַן דאָרט.

באָניפֿאַציוס האָט אויסגעשפּרייט די שליטה פֿון פּויפּסט איבער אַלע נײַ־געקריסטיגטע גערמאַנישע לענדער און אויף אַלע פֿריערדיגע פֿרענקישע טעריטאָריעס. איצט איז די האַנט פֿון פּויפּסט געווען איבער גאַנץ מערב־אייראָפּע. באָניפֿאַציוס איז אומגעקומען ניט מיט זײַן נאַטירליכן טויט: שוין אַ זקן, אַ 75־ער, איז ער אַוועק פּריידיגן דאָס קריסטנטום אין פֿריזלאַנד (הײַנט האָלאַנד); די צערייצטע פֿריזן זײַנען אויף אים אָנגעפֿאַלן אין וואַלד און האָבן אים גע׳הרג׳עט (אין 755־טן יאָר).

§ 39. **דער בונד פֿון די קאַראָלינגער מיטן פּויפּסט.** אין דער צײַט זײַנען פֿאָרגעקומען אַזוינע געשעהענישן, וואָס האָבן נאָך פֿעסטער צוזויפֿגעבונדן דעם פּויפּסט מיט די פֿרענקישע הערשער. קאַרל מאַרטעלס זון, גערופֿן פּיפּין דער קורצער, האָט באַשלאָסן אינגאַנצן פּטור צו ווערן פֿון דער מעראָווינגישער דינאַסטיע און אַליין אָנטון זיך די קיניגס־קרוין אויפֿן קאָפּ. אַזוי האָט ער טאַקע געטון (די דינאַסטיע רופֿט זיך נאָכן גרעסטן פֿאָרשטייער אירן, נאָך קאַרל דעם גרויסן — *קאַראָלינגער*); סײַ־ווי־סײַ איז שוין די ממשלה פֿון די מעראָווינגער געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די קריגער האָט מען אויפֿגעהויבן פּיפּינען אויפֿן שוץ (שילד), און בײַ אַ שווערדן־קלאַפּערײַ האָט מען אים אויסגערופֿן פֿאַר אַ קיניג. פֿאַר אַ סימן פֿון זײַן נײַער הויכֿער מאַכט האָט פּיפּין זיך געלאָזט זאַלבן פֿונם ביסקופּ, וואָס האָט דאָס געטון אין נאָמען פֿון פּויפּסט.

אינגיכֿן האָט זיך געטראָפֿן, אַז דער לאַנגאָבאַרדישער קיניג האָט צוגענומען כמעט דעם גאַנצן ביזאַנטישן באַזיץ אין איטאַליע און איז צוגעגאַנגען האַרט ביז רוים. דער פּויפּסט סטעפֿאַן II. איז אַריבער איבער די אַלפּן און געבעטן פּיפּינען, ער זאָל ראַטעווען דעם באַזיץ פֿון הייליגן

פּעטרוס; דערביי האָט פּיפּין באַקומען פֿון אים דעם טיטל פֿון אַ פּאַטרי־ציער, ד"ה פֿון אַ באַשיצער פֿון רוים. פּיפּין איז צווייִמאָל אַוועק מיט זיין מיליטער קיין איטאַליע און ביי־געקומען די לאַנגאָבאַרדן. די גאַנצע טערי־טאָריע, וואָס ער האָט ביי זיי צוגענומען — דאָס איז געווען דער אַמאָ־ליגער ביזאַנטישער באַזיץ אַרום רוים און ראַווענע — האָט ער געשאָנקען דעם הייליגן פּעטרוס. דער בעל־דֵעה איבער דער טעריטאָריע איז געוואָרן דער פּויפּסט, און די שליסלען פֿון די פֿאַרכאַפּטע שטעט האָט מען אַוועק־געלייגט אויפֿן קבר פֿון אַפּאָסטאָל. אויף אַזאַ אויפֿן איז דער פּויפּסט גע־וואָרן אַ וועלטליכער הערשער, און עס איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ זעלב־שטענדיגע ק י ר ך ־ מ ד י נ ה.

5. די מאָנאַרכיע פֿון קאַרל דעם גרויסן.

§ 40. קאַרלס מלחמות. דערהויפּט איז די פֿרענקישע מלוכה פֿאַרגרעסערט און דערהויבן געוואָרן אונטער פּיפּינס זון קאַרל (ער האָט רעגירט פֿון 768 ביז 814).

אין אָנהייב איז קאַרל מיט אַ פֿרענקישן חיל אַריבער איבער די אַלפּן, אָנגעפֿאַלן אויף די לאַנגאָבאַרדן, פֿאַרנומען זייער הויפּטשטאָט פּאַוויע און פֿאַרשפּאַרט זייער קיניג אין אַ מאָנאַסטיר. גאַנץ צפֿון־ און מיטל־איטאַליע זיינען געווען ביי קאַרלען אין האַנט. נאָר דער סדר איז געבליבן דער פֿריערדיגער: איטאַליע האָט זיך ווייטער גערעכנט פֿאַר אַ באַזונדער קיניג־רייך, מערניט קאַרל האָט גענומען אויף זיך די לאַנגאָבאַרדישע (די אַזוי גערופֿענע „אייזערנע") קרוין. צפֿון־איטאַליע הייסט נאָך ביז היינטיגן טאָג ל אָ מ ב אַ ר ד י ע, ד"ה לאַנגאָבאַרדיע, דאָס לאַנד פֿון די לאַנגאָבאַרדן. קאַרל איז אויך געקומען קיין רוים, וואו דאָס פֿאָלק האָט אים צוגענומען מיט גרויס כבוד, ווי אַ באַפֿרייער: די באַפֿעלקערונג איז אַרויס אַנטקעגן מיט צלמים און מיט איילבערט־צווייגן, און רוים האָט אים אָנערקענט פֿאַר איר פּאַטריציער.

אַ ביסל שפּעטער איז קאַרל אַוועק אויפֿן פּירענעאישן האַלבאינזל, כדי צו העלפֿן דעם אויפֿגעשטאַנענעם אַראַבישן פּלאַצהאַלטער קעגן דעם כאַליף פֿון קאָרדאָווע. נאָר דאָ האָבן די פֿראַנקן שלעכט אָפּגעשניטן. אין די בערג־דורכגאַנגען פֿון די פּירענעען איז געזעסן אַן אומאָפּהענגיגער קריסטליכער שבֿט, די ב אַ ס ק ע ר. גייענדיג אַהין, האָט קאַרל צעשטערט זייערע באַפֿעסטיגונגען; דערפֿאַר זיינען זיי אָנגעפֿאַלן אויפֿן אַריערגאַרד פֿון

פֿרענקישן חיל, בשעת קאַרל האָט זיך אומגעקערט צוריק. ראָלאַנד, דער פֿירער פֿון אַריערגאַרד, איז געפֿאַלן. זײַן טויט ווערט באַזונגען אין די העלדן־לידער פֿון מיטלעלטער. נאָך סוף־כל־סוף האָבן די פֿראַנקן פֿאָרט אײַנגענומען דעם צפֿון־מזרח׳דיגן ווינקל פֿון שפּאַניע מיט דער שטאָט באַרסעלאָנע.

שווערער און האַרטנעקיגער זײַנען געווען די מלחמות אויף מזרח־זײַט. בשכנות מיט די פֿראַנקן זײַנען דאָ געזעסן די זאַקסן, וואָס זײַנען נאָך געבליבן געטרײַ דער עבודה־זרה; זיי האָבן געוואוינט צווישן דער עלבע, די מיטלדײַטשע בערג און דעם צפֿון־ים. די זאַקסן פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף קאַרלס מדינה, און ער האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פֿון זיי. אין אָנהייב איז אים געגאַנגען גוט. די פֿראַנקן האָבן פֿאַרברענט דאָס הייליגע וועלדל פֿון די זאַקסן און די הויפּט־הייליגקײַט זייערע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, דעם בוים־שטאַם אירמענסול. בלית־ברירה האָבן די זאַקסן זיך אונטערגעגעבן און געשוואוירן געטרײַשאַפֿט. קאַרל האָט באַשטימט גראַפֿן (פּלאַצהאַלטער), אַראָפּגעבראַכט קריסטליכע פּריידיגער און אײַנגעאָרדנט ביסקופּשאַפֿטן; דאָס קריסטנטום איז געווען אַ הויפּטמיטל צו האַלטן אין צוואַנג דאָס באַזיגטע פֿאָלק. אָבער ווי נאָר קאַרל האָט געמוזט אַוועקגיין פֿון דאַנען פֿירן מלחמה אויף דרום, פֿלעגן די זאַקסן באַלד אויפֿשטיין, צעשטערן די קלויסטערס, אַרויסטרײַבן די פֿראַנקן און די נײַע גײַסטליכע. דערנאָך פֿלעגט קאַרל זיך אומקערן, דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד און אַכזריות׳דיג אָפּרעכענען זיך מיט די זאַקסן: איינמאָל האָט ער געהייסן טייטן $4\frac{1}{2}$ טויזנט מאַן מיטאַמאָל, וועלכע מען האָט אים אַרויסגעגעבן אַלס „אָנרייצער״. גאַנצע דרײַסיג יאָר האָבן זיך אַזוי געצויגן די אויפֿשטאַנדן. קאַרלען האָט זיך ערשט דאַן אײַנגעגעבן אײַנצושטילן דאָס לאַנד, ווען ער האָט אַ טייל זאַקסן באַזעצט אין אַן אַנדער אָרט און געבראַכט אַהער פֿרענקישע און סלאַווישע קאָלאָניסטן. קאַרל האָט געהייסן צונויפֿשטעלן פֿאַר די זאַקסן אַזעלכע געזעצן, ווי די אַנדערע גערמאַנישע שבֿטים האָבן געהאַט. פֿאַר אַ חטא אַנטקעגן דער קירך אָדער אַ גײַסטליכן האָט געקומט זעער אַ האַרבע שטראָף: למשל, פֿאַר ניט האַלטן די גרויסע תּעניתים האָט געקומט טויטשטראָף.

אין דער צײַט פֿון די זאַקסישע אויפֿשטאַנדן האָט קאַרל נאָך מלחמה געהאַלטן מיט די אַוואַרן, וואָס זײַנען געזעסן אין הײַנטיגן אונגאַרן, און מיט די סלאַוון. קעגן די אַוואַרן זײַנען אַרויס צוויי מחנות: איינע פֿון דײַטשלאַנד, די צווייטע פֿון איטאַליע; אין טאָל פֿון דונײַ האָבן זיך ביידע מחנות געטראָפֿן. קאַרלס חיל איז געגאַנגען אַנטקעגן די אומגלויביגע

מיט קירכליכע פּאָנעס, זינגענדיג קירכליכע לידער. ווען קאַרל האָט גע־נומען דעם הויפּט־„רינג" פֿון די אַוואַרן, וואו זייער „קאַהאַן" האָט גע־האַלטן אַלע זײַנע אוצרות, האָט ער אַ טייל פֿון זאַקרויב אַוועקגעשיקט דעם פּויפּסט פֿאַר אַ מתנה, דאָס רעשט האָט ער פֿונאַנדערגעגעבן זײַן סוויטע, „כדי זי זאָל דערהויבן זײַן נאָמען און העלפֿן אין די קאַמפּן". פֿון די גרעניץ־געגנדן, וואָס ער האָט צוגענומען ביי די אַוואַרן, האָט קאַרל געבילדעט די „אָסטמאַרק" („אָסט" הייסט מזרח; „מאַרק" איז דער טייטש — גרעניץ). די סלאַוון, וואָס זײַנען געזעסן בשכנות מיט קאַרלס מדינה פֿון שוואַרצן ים ביזן באַלטישן ים און ביז דער עלבע (צווישן זיי אויך די טשעכן) האָבן אָנערקענט זײַן אייבערהערשאַפֿט און זיך מתחייב געווען צו שטעלן זעלנער און צו צאָלן צינז.

§ 41. **די אימפּעריע.** צום סוף פֿון זײַן הערשונג האָט קאַרל גע־האַט אונטער זײַן האַנט אַלע געקריסטיגטע גערמאַניש־ראָמאַנישע לענדער, אַחוץ ענגלאַנד: אויף מזרח־זײַט איז דער גרעניץ געגאַנגען פּאַזע דער עלבע (ווײַטער זײַנען שוין געזעסן סלאַוון), דערנאָך פֿאַרקערעוועט זיך אויף דרום־מזרח, איבערגעהאַקט דעם דונײַ הינטער ווין און בײַם ברעג פֿון די מזרח׳דיגע אַלפּן אַראָפּגעלאָזן זיך צום אַדריאַטישן ים. צו קאַרלען האָט אויך געהערט דער גרעסטער טייל פֿון אַפּעניגישן האַלבאינזל, און אויפֿן פּירענעאישן האַלבאינזל האָט זײַן באַזיץ געגרייכט ביזן טײַך עבראָ. די גאַנצע מערב׳דיגע העלפֿט פֿון דער קריסטליכער קירך איז איצט געווען אײַנגעשלאָסן אין דער פֿרענקישער מדינה, צוזאַמען מיט רוים, דער הויפּט־שטאָט פֿון דער אַלטער אימפּעריע. דער קראָניקעס־שרײַבער, וואָס דער־ציילט וועגן יענער צײַט, שרײַבט: „אַזוי ווי קאַרל האָט געהאַט רוים, האָט ער געמוזט ווערן אַ קיסר". דער פּויפּסט האָט באַוויליגט דעם קיניגס פֿאַרלאַנג, וואָרום ער האָט אַליין באַדאַרפֿט האָבן אַ נײַעם מעכ־טיגן באַשיצער, ווײַבאַלד די מזרח׳דיגע אימפּעריע האָט שוין אָנגעוואוירן איר קראַפֿט.

דער פּויפּסט לעאָן III. האָט געמוזט פֿאַרן קיין דײַטשלאַנד בעטן ביי קאַרלען שטיצע קעגן זײַנע פֿײַנד, וואָס האָבן אים געהאַט אַראָפּ־געוואָרפֿן, אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה און שיר ניט דער׳הרג׳עט. קאַרל האָט געדייסן זײַנע שררות קלאָר ווערן אין דעם ענין און איז אַליין אַוועק קיין רוים. שוין פֿריער האָט ער געהאַט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט ביזאַנץ וועגן אָנערקענען אים פֿאַר אַ קיסר. איצט האָט דער פּויפּסט פֿאַרגיכערט די זאַך. אין דעם ערשטן טאָג ניטל פֿון 800־טן י., ווען קאַרל האָט

תּפילה געטון אין קלויסטער פֿון הייליגן פּעטרוס, האָט דער פּויפּסט אים אָנגעטון אויפֿן קאָפּ די קרוין און אַ בוק געטון זיך פֿאַר אים ביז דער ערד. די פֿראַנקן און רוימער, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום, האָבן באַקרעפֿטיגט די קרוינונג מיט זייערע אויסגעשרייען: „לעבן און זיגן זאָל קאַרל, אווגוסטוס, דער גאָטגעקרוינטער, גרויסער און שלום־ברענגענדיגער אימפּעראַטאָר פֿון די רוימער“.

לויט דער השגה פֿון יענער צײַט האָט די רוימישע אימפּעריע געדאַרפֿט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט; זי דאַרף גרייכן אַזוי ווײַט, ווי די קריסטליכע קירך, זי ווערט פֿאַראייניגט דורך גאָטס שטאָט אויף דער וועלט, דורך רוים. דעריבער איז די אימפּעריע הייליג; און די מאַכט פֿונם קיסר איז אויך אַ הייליגע, אַ מין גײַסטליכע מאַכט.

§ 42. **די קיניגליכע באַלעבאַטישקײַט.** קאַרלס גרויסע מדינה איז לויטן שטייגער פֿון פֿאַרוואַלטונג ניט געווען ענליך ניט אויפֿן כּאַליפֿאַט, ניט אויף ביזאַנץ. דער מסחר אין דער פֿרענקישער מדינה איז געווען אַ קנאַפּער, די וועגן שלעכטע, דער געלט־פֿאַרקער איז געווען שוואַך אַנטוויקלט, די שטעט זײַנען געווען נישטיגע. דער גרעסטער טייל באַפֿעלקערונג האָבן זיך מפֿרנס געווען פֿון ערד־אַרבעט און ניט פֿאַרקויפֿט זייערע אויסאַרבעטונגען. אויפֿקלײַבן שטײַערן פֿון פֿאָלק האָט קאַרל ניט געקאָנט; די הכנסה פֿון זײַן קאַסע האָט ניט באַטראָפֿן אַפֿילו אַ הונדערטסט־חלק פֿון דעם, וואָס באַנדאַד אָדער ביזאַנץ פֿלעגן צונויפֿנעמען. ער אַליין מיט זיין גאַנצן הויף פֿלעגט איבערפֿאָרן פֿון איין ווילע (מאַיאָנטעק) אין צווייטן.

אין די קיניגליכע ווילעס, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן געוואוינט קריגס־קנעכט און פּויערים, וואָס האָבן געמוזט ברענגען אָפּצאָלן, בעלי־מלאָכות און באַדינער, פֿערד־יונגען, וואַלדהיטער א. אז. וו. דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער ווילע האָט זיך גערופֿן „ריכטער“; ער איז ניט נאָר געווען אַ בעל־דעה אויף דער באַלעבאַטישקײַט, נאָר ער פֿלעגט אויך משפּטן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט און געאַרבעט דאָרט אין דער ווילע. אַלע יאָר אום ניטל האָט דער פֿאַרוואַלטער געמוזט צושטעלן דעם קיניג אַ דין־וחשבון, וויפֿיל דיווירטשאַפֿט האָט געטראָגן, וויפֿיל ציגנן די פּויערים האָבן באַצאָלט, וויפֿיל געלט־שטראָף מען האָט אַרײַנגעטראָגן, וויפֿיל מען האָט אויסגעגעבן און וויפֿיל עס איז געבליבן אויף איבעראַיאָר. פֿאַר פּסח האָט דער פֿאַרוואַלטער געמוזט צושיקן דעם קיניג אַלע געלטער, וואָס ער האָט אויפֿגעקליבן. פּראָדוקטן פֿלעגט ער שיקן אין פֿאַרשיידענע צײַטן: ליכט צוויי מאָל אַ יאָר — אָנהייב

ווינטער און צו די גרויסע תענתים אין פֿרילינג; פֿלייש, מעל, אייער, עופֿות, ווײַן פֿלעגט אָנקומען אָפֿטער. פֿון צײַט צו צײַט קומט צו פֿאָרן דער פֿאַרוואַלטער מיט זײַן פֿראַכט און ברענגט מיט זיך אַ ברויער, כדי אָנצוגרייטן ביר פֿאַרן קיניגס משפּחה און פֿאַר דער סוויטע. אויפֿן פֿאַל טאָמער קומט דער קיניג צו פֿאָרן מיט זײַן גאַנצער באַלייטונג אין דער ווילע, איז דאָרט געווען אָנגעגרייט אַ גענוגע צאָל בעטן, פּערענעס, פֿאָרהענגלעך, טישטיכער, געפֿעס א. אז. וו. — אַלצדינג וואָס מען דאַרף האָבן אײַנצואָרדענען זיך אויף עטליכע וואָכן צײַט.

אָפֿטער ווי אַלץ פֿלעגט קאַרל זיך אָפּשטעלן אין דער שטאָט אַ אַ כ ע ן. דאָ איז געווען דעם קיניגס באַפֿעסטיגטער פּ פֿ אַ ל ץ (ד"ה פּאַלאַץ, פֿון לאַטײַנישן palatium). אַרום דעם קיניגליכן פּאַלאַץ זײַנען געווען אויסגעבויט די הײַזער פֿון די מ אַ ג נ אַ ט ן, ד"ה שררות. ווען מען פֿלעגט צונויפֿרופֿן אַ קירך־קאָנציל אָדער מען פֿלעגט זיך ריכטן אויף שלוחים פֿון אויסלאַנד (למשל פֿון כאַליף האַרון־אַל־ראַשיד), דאַן פֿלעגן זיך קיין אַאַכען אַ לאָז טון זעער פֿיל מענטשן. דאַן פֿלעגן קומען סוחרים, יידען און סיריער, און ברענגען מיט זיך סחורה פֿונדערווײַטנס; פֿאַר זיי זײַנען געווען אָנגעגרייט באַזונדערע בנינים.

§ 43. וואַסאַלן און סעניאָרן. פֿאַר די גרויסע און קליינע מלחמות, וואָס קאַרל האָט געפֿירט, האָט ער כסדר געדאַרפֿט האָבן חיל. נאָר אויפֿהאַלטן זעלנער און באַוואָפֿענען זיי איז ער ניט געווען אימשטאַנד. יעדער קריגער האָט געמוזט ברענגען מיט זיך קליידער און געווער, עס זאָל קלעקן אויף 6 חדשים, און עסנוואַרג אויף 3 חדשים; יעדע צוויי אָדער דריי האָבן געדאַרפֿט ברענגען מיט זיך אַ וואָגן. דערהויפּט האָט געקאָסט טײַער דער דינסט אין דער רײַטערײַ, און נאָר פֿאַרמעגליכע לײַט האָבן זיך דאָס געקאָנט פֿאַרגינען. דעריבער האָט דער נאָמען ק אַ ב אַ ל אַ ר י ע ר (רײַטער, פֿון לאַטײַנישן וואָרט „קאַבאַלוס" — פֿערד) גענומען באַטײַטן דאָס אייגענע, ווי אַ פֿאַרמעגליכער, אַ נגיד, צו וועמען דאָס געמיינע פֿאָלק קאָן זיך ניט גלײַכן; און אַזאַ פּשט איז געבליבן בײַ דעם וואָרט „קאַוואַליר" ביז הײַנטיגן טאָג.

דער דינסט אין חיל האָט פֿאַראָרעמט דאָס פֿאָלק. אַ סך מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער אָדער געוואָרן גײַסטליכע, כדי פּטור צו ווערן פֿון מיליטערדינסט. היות ווי אויף אַזאַ מין חיל האָט מען זיך ניט געקאָנט שטאַרק פֿאַרלאָזן, האָט דער קיניג געזוכן צו פֿאַרגרעסערן די צאָל פֿון זײַנע וואַ ס אַ ל ן, ד"ה פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּ־

געגעבן אונטער זיין שוץ און האָבן אים געדינט מיט לײַב און לעבן. אַ טייל פֿון זײַנע וואַסאַלן האָט דער קיניג באַזעצט אין די פֿאַרנומענע געגנדן; די נחלאות, וואָס מען פֿלעגט צעגעבן פֿאַרן דינסט, האָבן זיך גערופֿן בענעפֿיציומס. אַנדערע וואַסאַלן, די פּ אַ ל אַ ט י נ ע ן, פֿלעגן בלײַבן בײַם קיניגליכן הויף אָדער זײַן אויף שליחות בײַם קיניג אָדער באַלייטן אים אין זיינע נסיעות.

די רײַכע מאַגנאַטן האָבן אָנגעהויבן נאָכטון דעם קיניג און אויך גענומען אויפֿקלײַבן אַרום זיך וואַסאַלן. פֿאַר אַ סך קליינע מענטשן האָט געלוינט צו פֿאַרלאָזן דאָס אייגענע שטיקל ערד און אָפּצוגעבן זיך אונטערן שוץ און אין רשות פֿונם מעכטיגן שכן; אַ סך פֿלעגן ווערן וואַסאַלן דער־פֿאַר, ווײַל זייער באַשיצער פֿלעגט זיי געבן אַ פֿערד און זיי פֿלעגן אויף אַזאַ אופֿן ווערן רײַטער. די רײַכע און תקיפֿ'ע לײַט האָבן, הייסט עס, געהאַט בײַ זיך פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע א ו נ ט ע ר ט אַ נ ע ן. ווער עס האָט זיך אָנערקענט פֿאַר אַ וואַסאַל, דער האָט אָנערקענט דעם באַשיצער זײַנעם פֿאַר אַ סעניאָר (לאַט. senior, פֿראַנצ. seigneur), ד"ה פֿאַר אַן עלטערן, פֿאַר אַ הויפּטמאַן. דער וואַסאַל פֿלעגט אים שווערן געטרײַשאַפֿט; דערבײַ פֿלעגט ער זיך שטעלן אויף די קני און אַרײַנלייגן זײַנע הענט צום סעניאָר אין די הענט. דער סעניאָר האָט געפֿאָדערט, אַז דער וואַסאַל זאָל אים אומעטום נאָכפֿאָלגן; פּונקט ווי דער קיניג, האָט דער סעניאָר אויך איבער־געגעבן אַ טייל פֿון זײַנע מאַיאָנטקעס די וואַסאַלן און געצאָלט זיי געהאַלט מיט בענעפֿיציומס, ד"ה דער וואַסאַל האָט זיך מפּרנס געווען פֿון דעם, וואָס די נחלה האָט געטראָגן.

§ 44. **דער שטייגער פֿון פֿאַרוואַלטונג.** אויף צו פֿאַרוואַלטן איבער די געגנדן פֿלעגט דער קיניג באַשטימען ג ר אַ פֿ ן. דער גראַף (אויף לאַטיין comes, אויף פֿראַנצויז comte, ד"ה באַלייטער), פֿלעגט אויפֿמאָנען די שטײַערן לטובת דעם קיניג און אַכטונג געבן, אַז דער חיל זאָל זײַן אין אָרדנונג. ער פֿלעגט אַריבערפֿאָרן פֿון איין קרײַז אין צווייטן און אויפֿרופֿן די אײַנוואוינער אויף געריכט. בײַם אַרומפֿאָרן פֿלעגט דער גראַף קריגן מתנות פֿון דער באַפֿעלקערונג און פֿלעגט ברענגען אַהיים ברויט, לײַוונט, וואָלענע שטאָפֿן, שוכוואַרג, געפֿעס א. אז. וו. קאַרל פֿלעגט אַרויסשיקן איבער די געגנדן ק י נ י ג ל י כ ע ש ל ו ח י ם, וואָס האָבן געדאַרפֿט השגחה געבן אויף דער טעטיגקייט פֿון די גראַפֿן, זעהן, אַז זיי זאָלן ניט באַדריקן די באַפֿעלקערונג, און צונעמען אָנקלאָגן פֿון די איינוואוינער.

צווײמאָל אַ יאָר פֿלעגט קאַרל אויפֿקלײַבן גרויסע פֿאַרזאַמלונגען. סוף פֿרילינג פֿלעגט זיך צונויפֿקומען דאָס אַזוי גערופֿענע מײַ־פֿעלד, וואוהין ס'פֿלעגן קומען צו פֿאָרן די גרויסע שררות, די קיניגליכע וואַסאַלן, די ביסקופן מיט זייערע וואַסאַלן, און אויך די פשוטע חילס־לײַט, וואָס האָבן געוואוינט נאָהענט. די דאָזיגע אַסיפֿה איז געווען גלײַכצײַטיג אַ מיליטערישער פּאַראַד. אין האַרבסט־צײַט איז שוין געווען אַ קלענערע פֿאַרזאַמלונג. אַהער פֿלעגן קומען נאָר די מאַגנאַטן און די חשוב'סטע וואַסאַלן; אַלע פֿלעגן ברענגען דעם קיניג מתנות. די דאָזיגע צונויפֿפֿאָרן זײַנען גאָרניט געווען ענליך אויף די אַמאָליגע פֿאַרזאַמלונגען, בשעת עס פֿלעגן זיך אויפֿקלייבן איינאיינעם אַלע קריגסלײַט. די פֿאַרזאַמלונגען פֿון קאַרלס צײַטן האָבן שוין געטראָגן אַן אַריסטאָקראַטישן כאַראַקטער. בלויז בײַ דעם קיניגס הויף־מענטשן, בײַ די ביסקופן און סעניאָרן האָט מען געפֿרעגט אַ דעה; די אַנדערע פֿלעגן נאָר אויסהערן דעם פּאַרטיגן באַשלוס.

אין זײַן פֿאַרוואַלטונג האָט קאַרל תמיד געמוזט אָנקומען צו די גײַסטליכע. די הויפּט־טוער בײַם הויף זײַנען געווען צוויי גײַסטליכע פּערזאָנען: דער קאַפּעלאַן און דער קאַנצלער. דער קאַפּעלאַן איז געווען דעם קיניגס בעל־יועץ אין גײַסטליכע פֿראַגן און דער היטער פֿון דער הייליגקייט, וואָס די פֿרענקישע קיניגן האָבן פֿאַרמאָגט — פֿונם מאַנטל פֿון הייליגן מאַרטין פֿון טור. דער קאַנצלער פֿלעגט צונויפֿשטעלן דאָקומענטן פֿאַר דער קיניגליכער קאַנצעלאַריע. אַחוץ גײַסטליכע זײַנען גאָר אין יענע צײַטן קיין געבילדעטע מענטשן ניט געווען. זיי פֿלעגן אַרומפֿאָרן ווי דעם קיניגס שלוחים איבער די געגנדן, זיי פֿלעגן דינען בײַם הויף, זיי פֿלעגן נעמען אַ טיכטיגן אײַנטייל אין די פֿאַרזאַמלונגען.

אַ סך פּראָצעסן האָט מען געזעהן איבערצוגעבן אין געריכט פֿון די ביסקופן, ווײַל דאָס וואָס דער קיניג מיט זיינע פּלאַצהאַלטער האָבן ניט געקאָנט פּועלן מיט געזעץ, פֿלעגט דער ביסקופּ אויפֿטון מיט זײַנע מיטלען. הגם די קירך האָט געקאָנט אַרויפֿלייגן נאָר אַ גײַסטליכע שטראָף, פֿלעגט דאָס אָבער ברענגען צו שווערע קערפּערליכע יסורים אויך. ס'איז געווען, למשל, אַ כלל פֿון דער קירך, אַז אַ מערדער דאַרף אָפּזיצן דרײַ יאָר מחוץ זײַן הויז און היים און ער דאַרף גיין אין קייטן. זעער שווער איז געווען דער קירכליכער חרם; ניט נאָר וואָס מען פֿלעגט דעם באַשטראָפֿטן ניט צולאָזן אין קירך צו די סאַקראַמענטן און צום גאָטסדינסט, נאָר קיינער האָט צו אים ניט געטאָרט אויסריידן קיין וואָרט, קיינער האָט ניט געטאָרט מיט איהם טרינקען און עסן, זאָגן אים גוט־מאָרגן, אַניט איז

אויף אים אויך חל געווען דער חרם. ווער עס איז געשטאָרבן אין חרם, דער האָט, לויט אַלעמענס מיינונג, ניט געהאַט קיין עולם־הבא.

§ 45. די בילדונג. קאַרל און זיינע הויף־לייט האָבן געהאַלטן אַן עולם־ומלואה פון רוימישן אַלטערטום און געזעהן נאָכצוטון יענע צייטן סיי אין געבייען, סיי אין פּאָעזיע און אין רייד־קונסט. איינער פון די פּאָעטן אין קאַרלס צייט זאָגט אַזוי: „אָט באַנייען זיך די צייטן, עס שטייט אויף צוריק דאָס לעבן פון די אַלטע, עס לעבט אָפּ צוריק דאָס, מיט וואָס רוים האָט געשיינט“. ביי קאַרלס הויף האָבן זיך אויפגעקליבן געלערנטע מענטשן פון אַלע מערב׳דיגע לענדער. צווישן זיי האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: דער אַנגלאָסאַקס אַלקואין, אַ שריפטשטעלער און אַ מחבר פון אַ בוך וועגן פּאָעזיע; דער לאַנגאָבאַרד פּאַוולוס דיאַקאָנוס, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעטישע געשיכטע פון זיין פּאָלק; דער פראַנק איינהאַרדט, קאַרלס סעקרעטאַר, אַן אָראַטאָר, אַ מאָלער, אַן אַרכיטעקטאָר און אַ מע־כאַניקער. איינהאַרדט האָט אָנגעשריבן אַ ביאָגראַפיע פון קאַרלען, וואו ער האָט געשילדערט דעם קיסר אַזוי ווי אַווגוסטוסן. די אַלע געלערנטע צוזאַמען מיט קאַרלס מקורבים זיינען געווען די געבילדעטע הויף־געזעל־שאַפט. אַלקואין האָט אויך איינגעאָרדנט ביים הויף אַ שולע אויפן שטייגער פון די אַנגלאָסאַקסישע מאָנאַסטיר־שולן; דאָרט פלעגט קאַרל צונויפנעמען די זין פון די סעניאָרן און פון די קיניגליכע וואַסאַלן, כדי צוצוגרייטן זיי צום דינסט. אין דער שול פלעגט מען לייענען און איבערשרייבן די רוימישע שריפטשטעלער און פלייסן זיך צו געדענקען די שיינע אויסדריקן זייערע, כדי דאָס דערנאָך צו באַנוצן אין ריידן אָדער אין שרייבן.

קאַרל פלעגט פאַרבעטן די געלערנטע צום טיש; דער סעקרעטאַר פלעגט שטיין ביים טיש מיט אַ וועקסענעם טאָוועלע און באַלד פאַרשרייבן וואָס דער קיסר פלעגט הייסן. נאָך דער סעודה פלעגט מען דאָס רוב לייענען שירים; די געסט פלעגן איבעררייסן דאָס לייענען מיט זייערע באַמערקונגען, דער מחבר פלעגט ענטפערן, מען פלעגט זיך וויצלען און ווערטלען. לויט ווי דאָס איז געווען אָנגענומען ביי די אַנגלאָסאַקסישע געלערנטע, האָט יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט געגעבן זיך אַ באַזונדער נאָמען פון תנ״ך אָדער פון גריכיש־רוימישן אַלטערטום (דוד, האָראַציוס א. ד. ג.); מען פלעגט זיך וועגדן איינער צום אַנדערן מיט בריוועלעך, מען פלעגט באַשיידן חריפות׳דיגע רעטענישן.

§ 46. קאַרלס אימפּעריע צעפאַלט זיך. זינט די רוימישע קיסרים טראַיאַנוס און קאָנסטאַנטינוס איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען אויפן מערב

אַזאַ מעכטיגער הערשער מיט אַזאַ גוואַלדיגער מדינה. ניט אומזיסט האָט מען קאַרלען אַ נאָמען געגעבן „דער גרויסער". נאָר די אימפּעריע, וואָס ער האָט באַשאַפֿן, האָט קיין קיום ניט געהאַט. דאָס פֿאָלק האָט שווער געליטן פֿון די שטײַערן און פֿון ציגז. אָנשטאָט צו דינען דער מלוכה פֿלעגן מענטשן וואָס ווײַטער אַלץ מער אַוועקגיין אין פּריוואַטן דינסט, און די סעניאָרן פֿלעגן זיך אָפּזאָגן צו פֿירן זייערע וואַסאַלן אויף מלחמה. קאַרל אַליין האָט שוין געמוזט צוזעהן צום סוף פֿון זײַן הערשונג, ווי די גרעניץ־קאַנטן פֿון זײַן מדינה בלײַבן אָן שוץ קעגן די אָנפֿאַלן און גזילות פֿון די שכנים: אויף מזרח האָבן זיך אַרײַנגעריסן די סלאַוון, אויף צפֿון — די דענער, אויף דרום — די סאַראַצענער, און בײַ די ברעגעס פֿון מיטלענדישן ים האָט מען באַלד דערהערט וועגן אַ נײַעם שרעקליכן שונא — די נאָרמאַנען.

קאַרלס אימפּעריע אין איר גאַנצער גרייס האָט זיך איינגעהאַלטן קנאַפּע צוואַנציג יאָר. זײַן זון, לודוויק דער פֿרומער, האָט צעטיילט די מדינה צווישן זײַנע זין און געגעבן יעדערן דעם טיטול קיניג. נאָר באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ זיי מחלוקת'ן און סכסוכים. עטליכע מאָל האָבן קאַרלס אייניקלעך און אור־אייניקלעך געטיילט צווישן זיך די ירושה. ענדליך איז אין 843־טן י. פֿאָרגעקומען די באַרימטע צעטיילונג פֿון ווערדען צווישן לאָטאַר, דעם קיניג פֿון איטאַליע, לודוויק פֿון דײַטשלאַנד און קאַרל דעם פּליכקאָפּ, וואָס האָט געהערשט איבער די מערב'דיגע פֿראַנקן.

דאָ האָט זיך קאַרלס גרויסע אימפּעריע ענדגילטיג צעטיילט אויף פֿיר מדינות: דײַטשלאַנד (די געוועזענע אויסטראַזיע), בורגונדיע (די לענדער בײַ דער ראָנע), איטאַליע און פֿראַנקרײַך (אַזוי האָט מען איצט אָנגעהויבן רופֿן דעם מערב'דיגן, דעם ראָמאַנישן טייל פֿון דער פֿרענקישער מאָנאַרכיע; דאָס איז געווען די אַמאָליגע רוימישע פּראָווינץ גאַליע). פֿון די דאָזיגע לענדער האָט בורגונדיע אָדער אַרעלאַט (לויט דער הויפּט־שטאָט אַרל) אויפֿגעהערט עקזיסטירן אין אַ יאָר 400 אַרום; דער צפֿון־טייל פֿון דער מלוכה איז די הײַנטיגע שווייץ, דעם דרומדיגן טייל האָט צוגענומען פֿראַנקרײַך. די אַנדערע דרײַ האָבן געבילדעט דעם יסוד פֿון די הײַנטיגע גרויסע מלוכות, און צוזאַמען מיט ענגלאַנד און שפּאַניע (יעמאָלט האָט צו די קריסטן געהערט נאָך גאָר אַ קליינער טייל פֿון שפּאַניע, און דער טייל האָט אויך בשעתו באַלאַנגט צו קאַרלס אימפּעריע) זײַנען זיי דאָס געוואָרן שפּעטער די פֿינף גרויסע מדינות: פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, איטאַליע און שפּאַניע.

6. דער פּעאָדאַליזם.

§ 47. די רויב־אָנפֿאַלן פֿון 9־טן און 10־טן יאָרהונדערט.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 9־טן י״ה איז די לאַגע פֿון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער געווען זעער אַ שווערע. איטאַליע און דרום־פֿראַנקרייך האָבן געהאַט שווער צו ליַידן פֿון די סאַראַצענער, וואָס האָבן זיך איַינגעפֿונדעוועט אין סיציליע און באַרויבט די ברעגעס פֿון מיטלענדישן ים. זיי האָבן צעראַבירט די פֿאָרשטעט פֿון רוים און די באַזיליקעס (טעמפּלען, געבויט אויף אַ באַזונדער שטייגער) פֿון די אַפּאָס־טאָלן פּעטרוס און פּאַוולוס. אַ פֿריש אומגליק האָט זיך אָנגערוקט אין 9־טן י״ה פֿון מזרח: די אונגאַרן, אָדער די מאַדיאַרן האָבן פֿאַרנומען די ערטער פֿון די אַוואַרן אין די סטעפּעס וואָס ביים מיטלסטן דונײַ און האָבן געהאַלטן אין איין רויבן די שכנ׳ישע לענדער. די אונגאַרישע ריַיטעריַי פֿלעגט זיך אַריַינריַיסן גאָר וויַיט: גאַנץ דיַיטשלאַנד איז געווען אָפֿן פֿאַר זייערע אָנפֿאַלן; זיי פֿלעגן זיך אַפֿילו דורכשפּאַרן נאָך ווייטער אויף מערב, ביז הינטערן ריין, ביז פּאַריז; זיי זיינען געווען אַפֿילו אין איטאַליע און האָבן דערגרייכט ביז רוים און נעאַפּאָל. און פֿון צפֿון־זיַיט האָבן זיך אין משך פֿון צווייהונדערט יאָר נאָכאַנאַנד געגאָסן ניַיע און ניַיע שטראָמען פֿון נאָרמאַנען (דאָס איז דער טיַיטש — צפֿונ׳דיגע מענטשן).

די נאָרמאַנען זיַינען געזעסן אין דעם היַינטיגן דענעמאַרק און אין די דרומ׳דיגע טיילן פֿון סקאַנדינאַווישן האַלבאינזל. זיי זיַינען געווען צע־שפּאָלטן אין קליינע מדינה׳לעך; כמעט יעדער פֿיאָרד (ים־אויסגוס) איז געווען אַ פֿירשטנטום פֿאַר זיך. די ערד האָט ווינציג־וואָס געטראָגן: אָפֿט פֿלעגט גאָר טרעפֿן אַן אומגערעטעניש, און עס פֿלעגט זיַין אַ הונגער. קיינמאָל האָט ניט געקלעקט קיין ברויט פֿאַר אַלעמען, און אַ טייל פֿון פֿאָלק האָט דערייבער כסדר געמוזט אויסוואַנדערן און זוכן חיונה מעֵבר־ליַם. די נאָרמאַנען האָבן אין זייערע נסיעות פֿאַרבונדן אינאיינעם מסחר און רויב: די גע׳גזל׳טע סחורה פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן, פֿון זייער לאַנד פֿלעגן זיי אַרויספֿירן פֿיש, פֿעל, רויכוואַרג, און איַינקויפֿן פֿלעגן זיי אַזוינס, וואָס עס איז ביַי זיי געווען ווינציג: ברויט, האָניג, געוואַנט און געווער. ווען אין דענעמאַרק איז געוואָרן אַ קיניג און די קיניגן האָבן גענומען דריקן די אומאָפּהענגיגע יאַרלען (יאַרל — אַ קליינער פֿירשט), האָט זיך די אויסוואַנדערונג נאָך מער פֿאַרגרעסערט.

בראָש פֿון די אויסוואַנדערער זיַינען געשטאַנען די וויקינגער (ים־פֿירער) פֿון אָנגעזעהענע משפּחות, אַמאָל אַפֿילו דעם קיניגס זין. ביַי די

נאָרמאַנען האָט נאָך געגאָלטן די אַלטע גערמאַנישע רעליגיע. פֿאַרן אַרויספֿאָרן אויפֿן ים פֿלעגן זײ ברענגען אַ קרבן דעם דונער־גאָט טאָר; דער וויקינג פֿלעגט טרעפֿן, וואַרפֿנדיג זײַן שפּיז אין דער לופֿטן, וואוהין ער זאָל פֿאָרן, און ער האָט זיך געווענדט אין דער זײַט, וואוהין דער שפּיז איז געפֿאַלן. רײַזן פֿלעגט מען אויף גרויסע שיפֿלעך, וואו ס׳איז געווען אָרט פֿאַר 60—70 מענטשן. בײַם אַרויספֿאָרן פֿלעגט מען ברענגען אַ מענטשן־קרבן. צו די ברעטער, אויף וועלכע מען לאָזט אַראָפּ דאָס שיפֿל אין וואַסער, פֿלעגט מען צובינדן אַ מענטשן, כדי דאָס שיפֿל זאָל פֿון אונטן באַשפּריצט ווערן מיט בלוט. דאָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ סגולה קעגן אומגליקן. אַ סך שיפֿלעך זײַנען אומגעקומען פֿון שטורעם, נאָר די וואַנדערונגען האָבן זיך צוליב דעם ניט אָפּגעשטעלט.

די נאָרמאַנען פֿלעגן זיך באַווײַזן מיט אַמאָל אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון לאַנד, און די פֿאַרטיידיגער האָבן ניט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען פֿריער. די וויקינגער פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף די ברעגעס און דערנאָך מיט די שטראָמען פֿון די טײַכן אַרײַנדרינגען טיף אין לאַנד אַרײַן. פֿיר מאָל זײַנען זײ דורך דער סענע צוגעגאַנגען ביז פּאַריז. אויפֿן רײַן האָבן זײ זיך דורכגעריסן ביז קעלן און מײַנץ; אין אַאַכען האָבן זײ פֿאַרברענט קאַרל דעם גרויסנס פּאַלאַץ. דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, שפּאַניע און אַפֿילו איטאַליע זײַנען פֿאַרוויסט געוואָרן פֿון זײער האַנט. אַמאָל פֿלעגן זײ קומען מיט פֿאַלשקײַט, פֿאַרשטעלנדיג זיך פֿאַר קריסטליכע סוחרים. צו אַ באַפֿעסטיגטן האַפֿן אין איטאַליע זײַנען אַמאָל צוגעפֿאָרן נאָרמאַנען, און זעהענדיג, אַז נעמען די שטאָט אין שטורעם איז אוממיגליך, האָבן זײ געשיקט אָנזאָגן אין שטאָט, אַז זײער אָנפֿירער האַלט בײַם שטאַרבן און וויל אָננעמען דעם קריסטליכן גלויבן. בײַ־נאַכט האָבן זײ אויפֿגעהויבן אַ יללה, ווי נאָך אַ טויטן, און אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָבן זײ געבעטן, מען זאָל לאָזן באַגראָבן זײער אָנפֿירער לויט דער קריסטליכער דת. דער בּיסקופּ, דער גראַף און דאָס פֿאָלק האָבן באַשלאָסן אַרײַנצולאָזן זײ מיט דער טרומנע אין קלויסטער. אָבער ווען מען האָט געהאַלטן אין מיטן דער תּפֿילה, האָט זיך אַ הייב געטון דער צודעק פֿון דער טרומנע, דער אָנפֿירער פֿון די נאָרמאַנען איז אַרויסגעשפּרונגען און געטײט דעם בּיסקופּ, און זײַן סוויטע האָט אויסגעקוילעט די איבעריגע אײַנוואוינער.

אין 10־טן י״ה האָבן די נאָרמאַנען שוין גענומען בויען גרעסערע שיפֿן; זײ פֿלעגן ארויכפֿאָרן אין גרעסערע מאַסן און פֿאַרנעמען גאַנצע געגנדן. אַזוי, למשל, האָבן זיך אײַנוואַנדערער פֿון דענעמאַרק באַזעצט אויפֿן צפֿונ׳דיגן ברעג פֿון פֿראַנקרײַך, אין יענעם געגנד, וואָס טראָגט נאָך

צוליב זיי ביז הײַנטיגן טאָג דעם נאָמען נאָרמאַנדיע, און אין מזרח פֿון ענגלאַנד. קריגסלײַט פֿון נאָרוועגיע האָבן פֿאַרכאַפּט אַ טייל פֿון אירלאַנד, די צפֿונ'דיגע אינזלען, איסלאַנד; זיי זײַנען אַפֿילו דערפֿאָרן ביז אַמעריקע (ניט ווײַט פֿונם אָרט, וואו עס שטייט הײַנט ניו־יאָרק). פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך זײַנען די נאָרמאַנען אין מיטן פֿון 11־טן י"ה אַרויס אויף נײַע מלחמות: זיי האָבן פֿאַרנומען סיציליע און דרום־איטאַליע, און אַ ביסעלע שפּעטער (אין 1066־טן י.) האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון קיין ענגלאַנד.

דאָס קריסטנטום האָט ניט גרינג געפֿונען אַ וועג אין די צפֿונ'דיגע לענדער אַרײַן. דענעמאַרק האָט אָנגענומען דעם נײַעם גלויבן אין 10־טן י"ה, נאָרוועגיע אין 11־טן. די אַלטע רעליגיעזע השגות האָבן זיך נאָך געהאַלטן גאַנץ לאַנג. די מאָדנע געמישטע גלויבענישן פֿון די נאָרמאַנען קאָנען מיר זעהן אין די געזאַנגען פֿון דער עדאַ, וואָס האָט זיך געבילדעט פֿון לידער פֿון די סקאַלדן (זינגער). אין דער עדאַ באַגעגענען מיר נאָך די אַלטע געטער, אָבער אין דער געשטאַלט פֿונם אידעלן צאַרטן און לײַדנדיגן באַלדור לאָזט זיך שוין שפּירן קריסטליכער אײַנפֿלוס.

§ 48. די צעשפּליטערונג פֿון די אייראָפּעאישע קיניגרײַכן.

די מלחמות, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַן אויפֿהער אין גאַנץ אייראָפּע, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די גרויסע מלוכות זײַנען צעפֿאַלן געוואָרן. שוין פֿריער פֿלעגט דער קיניג איבערגעבען זיין שליטה די סעניאָרן, אַרויסגעבנדיג זיי אימוניטעטן, ד"ה דאָס רעכט צו משפּט'ן מענטשן און צו נעמען פֿון זיי שטײַערן. איצטער האָט זיך די מיליטערישע פֿאַרטיידיגונג אויך געמוזט צעטיילן לויט די געגנדן. די גראַפֿן און ביסקופֿן האָבן זיך ניט געקאָנט פֿאַרלאָזן, אַז פֿון אַן אַנדער טייל פֿון דער מדינה וועט מען זיי קומען אויסהעלפֿן צו דער צײַט; זיי האָבן זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין, און דעריבער האָבן זיי זיך אַליין גענומען די דעה. ווען די נאָרמאַנען האָבן באַלעגערט פּאַריז, האָבן דער גראַף מיטן ביסקופּ פֿאַרטיידיגט זיך אויף זייער אייגענער אחריות; און אין דערזעלבער צײַט האָט דער קיניג געדונגען זיך מיט די נאָרמאַנען וועגן קויפֿן בײַ זיי שלום.

אויף אַזאַ אויפֿן זײַנען כל'ערליי סעניאָרן, גראַפֿן (comtes), הערצאָגן (ducs) און אַ סך ביסקופֿן געוואָרן זעלבשטענדיגע הערשער אין זייער געגנד. זיי האָבן אַרונטערגענומען אונטער זייער האַנט די קליינע קיניג־ליכע וואַסאַלן און פֿאַראייניגט זיך מיט זיי אין איין קלאַס קריגער אָדער ריטער (רײַטער). די קיניגרײַכן, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן פֿון קאַרלס אימפּעריע, זײַנען זיך, הייסט עס, פֿון דאָס ניי צעפֿאַלן אויף גרויסע סעני־

אָ ר י ע ס. אין דײַטשלאַנד און אין פֿראַנקרײַך זײַנען געווען צו 10 אָדער 12 גרויסע סעניאָריעס. די גראַפֿן און הערצאָגן האָבן איבערגעגעבן זייער מאַכט בירושה; אין פֿראַנקרײַך איז איינער פֿון זיי געווען אַ פֿרעמדער, אַן אַנגעפֿאָרענער נאָרמאַנישער אָנפֿירער, וואָס האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום און באַקומען פֿון קיניג דעם צפֿונ'דיגן ברעג.

דעם קיניגס מאַכט איז געוואָרן גאָר שוואַך; אונטער זײַן האַנט זײַנען געבליבן נאָר די נאָהענטסטע וואַסאַלן. די גרויסע סעניאָרן פֿלעגן אַראָפּ־וואַרפֿן דעם קיניג, אויב ער האָט בײַ זיי ניט נושא חן געווען, און פֿלעגן אויסקלײַבן פֿון צווישן זיך אַ נײַעם. אין 10־טן יאָרהונדערט זײַנען שוין אין קיין לאַנד קיין קאַראָלינגישע הערשער ניט געווען; אָנשטאָט זיי זײַנען געזעסן (אין דײַטשלאַנד פֿון 911־טן יאָר, אין פֿראַנקרײַך פֿון 987־טן יאָר, אין איטאַליע פֿון נאָך פֿריער) גרויסע סעניאָרן, וואָס מען האָט זיי אויס־געקליבן אָדער וואָס האָבן אַליין פֿאַרכאַפּט די קרוין. די גרויסע סעניאָרן האָבן זיך געגליכן צום קיניג אין ווערדע; זיי האָבן זיך גערופֿן פּ ע ר ן (pairs איז דער טײַטש גלײַכע, דאָס מיינט מען צום קיניג).

צוליב די מלחמות אָן אַ סוף האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן דער כאַראַקטער פֿון די ישובֿים. די גרויסע באַלעבאַטישקײַטן אין די ווילעס זײַנען בטל געוואָרן צוליב די כסדר'דיגע רויב־אָנפֿאַלן, די אומגעשיצטע דערפֿער זײַנען וויסט געוואָרן. אַ סך אַרבעטסלײַט און פּויערים זײַנען זיך צעלאָפֿן און אויסגעהרג'עט געוואָרן. כדי צו שיצן זיך פֿון אומגעריכטע אָנפֿאַלן, פֿלעגט דער גרויסער פּריץ פֿאַרוואַנדלען זײַן ווילע אין אַ פֿעס־טונג, אַ „בורג“ (פֿראַנצ. château, דײַטש Burg); פֿון די מאָנאַסטירן האָט מען אויך געמאַכט אמת'ע פֿעסטונגען. מען פֿלעגט אויסבויען אַ הויכע מויער אַרום דעם גאַנצן מאַיאָנטעק מיט אַלע הײַזער פֿאַרן פּריץ, פֿאַר זײַנע קריגסלײַט און פֿאַר דער דינערשאַפֿט; אַרום דער מויער איז געגאַנגען אַ טיפֿער גראָבן. אַזאַ מין באַפֿעסטיגטן שלאָס פֿלעגט מען בויען דערהויפּט אויף אַ הויכן אָרט: אָדער מען פֿלעגט אויסקלײַבן אַן אָרט אויף אַ פֿעלזיגן אינזל אין אַ טײַך, אָדער אויפֿן רוקן פֿון אַ באַרג; טאָמער האָט די נאַטור קיין פּאַסיגן אָרט ניט געגעבן, פֿלעגט מען אָנשיטן אַ קינסטליכן באַרג אויך. אָפֿטמאָל פֿלעגט מען אַרום דער ערשטער מויער מיט אַ שטיק ווײַטער אויסבויען נאָך אַ צווייטע מויער און אַ צווייטן גראָבן; דער אַרומגעצאַמטער אָרט פֿלעגט זיך רופֿן „דער אונטערשטער הויף“. ווען עס פֿלעגט זיך אָנרוקן דער שונא, פֿלעגן די אײַנוואוינער פֿון פּליין, וואָס זיינען געווען אונטערן שוץ פֿון סעניאָר, זיך אַ לאָז טון אַהער, אין דער „בורג“; זיי פֿלעגן ברענגען אַהער זייערע טשערעדעס און זייער גאַנץ

האָב־און־גוטס. דערפֿאַר זײַנען זיי מחויב געווען צו העלפֿן בויען, פֿאַר־ריכטן און פֿאַרטיידיגן די בורג.

§ 49. **ענגלאַנד פֿון 9־טן ביזן 11־טן י״ה.** דאָס אייגענע וואָס אויפֿן קאָנטינענט נאָך קאַרלס טויט, איז פֿאָרגעקומען אין ענגלאַנד אויך. פֿון 6־טן ביזן 8־טן י״ה זײַנען אין ענגלאַנד געווען עטליכע קיניגרײַכן. און ווי נאָר דעם קיניג פֿון וועסעקס (ד״ה וועסט־סעקס, מערבֿדיגע סאַקסן) האָט זיך אײַנגעגעבן צו פֿאַראייניגן די אַלע מלוכות (אָנהייב פֿון 9־טן י״ה), האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די מזרח־ברעגעס די נאָרמאַנען פֿון דענעמאַרק און גענומען פֿאַרוויסטן דאָס לאַנד.

קיניג אַלפֿרעד (871—901) האָט געמוזט אָוועקגעבן דעם דענישן אָנפֿירער דעם גאַנצן צפֿון־מזרח פֿון אינזל, ד״ה מער ווי אַ העלפֿט פֿון זײַן קיניגרײַך. בײַ אים איז געבליבן נאָר דער דרום־מערב. אַלפֿרעד איז מיט זײַן כאַראַקטער, מיט זײַנע פֿעאיגקײַטן, מיט זײַן גרויסן אָפּשײַ פֿאַר בילדונג געווען ענליך אויף קאַרלען. ער האָט טאַקע אויך באַקומען אין דער געשיכטע דעם נאָמען „דער גרויסער״. נאָר ער האָט געלעבט און געקיניגט בײַ אַ סך אַ שווערערער לאַגע; די אייביגע מלחמות האָבן געמאַכט צו־נישט די גאַנצע בילדונג אין לאַנד. אין 7־טן י״ה פֿלעגט ענגלאַנד שיקן זײַנע שלוחים אויפֿן קאָנטינענט, פֿון ענגלישע שולן פֿלעגט מען זיך אַראָפּנעמען אַ משל. צום סוף 9־טן י״ה קלאָגט זיך אַלפֿרעד: „פֿריער פֿלעגן אויסלענדער זוכן חכמה און לערע ביי אונז אין לאַנד, און איצט מוזן מיר אַליין אָנקומען צו אויסלענדער. אַלצדינג איז אַזוי געפֿאַלן, אַז זעער ווינציג גײַסטליכע פֿאַרשטייען די ביכער פֿון גאָטסדינסט אָדער קאָנען איבערזעצן אַ בריוו פֿון לאַטײַן אויף ענגליש״.

אַזוי ווי צו די מלחמות האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען, האָבן די קלענערע מענטשן געזוכט שוץ און שטיצע ביי די שטאַרקע און רײַכע, אָנערקענט זיי פֿאַר זייערע איבערהאַרן (אויף ענגליש ל אָ ר ד ן). די קי־ניגן האָבן ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די אָרדענונג אין לאַנד, און דעריבער האָבן זיי געזעהן, אַז יעדער איינער זאָל כאָטש האָבן אַן איבערהאַר אויף זיך. אין 10־טן י״ה איז אַפֿילו געווען אַ געזעץ, אַז יעדער געמיינער מענטש מוז האָבן אַ לאָרד. ווער עס געפֿינט ניט קיין לאָרד ביז אַ גע־וויסער צײַט, דער רעכנט זיך פֿאַר אַן אַנטלאָפֿענעם, און זיין לעבן איז הפֿקר; יעדערער מעג אים טייטן, ווי אַ גנבֿ, און ווער עס באַהאַלט אים, דער דאַרף צאָלן שטראָף.

נאָכדעם ווי די נאָרמאַנען האָבן אין משך פֿון אַ לאַנגער צײַט גע־

שמיקט און געדריקט ענגלאַנד מיט זייערע אָנפֿאַלן, איז ענדליך דאָס גאַנצע לאַנד אַרייַנגעפֿאַלן צו די דענער אין די הענט. דאָס איז געווען אין 11־טן יאָרהונדערט. ענגלאַנד איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער גרויסער צפֿונ'דיגער מדינה פֿון קאַנוט דעם גרויסן (געשטאָרבן אין 1035־טן יאָר), וואָס האָט אַרומגענומען דענעמאַרק און נאָרוועגיע. נאָר באַלד זייַנען די דענער אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון אַנדערע נאָרמאַנען, וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין פֿראַנקרייַך, פּונקט אנטקעגן ענגלאַנד, אויף דער אַנדערער זייַט פֿון קאַנאַל. דער לעצטער קיניג פֿון דער אַנגלאָסאַקסישער דינאַסטיע, עדוואַרד דער מאמין, האָט זיך אייַנגעהאַלטן נאָר מיט דער הילף פֿון די פֿראַנצויזישע נאָרמאַנען.

נאָך זייַן טויט איז געקומען מיט תּבֿיעות אויפֿן ענגלישן טראָן דער נאָרמאַנדישער הערצאָג ווילהעלם. די אַנגלאָסאַקסן און דענער האָבן אַרויסגעשטעלט זייער קיניג האַראָלד. דאָ האָט ווילהעלם גענומען גרייטן אַ גרויסע אַרמיי, כּדי אַריבערצופֿירן זי אין ענגלאַנד. אַ טייל פֿון זייַנע נאָרמאַנדישע וואַסאַלן האָט ניט אייַנגעשטימט אויף אַזאַ שווערער אונטערנעמונג; זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי ווייַט גייען ניט זייערע וואַסאַלישע התחייַבות'ן. נאָר צו ווילהעלמען זייַנען געקומען צו גיין אַ סך זעלנער פֿון גאַנץ פֿראַנקרייַך — מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין ערד און גערעכנט צו באַקומען בענעפֿיציומס אין ענגלאַנד. אין 1066־טן יאָר האָט זיך ווילהעלם אַרויסגעזעצט מיט זייַן אַרמיי אויפֿן דרום פֿון ענגלאַנד, לעבן האַסטינגס. דער הויפּט־כּוח פֿון דער אַרמיי איז געווען די רייַטערייַ; די ריטער (רייַטער) זייַנען געווען אין קווערס און אין רינגען־פּאַנצערס, מיט לאַנגע שפּיזן. האַראָלד האָט געהאַט אין זייַן רשות נאָר פֿוסלייַט: די דענישע גוואַרדיע פֿון קיניג איז כאָטש געווען גוט באַוואָפֿנט; נאָר די אַנגלאָסאַקסישע קריגער האָבן געהאַט ניט מער ווי אַ האַק אין האַנט און זייַנען געווען אָנגעטון אין וואָלענע רעק. אַ צייַט האָט זיך האַראָלד געזעהן צו פֿאַרטיידיגן הינטער גראָבנס, נאָר סוף־כּל־סוף איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס אין אַן אָפֿענער שלאַכט, און האַראָלד האָט באַקומען אַ שרעקליכע מפּלה; ער אַליין איז געפֿאַלן. קיניג אין ענגלאַנד איז געוואָרן ווילהעלם, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן ווילהעלם דער אייַנגעמער. ער האָט צוגענומען די ערד בייַ אַלע ענגלישע באַזיצער, וואָס האָבן ניט אויסגעדריקט זייער אונטערטעניגקייַט, און פֿונאַנדערגעגעבן דאָס צווישן די סעניאָרן און קריגער, וואָס זייַנען געקומען מיט אים. דאָס גאַנצע לאַנד איז צעטיילט געוואָרן אויף מענערס, ד"ה שררה־קרייַזן; אינמיטן פֿון יעדן מענער איז געשטאַנען דער שלאָס פֿונם שררה און אַרום

איז געווען זײַן מאַיאָנטעק און די דערפֿער, וואָס זײַנען געווען צו אים צוגעשריבן.

§ 50. **די פֿעאָדאַלע אָרדענונג.** די מלחמות אָן אַ סוף האָבן געבראַכט אין גאַנץ מערב־איראָפּע צו אַן אָרדענונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַרום פֿירהונדערט יאָר, פֿון 9־טן ביזן 13־טן יאָרהונדערט.

די געזעלשאַפֿט האָט זיך געטיילט אין גײַסטליכקײַט, קריגסלייט און געמיינע מענטשן (ד"ה ערדאַרבעטער און בעלי־מלאכות). די גײַסטליכקײַט איז צוליב איר באַזיץ געווען נאָהענט צו די קריגסלײַט, און די גײַסטליכע פֿלעגן זיך טאַקע נעמען פֿון די קריגער־קרײַזן. לויט די השגות פֿון יענער צײַט איז געווען אַ גרויסער חילוק צווישן קריגסלײַט און „אַרבעטער“: די קריגער האָבן זיך ניט באַטייליגט אין ווירטשאַפֿטליכן לעבן, און די אַרבעטסלײַט, פֿאַרקערט, האָבן געמוזט בלײַבן „אַן אומבאַוואָפֿנטער המון“.

דער קריגער־קלאַס איז באַשטאַנען פֿון עטליכע מדריגות, וואָס האָבן זיך אונטערגעשיידט לויט זייער רײַכקײַט. העכער פֿאַר אַלעמען זײַנען געשטאַנען די גרויסע סעניאָרן (גראַפֿן, הערצאָגן), וועלכע מען וואָלט געקאָנט אָנרופֿן פֿירשטן. אין פֿראַנקרײַך האָט מען אין 10־טן און 11־טן י"ה דערלעבט, אַז די דאָזיגע פֿירשטן האָבן געפֿירט צווישן זיך מלחמות, געשלאָגן אייגענע געלט, גע'משפט אין אייבערשטע געריכטן, פּונקט ווי מלכים.

די געביטן פֿון די סעניאָרן האָבן זיך געטיילט אויף קרײַזן; בראש פֿון די קרײַזן זײַנען געשטאַנען די גרעסטע וואַסאַלן: אין פֿראַנקרײַך האָט מען זיי גערופֿן באַראָנען, אין ענגלאַנד — לאָרדן, אין איטאַליע — קאַפּיטאַנען. זיי האָבן געהאַט עטליכע שלעסער און זײַנען געווען אימשטאַנד צו ברענגען אויף מלחמה אַ מתנה באַוואָפֿנטע זעלנער.

די דריטע מדריגה איז באַשטאַנען פֿון קליינע וואַסאַלן אָדער אונטערוואַסאַלן (אויף פֿראַנצויז vavasseurs), וואָס פֿלעגן באַקומען זייער טיטול פֿון די פֿירשטן אָדער פֿון די באַראָנען. דער אונטערוואַסאַל האָט געהאַט זײַן פּערזענליכן דינסט, ער פֿלעגט זיך שטעלן צו דער מלחמה איינער אַליין (אַ קריגער מיט איין שוץ) אָדער מיט עטליכע באַדינער (וואָפֿנטרעגער). די דאָזיגע קריגער האָבן תמיד געדינט רײַטנדיג, און דערפֿון נעמט זיך זייער נאָמען ריטער (פֿון וואָרט רײַטער; אויף פֿראַנצויז chevalier, אויף ענגליש knight). די הויפּט־מעלה פֿון אַן אמת'ן ריטער איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿולע באַוואָפֿענונג, ד"ה אַחוץ אַ לאַנגן שפּיז און אַ שוץ נאָך אַ מעטאַלענעם קיווער און אַ

רינגען־פּאַנצער (אַ לאַנגע העמד פֿון דראָט, געדיכט באַזייט מיט מעטאַלענע רינגען). אַזעלכע שווער־באַוואָפֿנטע ריטער זײַנען אין 11־טן י״ה געווען אַ שרעקליכער כוח. עס איז קיין חידוש ניט, וואָס ווילהעלם דער אײַנ־נעמער איז מיט זייער הילף בײַגעקומען האַראָלדן, וועמענס קריגער ס׳האָבן נאָך ניט געוואוסט פֿון אַזעלכע כלי־זיין.

דער קיניג האָט זיך גערעכנט פֿאַרן אייבערשטן סעניאָר (אָדער סיוזערען) פֿון אַלע קרינסלײַט, נאָר די אונטערוואַסאַלן פֿלעגן דאָס רובֿ אָנערקענען נאָר זייערע נאָהענטסטע סעניאָרן, וועמען זיי האָבן געדינט. דער סעניאָר און דער וואַסאַל זײַנען געווען געבונדן דורך אַ געגנזײַטיגן אָפּמאַך. איבערגעבנדיג דעם וואַסאַל זיין נחלה, פֿלעגט דער סעניאָר אײַנהענטיגן אים אַ שפּיז מיט אַ פֿאָן, אַ רינג אָדער אַ הענטשקע; דער דאָזיגער אַקט האָט געהייסן איגוועסטיטור. די נחלה גופֿא, וואָס דער וואַסאַל פֿלעגט באַקומען, האָט געהייסן אין אָנהייב בענעפֿיציום, און פֿון 10־טן י״ה פֿעאָדום (לאַטיין feodum אָדער feudum, אין פֿראַנצויז fief, אין דײַטשלאַנד פֿלעגט מען דאָס רופֿן Lehn, ד״ה אזוינס וואָס איז אַנטליען). דער וואַסאַל פֿלעגט שווערן געטרײַשאַפֿט דעם סעניאָר, אַרויפֿלייגנדיג זײַן האַנט אויפֿן עוואַנגעליום אָדער אויף אַ קאַסטן מיט רעליקוויעס, און פֿלעגט דערקלערן, אַז ער איז דעם סעניאָרס אַ „מענטש״.

דער וואַסאַל האָט געהאַט אויף זיך אַ צווייאיגן דינסט: אַ מיליטערישן און אַ געריכטליכן. קודם־כל האָט ער געמוזט באַשיצן די פֿעסטונגען און נעמען אַן אײַנטייל אין די אָנפֿאַלן; נאָר ער האָט געדאַרפֿט דינען ניט מער ווי 40 טעג אין משך פֿון אַ יאָר און נאָר אויפֿן שטח פֿון אַ געוויסן קרײַז; נאָך די 40 טעג און אויסער די גרעניצן פֿון דעם קרײַז האָט ער זיך געמעגט אָפּזאָגן צו גיין, סײַדן דער סעניאָר האָט אים געצאָלט באַ־זונדער פֿאַר דער טרחא. דער געריכטליכער דינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער וואַסאַל פֿלעגט מוזן קומען צום סעניאָרס הויף (אָדער קוריע) אויף די דרײַ גרויסע חגאות, אויף ניטל, פּאַסכע און זומער־חגאות, און אײַנטעלנעמען אין דעם סעניאָרס משפּט. דער וואַסאַל איז געווען מחויבֿ צוצונעמען דעם סעניאָר, בשעת ער פֿלעגט מאַכן אַ רײַזע אָדער גיין אויף געיעג. דער וואַסאַל האָט געמוזט אויסהעלפֿן דעם סע־ניאָר מיט געלט, אויב דער סעניאָר איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿענגעניש און מען האָט אים געמוזט אויסקויפֿן, אָדער אויב דער סעניאָר האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער אָדער געמאַכט זיין זון פֿאַר אַ ריטער; דאָס געלט פֿלעגט דער וואַסאַל אויפֿמאָנען בײַ זײַנע פּויערים. ווען דער וואַסאַל איז

געשטאָרבן, האָט דער סעניאָר גענומען דעם אָפּצאָל פֿון זיין יורש אָדער פֿון אַן אַנדער פּערזאָן, וועמען ער האָט איבערגעגעבן דעם פֿעאָדום.

§ 51. די פּויערים אין דער פֿעאָדאַלער אָרדענונג. קיינער פֿון די קריגסלײַט האָט ניט געאַרבעט אויף דער ערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו אים. געאַרבעט האָט אַן אַנדער קלאַס, די ווילאַנען (פּויערים). דער מסחר איז געווען אַ שווערער; די פּריצים פֿלעגן ווינציג וואָס פֿאַרקויפֿן, און דעם גרעסטן טייל פֿון גערעטעניש פֿלעגט מען אויפֿעסן אויפֿן אָרט. כמעט די גאַנצע ערד, וואָס איז געווען אונטער דער הערשאַפֿט (dominium) פֿון דעם פּריץ, איז באַשטאַנען פֿון פּויערשע נחלאות.

די ווילאַנען האָבן זיך געטיילט אויף צוויי מַדריגות. איינע זײַנען געווען פּערזענליך פֿרײַ און נאָר געצאָלט צינז (census) פֿאַר ניצן זייער ערד. די אַנדערע, דער גרעסטער טייל, זײַנען געווען צוגעהעריגע, לײַבקנעכט (אויף פֿראַנצויז serfs, אויף דײַטש Leibeigene). זיי זײַנען געווען צוגעשמידט צו דער ערד, ניט געקאָנט פֿון איר אַוועקגיין, נאָר עס איז געוואָרן ביסלעכווײַס אַזאַ מנהג, אַז מען האָט זיי אויך ניט געטאָרט פֿאַרקויפֿן אָן דער ערד, מען האָט ניט געטאָרט צונעמען בײַ זיי די ערד. די צוגעהעריגע פּויערים האָבן געהאַט צוויי מיני התחַייבות'ן אַנטקעגן דעם באַלעבאָס. ערשטנס האָבן זיי געמוזט אָפּאַרבעטן זייער פּריצים־דינסט (פּאַנשטשינע). דאָס הייסט — אַרום פּסח־צײַט אַקערן און זייען אויף דעם פּריצ'ס ערד; צום יאָן־טאָג קאָסען די היי און אַרײַנפֿירן צום פּריץ; אין אווגוסט מאָנאַט שנײַדן די תבואה און פֿירן צום פּריץ אין שײַער. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ: זיי האָבן געמוזט פֿירן פֿאַרן פּריץ האָלץ פֿון וואַלד, שטיינער צום בויען, אָנגרייטן קאַלך און אַרבעטן פֿאַר מוליאַרעס, פֿאַרריכטן די וועגן און בריקן. צווייטנס, האָבן זיי געמוזט צאָלן מַס. דאָס הייסט, אַז אַ טייל גערעטעניש פֿונם פּויערס פֿעלדער איז געגאַנגען לטובת דעם פּריץ; דעם חלק האָבן די פּויערים געדאַרפֿט קודם־כּל אַוועקפֿירן צום פּריץ אין הויף, אַפֿילו ווען זייער אייגענע תבואה האָט אין דער צײַט געפֿוילט אויפֿן פֿעלד אונטערן רעגן. אַחוץ דעם האָט נאָך דער פּויער געמוזט אָפּגעבן אַ טייל פֿון זײַנע פֿיך און עופֿות: אויף ניטל — הינער, אויף פּאַסכע — שעפּסעלעך א. אז. וו.

צו דעם אַלעם האָבן די פּויערים נאָך געדאַרפֿט צאָלן באַזונדער בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהײַטן. דער שׂררה האָט געמעגט נעמען בײַ יעדער געזינד אַ באַזונדער שטײַער. אַלס אייבערשטער שופֿט פֿון די אָרעמע פּויערים האָט ער גענומען אַ געצאָלט פֿון די אַלע, וואָס זײַנען געקומען

זיך משפּט'ן, אַפילו ווען ער פֿלעגט איבערגעבן אַן אַנדערן צו זײַן אַ שופֿט אין דעם פּראָצעס. אַלע פּויערים, פֿרײַע און צוגעהעריגע, האָבן נאָך געמוזט צאָלן מ ע ש ר דער קירך, ד"ה אויפֿהאַלטן די גײַסטליכע מיט ברויט און פֿיך.

דער שררה האָט געלעבט פֿון די פּויערימס האָרעוואַניע און פֿון זייערע געשאַנקען, נאָר ער האָט זיי אויך געמוזט העלפֿן און אונטער-וואַרפֿן זיך אונטער די כּללים פֿון באַלעבאַטישקײַט, וואָס האָבן געגאָלטן פֿאַר אַלעמען גלײַך. די גאַנצע ערד, סײַ דעם שררה'ס, סײַ די פּויערשע, האָבן באַלאַנגט צו קהל, צו איין ג ע מ י י נ ד ע. דאָס איז דער טײַטש, ערשטנס, אַז די אַקער־שטיקער פֿון דעם שררה'ס ערד זײַנען געלעגן אין שמאָלע פּאַסן אויסגעמישט מיט דער פּויערשער ערד; דעריבער האָט מען געמוזט אויפֿן גאַנצן שטח זייען אַלע גלייך — זומער־ אָדער ווינטער־תבואה אָדער גאָר לאָזן די ערד אומבאַאַרבעט. ווײַטער פֿלעגט מען אין האַרבסט, אַרײַנגעבראַכט די תבואה אין שײַער, אַראָפּנעמען די פּלויטן פֿון די פֿעלדער, און אויף די פֿעלדער האָבן זיך אָנגעהויבן ווײדן אָן שום אונטערשייד סײַ דעם פּריצ'ס, סײַ די פּויערימס בהמות. דורך דער דאָ־זיגער ווײדונג איז גלײַכצײַטיג געפֿעטיגט געוואָרן די ערד צו דער נײַער זייאונג. ענדליך האָט די געמיינדע נאָך געהאַט די מעלה, וואָס געוויסע זאַכן האָבן זיך גערעכנט פֿאַר אַ שותּפֿות'דיגן אייגנטום פֿון אַלעמען. אַחוץ די ווייד־פּלעצער האָבן נאָך אַהער באַלאַנגט די וועלדער און לאָנ־קעס. אין וואַלד האָט יעדער מיטגליד פֿון דער געמיינדע געמעגט האַקן ברען־האָלץ און בוי־האָלץ.

אויב דער באַזיץ פֿונם מאַגנאַט, פֿונם בּיסקופּ אָדער פֿון מאָנאַסטיר איז געווען גרויס, פֿלעגט דער באַזיצער איבערגעבן זײַנע מורשים אײַנצו־מאָנען די אָפּצאָלן פֿון די פּויערים און אַכטונג געבן, אַז די לייבקנעכט זאָלן אַרבעטן. דער מורשה (אויף דײַטש Meier, אויף לאַטײַן villicus) איז אָפּטמאָל אַליין געווען אַ לײַבקנעכט; נאָר ער פֿלעגט באַקומען אַ גרעסערע נחלה, ווי די אַנדערע פּויערים, און האָט געמעגט אײַנהאַלטן פֿאַר זיך אַ טייל פֿון דעם, וואָס ער פֿלעגט אויפֿקלײַבן פֿאַרן שררה. פֿון די פֿאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן געדינט אין דער פֿאַרוואַלטונג בײַ די פּריצים, איז אויסגעוואַקסן אַ באַזונדער קלאַס מ י נ י ס ט ע ר י אַ ל ן (דאָס איז דער טײַטש „קלענערע").

§ 52. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פֿונם שטייגער לעבן פֿון 10־טן ביזן 12־טן י"ה. די באַראָנען און ריטער זײַנען געווען דאָס

רובֿ גראָבע מענטשן, עם־הארצים; אין שלום־צײַטן איז זיי געווען אומעטיג,
און אַזוי ווי זיי האָבן קיין גרעסערן איבער זיך ניט געהאַט, פֿלעגן זיי
אָנהייבן איינער מיטן אַנדערן מחלוקת און קריג. עס איז יעמאָלט געווען
אַ רעכט פֿון פּריוואַטע מלחמות. מער פֿון אַלעמען האָבן גע־
ליטן פֿון אַזעלכע אָנפֿאַלן די פּויערים; דער באַראָן האָט געזעהן קודם־כל
צעטרעטן בײַם שונא די פֿעלדער, אַוועקטרײַבן די טשערעדעס. דער קלײ־
נער ריטער פֿלעגט זיצן אין אַ באַהעלטעניש אָן וואַלד צי בײַם איבערפֿאָר
איבער אַ טײַך און פֿלעגט באַראַבעווען די דורכפֿאָרנדיגע סחרים אָדער
נעמען ביי זיי אַלס „צינז“ אַ טייל פֿון זייער סחורה. אַן אומגליק פֿאַרן
פּויער איז געווען דעם שררה׳ס געיעג־רעכט. די רײַטער און די חיות
פֿלעגן צעטרעטן די תבואה אויף די פֿעלדער אָן שום רחמנות; מען האָט
זיך געפֿירט אַזוי ווי אין די אוראַלטע נאָמאַדן־צײַטן, ווען עס איז נאָך
קיין ערדאַרבעט ניט געווען. פֿאַרקערט, די פּויערים האָבן ניט נאָר ניט
געטאָרט יאָגן אין וואַלד, נאָר זיי האָבן אַפֿילו ניט געטאָרט הרג׳ענען די
חיה, וואָס פֿלעגט פֿאַרוויסטן זייערע זאָטן.

די דערפֿער האָבן געהאַט דאָס רובֿ אַ קלאָגעדיגן פּנים. אַ סך
פּויערים האָבן געוואוינט אין הײַזלעך אָן קוימענס; אָנשטאָט פֿענסטער
זײַנען געווען לעכער, וואָס מען פֿלעגט פֿאַרשטאָפּן מיט היי. מען האָט
געקענט זעער ווינציג זאָט־געוויקסן און מען האָט ניט געוואוסט, וואָס
הייסט באַמיסטיגן די ערד. דערפֿאַר פֿלעגן אָפֿט טרעפֿן אומגערעטענישן;
אָפֿטמאָל פֿלעגט אַ גרויסער הונגער אַדורכגיין איבערן לאַנד; דאָס פֿאָלק
פֿלעגט אויסשטאַרבן אָדער שפּײַזן זיך מיט גראָז, מיט וואָרצלען, מיט נבֿלה.
עס פֿלעגט דערגיין אַפֿילו ביז מענטשנפֿרעסערײַ: מען פֿלעגט אויסגראָבן
מתים אָדער הרג׳ענען לעבעדיגע און אויפֿעסן זיי. דעריבער פֿלעגן נאָך
די הונגעריאָרן קומען שרעקליכע עפּידעמיעס, וואָס פֿלעגן אומברענגען
מאַסן מענטשן. די באַפֿעלקערונג איז געוואַקסן זעער פּאַמעליך, אָפֿטמאָל
האָט זי זיך אַפֿילו געמינערט.

ביי די דאָזיגע אומשטענדן איז דאָס לעבן אין משך פֿון לאַנגע יאָר־
הונדערטער געבליבן אָרעם און קלײנליך.

7. דײַטשלאַנד און איטאַליע אין 10־טן און 11־טן י״ה.

§ 53. **די זאַקסישע קיניגן.** די לענדער פֿון אייראָפּע זײַנען אַ
לאַנגע צײַט געווען כמעט אינגאַנצן אָפּגעטיילט איינס פֿונם אַנדערן. אַ
שטיקל פֿאַרבינדונג האָבן נאָר געשאַפֿן די וואַנדערנדיגע סוחרים, די פּילי־

גרימען, וואָס זײַנען געפֿאָרן אין די ערטער פֿון די גרויסע הײליגקײַטן, דערהויפּט אין רוים, און די פּויפּסטליכע לעגאַטן, וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון רוים. זעלטן אַמאָל פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן אויף אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג אַ סך גײַסטליכע, באַראָנען און ריטער — למשל, כּדי צו קלײַבן אַ קיניג. צווישן 900־טן און 1100־טן י. (ד"ה אין 10־טן און 11־טן י"ה) זײַנען די אָם־מערסטן לעבעדיגע באַציאונגען געווען צווישן דײַטשלאַנד און איטאַליע. פֿון דרום איבער די אַלפּן אַריבער, און דער־נאָך פֿון דאָרטן מיטן ריין ביזן צפֿון־ים, איז געגאַנגען מאַסנהאַפֿט סחורה פֿון ביזאַנץ און פֿון די מוסולמענישע לענדער: דינע שטאָפֿן, כּלי־זיין, גע־וויר"ץ וכדומה. פֿון צפֿון־זײַט פֿלעגן קומען צו גיין מיט גרויסע סוויטעס פֿון וואַסאַלן די דײַטשע קיניגן, כּדי צו באַקומען פֿאַר זיך די קרוין פֿון איטאַליע.

בשעת עס האָט זיך אין דײַטשלאַנד איבערגעריסן די דינאַסטיע פֿון די קאַראָלינגער, האָבן די גרויסע סעניאָרן גענומען קלײַבן די קיניגן פֿון צווישן זיך. דער אויסגעקליבע־נער קיניג האָט געזעהן אײַנצוהאַלטן די ממשלה ביי זײַן פֿאַמיליע און האָט דאָס רובֿ געפּועל'ט, אַז די סעניאָרן זאָלן נאָך פֿאַר זײַן טויט אויסקלייבן און קרויגען פֿאַר אַ קיניג זײַן עלטסטן זון. אין מֶשֶך פֿון הונדערט יאָר (919—1024) זײַנען געווען קיניגן אין דײַטשלאַנד די הערצאָגן פֿון זאַקסן, אַ לאַנד, וואָס ליגט אָם־נאָהענטסטן צום גרעניץ מיט די אונגאַרן און סלאַוון. קיניג הענריך I., מיטן צונאָמען דער פֿויגלכֿאַפּער, האָט פֿאַרבראַכט זײַן גאַנץ לעבן אין קאַמף מיט די סטעפּ־פֿעלקער; ער האָט געזעהן צו שיצן זיך ווי ווײַט מעגליך, בויענדיג בורגן אויפֿן גרעניץ.

די אַנדערע הערצאָגן, דער בײַערישער, שוועבישער, פֿרענקישער, און בכלל די גרויסע וואַסאַלן האָבן קנאַפּ וואָס געפֿאָלגט דעם קיניג. בכדי צו האָבן אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן קעגן זיי האָט הענריכס זון, אָטאָן I., געווענדט זיך נאָך הילף צו די ביסקופּן און די אַבאַטן פֿון די גרויסע מאָנאַסטירן. ער האָט פֿונאַנדערגעטיילט צווישן די פּרעלאַטן, ד"ה: די גרויסע גײַסטליכע, גרויסע נחלאות ערד אויף צו פֿאַרוואַלטן. די דאָזיגע לאַנדשאַפֿטן זײַנען געלעגן דאָס רובֿ אין דעם סאַמע באַפֿעלקערטן טייל פֿון דײַטשלאַנד, פּאַזע דעם האַנדלסוועג אויפֿן ריין; דאָ האָט זיך אויך געפֿונען די גרעסטע צאָל שטעט, וואָס האָבן זיך טיילווײַז אויפֿגעהויבן נאָך פֿון די רוימישע צײַטן: מײַנץ (לאַט. Moguntia), קעלן (לאַט. Co-lonia), שטראַסבורג. די גײַסטליכע האָבן פֿאַרוואַלטעט די מאַיאָנטקעס דורך מורשים; זיי האָבן געמוזט שטעלן דעם קיניג מיליטערישע אָפּטיי־

לונגען, גיין בראש פֿון זיי, ברענגען פּראָוויאַנט אָדער שפּײַזן דעם קיניגס סוויטע און חיל פֿון די גרויסע מאַסן לעבנסמיטל, וואָס זיינען געווען אויפֿ־געקליבן אין די שלעסער. איבערנעמענדיג דעם באַזיץ פֿון די לאַנד־שאַפֿטן און שלעסער פֿלעגט דער גײַסטליכער שווערן אַ וואַסאַלן־שבועה דעם קיניג און באַקומען פֿון אים די איגוועסטיטור דורכן רינג און שטעקן; עס איז געוואָרן אַזאַ מנהג, אַז אַן דעם קאָן קיינער ניט ווערן קיין ביסקופּ. בײַם פֿונאַנדערגעבן די שטעלעס האָט דער קיניג געטראַכט וועגן זײַן אייגענער טובֿה: ער פֿלעגט הייסן דעם גײַסטליכן באַצאָלן פֿאָרויס פֿאַר די הכנסות, וואָס ער וועט באַקומען, און די שטעלע פֿון ביסקופּ איז געבליבן בײַ דעם, וואָס האָט געבאָטן מער פֿון אַלעמען.

§ 54. **די הייליגע רוימישע אימפּעריע.** בכדי צו האָבן די שליטה איבער דער גײַסטליכקײַט, האָבן די קיניגן פֿון דײַטשלאַנד תמיד געשטרעבט צו האָבן אין זייערע הענט די קירכליכע הויפּטשטאָט, רוים. אָטאָן I. האָט זיך אַריינגעמישט אין די סכסוכים פֿון די איטאַליע־נישע הערצאָגן וועגן דעם קיניגס־טיטול, אַריבערגעגאַנגען מיט אַן אַרמיי איבער די אַלפּן, געקרוינט זיך מיט דער אײַזערנער קרוין פֿון איטאַליע אין דער לאָמבאַרדישער הויפּטשטאָט פּאַוויע און איז אַוועק אויף רוים.

אין יענער צײַט איז די פּויפּסטליכע מאַכט געווען זייער אָפּגעשוואַכט. די פּויפּסטן האָבן צעטיילט די ערד פֿונם הייליגן פּעטרוס צווישן וואַסאַלן, און די באַזיצער פֿון די גרויסע הויפֿן האָבן אָנגעהויבן זעצן אויפֿן פּויפּסט־ליכן טראָן זייערע אייגענע קרובֿים, דערהויפּט די יינגערע זין. צווישן די משפּחות פֿון די סעניאָרן זײַנען פֿאָרגעקומען בלוטיגע מחלוקתן: טייל פּויפּסטן זײַנען געטייט געוואָרן דורך זייערע געגנער, טייל האָבן זיך אַליין באַטייליגט אין די הריגות: איינעם אַ פּויפּסט אין 10־טן י"ה האָט מען געקוילעט, אַ צווייטן האָט מען דערשטיקט אין תּפֿיסה; אַ דריטער האָט געטייט צוויי אַנדערע פּויפּסטן, זײַנע קאָנקורענטן; נאָך דער סוף איז גע־ווען, אַז מען האָט אים אויך גע'הרג'עט און אַוועקגעוואָרפֿן זײַן קערפּער בײַ דער אַלטער קייזערליכער סטאַטוע לעבן קאַפּיטאָליום. וועלטליכע מענטשן, ליבהאָבער פֿון געיעג און פֿון אַ ביטערן טראָפּן, זײַנען איצט געוואָרן פּויפּסטן; איינער אַ סעניאָר האָט געמאַכט פֿאַר אַ פּויפּסט זײַן זון, אַ צוועלפֿיאָריגן יינגל.

אַרײַנגייענדיג אין רוים האָט אָטאָן I. צוגעזאָגט אויפֿצושטעלן צוריק די מאַכט פֿון דער קירך און אומקערן איר די ירושה פֿונם הייליגן פּעטרוס; נאָך דערפֿאַר האָט דער פּויפּסט אים געמוזט אָנטון די קייזערליכע קרוין

(אין 962־טן יאָר). דאָס איז געווען אַ נײַע אויפֿלעבונג פֿון דער הייליגער רוימישער אימפּעריע, הונדערט און פֿופֿציג יאָר נאָך קאַרל דעם גרויסן. נאָר איצטער איז די אימפּעריע געווען קלענער אויף אַ דריט־חלק, וואָרום פֿראַנקרײַך האָט שוין צו איר ניט באַלאַנגט.

פֿון יעמאָלט אָן האָבן די דײַטשע קיניגן אין משך פֿון פֿיר יאָר־הונדערטער איבערגע׳חזר׳ט אָטאָנס וועג. כמעט יעדערער פֿון זיי פֿלעגט צונויפֿנעמען זייַנע וואַסאַלן, נאָכדעם ווי די בישקופֿן און פֿירשטן האָבן אים געהאַט אויסגעקליבן, און גיין אויף רוים. די סוויטע און דער חיל פֿלעגן גיין דורכן ברענער־דורכגאַנג אין די מזרח׳דיגע אַלפּן. דער קיניג פֿלעגט פֿאַרנעמען איטאַליע און באַלד זיך לאָזן קיין רוים אָנטון די קייזערליכע קרוין. בײַ דער קרוינונג פֿלעגט פֿאָרקומען אַ ריי צערעמאָניעס, וואָס האָבן געדאַרפֿט באַווײַזן, אַז דעם קיסר׳ס ממשלה איז אַ הייליגער שוץ פֿאַר דער גאַנצער קריסטליכער וועלט. אין רוים פֿלעגן דעם קיניג באַגעגענען דאָס פֿאָלק און די גײַסטליכקײַט. בײַ דער טרעפּ פֿון פּעטרוס־קלויסטער פֿלעגט ער אַראָפּגיין פֿון פֿערד און אַרויפֿגיין אויף די שטיגן. דאָרט אויבן פֿלעגט אים אָפּוואַרטן דער פּויפּסט. דער קיניג פֿלעגט שווערן, אַז ער וועט באַשירעמען די קירך, און אַ קוש טון דעם פּויפּסט אין פֿוס. דערנאָך פֿלעגן בײדע פֿאַלן אויף די קני אויפֿן קײַלעכדיגן פּערפֿלשטיין, וואָס איז אַרײַנגעזעצט אין דיל לעבן אַרײַנגאַנג, און דער קיניג פֿלעגט זאָגן אַ תּפֿילה. דערנאָך פֿלעגט פֿאָרקומען אַ פֿײַערליכער גאָטס־דינסט, און צום סוף פֿלעגט דער פּויפּסט אָנטון דעם קיניג אַ גילדערן פֿינגערל, אָנגורטן אים אַ שווערד און קרוינען אים מיט דער קרוין פֿון קאַרל דעם גרויסן.

אין אָנהייב זײַנען די קיניגן געווען בפֿירוש שטאַרקער פֿאַר די פּויפּסטן. אָטאָן האָט אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג, אַז דער פּויפּסט, וואָס ווערט אויסגעקליבן אין רוים, זאָל איבערנעמען זײַן אַמט ניט פֿריער, איידער ער וועט שווערן געטרײַשאַפֿט דעם קיסר. פּונקט אַזאַ מאַכט איבער די פּויפּסטן האָבן געהאַט די קיסרים פֿון דער צווייטער, פֿון דער סאַלישער אָדער פֿרענקישער דינאַסטיע (זיי זײַנען געווען פֿון די פֿרענקישע סע־ניאָרן און האָבן געקיניגט אין דער צײַט פֿון 1024—1125, ד״ה ווידער אַן ערך הונדערט יאָר). דער שטאַרקער קיניג הענריך III. (אַרום 1050־טן יאָר) האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פּויפּסט, וואָס האָט זיך געהאַט געקויפֿט זײַן אָרט ביי הענריכס פֿאָרגייער, און פֿאַר׳משפּט צוויי אַנדערע בעלנים אויפֿן פּויפּסטליכן שטול. דערנאָך האָט ער געמאַכט פֿאַר פּויפּסטן כּסדר דרײַ דײַטשע בישקופֿן נאָכאַנאַנד. אָבער נאָכן טויט פֿון הענריך III.,

וועו אויפֿן טראָן איז געזעסן דער ווינציג־יאָריגער זון זייַנער הענריך IV. (1056—1106) האָט זיך די זאַך געביטן. ביים פּויפּסטליכן הויף און אויפֿן פּויפּסטליכן שטול האָבן זיך באַוויזן ענערגישע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקן חשק אויפֿצוהייבן די קירך איבער דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. זיי האָבן באַלאַנגט צום נייַעם שטרענגן מאָנאַכיזם.

§ 55. די באַוועגונג פֿון קליני. אין אָנהייב פֿון 10־טן י״ה איז אין טאָל פֿון טייַך סאָנע געגרינדעט געוואָרן דער פֿראַנצויזישער מאָנאַסטיר קליני (Clugny). די שטרענגע תקנות פֿון די „שוואַרצע מאָנאַכן״ האָבן אויסגענומען אין אַ סך מאָנאַסטירן; אין די נייַע מאָנאַסטירן, וואָס די שלוחים פֿון קליני האָבן געגרינדעט, איז אויך אומעטום אייַנגעפֿירט געוואָרן דער זעלבער שטרענגער שטייגער לעבן. די אַלע מאָנאַסטירן פֿלעגן באַקומען זייערע אַבאַטן (משגיחים) פֿונם אייבער־אַבאַט אין קליני און האָבן געפֿאָלגט נאָר דעם פּויפּסט, אויסמייַדנדיג די ביסקופֿן און אַפּשיטא שוין די וועלטליכע מאַכט.

די קליניער האָבן געזעהן צו ווירקן אויף די פֿאַרגרעבטע זיטן פֿון דער אַרומיגער געזעלשאַפֿט. די שווערע אָנשיקענישן, די הונגער־יאָרן, די שרעקליכע עפּידעמיעס האָבן בייַ אַ סך מענטשן באַשאַפֿן דעם גלויבן, אַז אָט־אָט קומט אָן דער קץ. די מאָנאַכן האָבן אוידנג עהאַט דעם גלויבן, און זיי האָבן געפֿאָדערט, אַז די מענטשן זאָלן זיך ווי ס׳געהער צו זייַן מכין זייַן צום סוף און זאָלן אויפֿהערן זייערע סכסוכים און מחלוקת׳ן. נאָר אויסראָטן אינגאַנצן די פֿעאָדאַלע קריגערייַען האָט מען דאַן געהאַלטן פֿאַר אוממיגליך. דעריבער האָבן די פֿרייַנד פֿון שלום געזעהן צו פּועל׳ן בייַ די באַראָנען און ריטער, זיי זאָלן גרינגדן אַזעלכע בונדן, וואָס זייערע מיטגלידער זאָלן זיך מתחייב זיין ניט צו פֿירן קיין קריג כאָטש אין די צייַטן, פֿון וועלכע די קירך האַלט אָם־מערסטן: למשל אין דער צייַט פֿון די לאַנגע תעניתים, אין גרויסע חגאות, אָדער אום שבת און זונטאָג, כדי מען זאָל קאָנען אין גאָטס פֿאָרכט פֿאַרברענגען די הייליגע טעג. אַזעלכע צייַטן, ווען מען פֿלעגט לאָזן רוען די וואָפֿן, האָבן געהייסן „גאָטס פֿרידן״. די קליניער האָבן געפֿאָדערט, אַז די גייַסטליכקייַט זאָל אָנהייבן פֿירן גאָר אַן אַנדער מין לעבן. זיי האָבן געפֿאָדערט, אַז די ביסקופֿן און אַבאַטן זאָלן אויפֿהערן באַרייַסן דעם עולם, קאָמאַנדירן איבער מיליטער און לעבן אַ גוטן טאָג, און זאָלן אָנשטאָט דעם אָנהייבן פֿירן אַ ריין מאָנאַכיש לעבן, אָפּזאָגן זיך פֿון עולם־הזה. מער פֿון אַלץ זייַנען זיי געווען אויפֿגעבראַכט אויף דעם מנהג צו קויפֿן די גייַסטליכע שטעלעס; דאָס האָבן זיי גערופֿן

סימאָניע (נאָך שמעונ'ען דעם מְכַשֵׁף, וואָס זאָל האָבן געוואָלט קויפֿן בײַ די אַפּאָסטאָלן די קונסט צו טון נסים).

דער פֿרומער קיניג הענריך III. איז דורכגעדרונגען געוואָרן פֿון די קליניער אידעען וועגן רעפֿאָרמירן די קירך. דער לעצטער פֿון די פּויפּסטן, וואָס ער האָט באַשטימט, לעאָן IX., זײַנער אַ נאָהענטער קרובֿ, איז אויך געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון דער רעפֿאָרם. נאָר בײַם פּויפּסטליכן הויף האָבן באַלד באַקומען די אייבערהאַנט אַנדערע מענטשן, היציגע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן געוואָלט באַפֿרײַען די קירך פֿון יעטווידער השפּעה פֿון דער וועלטליכער מאַכט. צווישן זיי איז געווען הומבערט, דער פּויפּסטליכער לעגאַט (שליח), וואָס האָט אין 1054־טן י. געבראַכט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם כתבֿ מיט אַ קללה אויף דער מזרח'דיגער קירך. אָט דער הומבערט האָט געהאַלטן, אַז אויב די קירך איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן, איז דאָס נאָר צוליב דער מאַכט פֿון קיסר, און ער איז געווען זיכער, אַז הענריך III. וועט נאָכן טויט אַרײַנפֿאַלן אין גיהנום. אין זײַן ווערק וועגן דער סימאָניע שרײַבט הומבערט, אַז דער קיסר, די קיניגן און די פֿירשטן האַנדלען מיטן אייגנטום פֿון דער קירך.

§ 56. די רעפֿאָרם פֿון דער קירך. דער מאָנאַך הילדעבראַנד' אַ זון פֿון אַ טאָסקאַנישן פּויער, האָט אָנגעהויבן דורכפֿירן די דאָזיגע געדאַנקען אין לעבן. לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון קליניער אַבאַט האָט לעאָן IX. אים געבראַכט קיין רוים. נאָכן טויט פֿון הענריך III. און לעאָן IX. האָט הילדעבראַנד פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט בײַם פּויפּסטליכן הויף. אין משך פֿון 15 יאָר, בײַ צוויי פּויפּסטן, האָט ער פּאַקטיש געפֿירט אַלע ענינים.

לויט הילדעבראַנדס קוק האָט דער יושר נאָר דאַן געקאָנט זיגן אויף דער וועלט, אויב רוים און דער פּויפּסט וועלן פֿאַרמאָגן די אומבאַגרעניצטע ממשלה. די בישקופֿן דאַרפֿן נאָר מקיים זײַן דעם פּויפּסטס באַפֿעלן; דורך אונטערטעניגע רייזעס קיין רוים דאַרפֿן זיי אַרויסווײַזן זייער פֿולקומע איבערגעגעבנקײַט. דער שטול פֿון הייליגן פּעטרוס קאָן אַלצדינג באַשליסן און פֿאַרענטפֿערן; ער קאָן מבֿטל זײַן יעטווידער שבֿועה. דער פּויפּסט איז דער אייבערשטער הערשער איבער דער וועלט, די קיניגן מוזן אים פֿאָלגן אָן שום טענות, דער דײַטשער קיסר דאַרף זײַן דעם פּויפּסטס אַ וואַסאַל. אויב דער פּויפּסט לייגט אַרײַן דעם קיסר אין חרם, ווערט ער אויס קיסר; גלײַך ווי אַש און שטרוי וועט דער פּויפּסט צעבלאָזן מיטן ווינט דעם קיסר'ס ממשלה.

כדי צו באַפֿרײַען דעם פּויפּסט פֿון דעם קיסר'ס השפּעה, האָט הילדעבראַנד פֿאָרגעלייגט, אַז קלײַבן דעם פּויפּסט זאָלן מעגן נאָר די קאַרדינאַלן, ד"ה די נאָהענטסטע בּיסקופּן פֿון רוימישן געגנד און די גײַסטליכע פֿון די מער וויכטיגע רוימישע קלויסטערס. וועגן וועלכן עס איז אײַנטייל פֿון קיסר האָט ער ניט דערמאָנט. נאָר אויף דורכצופֿירן דאָס האָט דער פּויפּסט געדאַרפֿט פֿריער באַקומען פֿון־דאָס־ניי די גאַנצע שליטה איבער דער ירושה פֿון הייליגן פּעטרוס און גובר זײַן די אָרטיגע סעניאָרן. דעם פּויפּסט האָבן געהאָלפֿן די פֿראַנצויזישע נאָרמאַנען, וואָס האָבן צוגענומען בײַ די גריכן און סאַראַצענער סיציליע און דרום־איטאַליע. אין אָנהייב האָבן די נאָרמאַנען געהאַט קנאַפּ דרך־ארץ פֿאַרן פּויפּסטס גדולה און האָבן אַפֿילו גענומען אין געפֿענגעניש דעם פּויפּסט לעאָן IX. נאָר לעאָנס נאָכפֿאָלגער האָט, לויט הילדעבראַנדס עצה, געמאַכט שלום מיט זיי און באַשטעטיגט זייערע רעכט אויף דעם פֿאַרנומענעם געגנד. דערפֿאַר האָבן די נאָרמאַנען געשוואוירן דעם פּויפּסט אַ וואַסאַלן־שבֿועה און זיך מתחייבֿ געווען צו העלפֿן דער רוימישער קירך קעגן אַלע אירע שונאים; זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז ווען עס וועלן זיין וואַלן פֿון אַ פּויפּסט, וועלן זיי אונטערהאַלטן דעם, וועמען עס וועלן אויסקלײַבן די קאַרדינאַלן.

הילדעבראַנד האָט צוגעגרייט נאָך אַ וויכטיגן שנוי אין לעבן פֿון די גײַסטליכע. ביז דעמאָלט זײַנען אַלע גייסטליכע געווען באַווײַבטע. די פֿאַמיליע האָט אָפֿט צוגעבונדן דעם גײַסטליכן צו זיין וואוינאָרט; די דאַגה וועגן די קינדער האָט אים געצוואונגען צו שטרעבן צו גרעסערע הכנסות, צו חנפֿ'ענען די וועלטליכע פֿירשטן. הילדעבראַנד האָט געפֿונען פֿאַר נייטיג צו פֿאַרווערן די גייסטליכע חתונה צו האָבן און געהייסן זיי בלײַבן אָרעם, כדי די קירך זאָל זײַן פֿרײַ פֿון דער שליטה פֿון דער וועלטליכער מאַכט. אויף די קירכליכע קאָנצילן איז באַשטימט געוואָרן, אַז די גײַסטליכע טאָרן ניט חתונה האָבן, און די פּויפּסטן האָבן גענומען פֿאָדערן, אַז מען זאָל די חתונה־געהאַטע קלעריקער (גײַסטליכע) באַזײַטיגן פֿון זייערע שטעלעס.

דאָס פֿאָלק האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט די אַלע ענינים. דער עולם האָט זיך געשטעלט אויפֿן צד פֿון פּויפּסט. עטליכע שטעט אין צפֿון־איטאַליע, וואָס זײַנען נתעשר געוואָרן פֿון האַנדל מיט ביזאַנטישע סחורה און פֿון אויסאַרבעטן געוואַנט, האָבן זיך אויפֿגעהויבן. אין דער גוטבאַפֿעלקערטער שטאָט מילאַן האָט אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד קעגן דעם אַרציביסקופּ, וואָס האָט, צוזאַמען מיט דער גײַסטליכקייט, ניט געוואָלט פֿאָלגן דעם פּויפּסט. די קליינע ריטער, די בעלי־מלאָכות, די

סוחרים, אַלע וואָס זײַנען אומצופֿרידן געווען מיט דעם, וואָס די גלחים באַרײַסן דאָס פֿאָלק, האָבן געפֿאָדערט, אַז די גײַסטליכע זאָלן פֿירן אַ לעבן לויטן עוואַנגעליום; מען האָט געליאַרעמט קעגן די רײַכע גײַסטליכע, וואָס האָבן זיך געקויפֿט זייערע שטעלעס און געלעבט אַ גוטן טאָג צוזאַמען מיט זייער הויזגעזינד. דער אויפֿגערעגטער המון האָט זיך אַרײַנגעריסן אין די הײַזער פֿון די גײַסטליכע, אַרויסגעטריבן זיי, צוגענומען זייער פֿאַרמעגן. הילדעבראַנד האָט זיך געשטעלט אויפֿן צד פֿון די אויפֿגעשטאַנענע. קיין מילאַן איז געקומען אַ פּויפּסטליכער לעגאַט, כדי צו משפּט'ן די שולדיגע. דער אַרציביסקופּ האָט געמוזט פֿײַערליך אָפּזאָגן זיך פֿון דער סימאָניע, ער האָט געמוזט פֿאַרווערן די גלחים חתונה צו האָבן און געשוואוירן אַ שבועה דעם הייליגן פּעטרוס.

§ 57. דער ערשטער קאַמף פֿון פּויפּסטנטום און קייזערטום.

הילדעבראַנד איז סוף־כּל־סוף אַליין געוואָרן פּויפּסט אונטערן נאָמען גרעגאָריוס VII. (1073—1085). דאָ האָט די רעפֿאָרם פֿון דער קירך אָנגעהויבן גיין נאָך שאַרפֿער. דער פּויפּסט האָט גענומען פֿאָדערן, אַז קיין איין גײַסטליכער זאָל זיך ניט דערוועגן אָנצונעמען די אינוועסטיטור פֿון דער וועלטליכער מאַכט. ער האָט געוואָלט, אַז אַפֿילו פֿאָרמעל זאָל די גײַסטליכקייט אויך ניט זײַן אָפּהענגיג פֿון וועלכער עס איז וועלטליכער רעגירונג.

אַלע פֿריערדיגע רעפֿאָרמעס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן כּל־זמן הענריך IV. איז נאָך ניט געווען פֿוליעריג; דעריבער איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אַרײַנמישן. נאָר איצטער איז דער קיניג אויסגעוואַקסן און האָט געוואָלט הערשן; לויט זיין פֿאַרשטעלונג, זײַנען די ביסקופּן געווען באַאַמטע, וואָס ער האָט זיי געדאַרפֿט באַשטעטיגן כּנהוג. הענריך IV. האָט אײַנגעפֿונען, אַז דעם פּויפּסטס נײַע תּקנה וועגן דער אינוועסטיטור איז אַן אומגעהערטער אָנפֿאַל אויף דעם קיניגס רעכט. ער האָט אויפֿגערופֿן אין וואָרמס (בײַם ריין) אַ קאָנציל, וואָס האָט באַשטימט, אַז „דער פֿאַלשער מאָנאַך הילדעבראַנד" איז שוין מער קיין פּויפּסט נים. גרעגאָריוס VII. האָט ניט געשוויגן: ער האָט צונויפֿגערופֿן אין רוים די פֿראַנצויזישע און איטאַליענישע פּרעלאַטן אין באַשלאָסן, אַז הענריך איז אויס קיסר, און אַז די געטרײַקייט־שבועה, וואָס די אונטערטאַנען האָבן אים געגעבן, איז בטל ומבוטל.

הענריך האָט געהאַט אַ סך שונאים צווישן די פֿירשטן, דערהויפּט איז מען געווען אויף אים אויפֿגעבראַכט אין זאַקסן, ווײַל ער מיט זיין

סוויטע פֿלעגן דאָרטן אײַנשטײן דאָס רוב און שטעלן בדלות דאָס גאַנצע לאַנד. אָט די אומצופֿרידענע וואַסאַלן האָבן זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר גרעגאָריוסעס אַקט און האָבן אויף אַ צוזאַמענפֿאָר אַראָפּגעזעצט הענריכן פֿון זײַן טראָן. הענריך האָט קײן אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי זוכן אַ פּשרה מיטן פּויפּסט. אין אײַלעניש, אום ווינטער, כמעט ווי אָן באַלײטער, איז ער אַוועק דורך די פֿאַרשנײטע דורכגאַנגען פֿון די אַלפּן צום פּויפּסט, בעטן בײַ אים מחילה. גרעגאָריוס איז דאַן געזעסן אין דעם פֿעסטן שלאָס קאַנאָסע (אין טאָסקאַנע); און אָנהײב האָט ער ניט געוואָלט צונעמען דעם קיניג און געלאָזן אים וואַרטן עטליכע טעג אין דרויסן. ענדליך האָט ער זיך געלאָזן איבערבעטן; אין אַ ווײַסן העמד פֿון אַ בעל־תשובֿה האָט הענריך זיך אויסגעשפּרײט פֿאַר אים אויף דער ערד, און גרעגאָריוס האָט אים מוחל געווען זײַנע חטאים.

נאָר הענריך האָט פֿאַרשפּעטיגט. פֿאַר דער צײַט האָט מען שוין אויסגעקליבן אין דײַטשלאַנד אַן אַנדער קיניג אין בײַזײַן פֿון די פּויפּסטליכע שלוחים. הענריך האָט אויפֿגערופֿן נאָך אַ קאָנציל, ווידער דערקלערט גרעגאָריוסן פֿאַר אַראָפּגעוואָרפֿן און אַרויסגעשטעלט אַ נײַעם פּויפּסט; ער האָט טאַקע צעקלאַפּט זײַנע געגנער און זײער נײַעם קיניג און זיך אַ לאָז געטון מיט זײַן חיל אויף איטאַליע. די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט פֿון צפֿון־איטאַליע האָט ער צוגעזאָגט וויכטיגע פֿרײַהײַטן, און זײ זײַנען אַריבער צו אים. ענדליך איז הענריך בראש פֿון זײַן אַרמײ און צוזאַמען מיט זײַן פּויפּסט אַרײַן אין רוים און געלאָזט זיך קרוינען פֿאַר אַ קיסר. די שטאָט האָט זיך צעטײלט אויף צוויי באַפֿעסטיגטע לאַגערס: אינם שלאָס פֿון הײל' מלאך האָט זיך געהאַלטן גרעגאָריוס VII., און דער פּויפּסטליכער פּאַלאַץ (דער לאַטעראַן) צוזאַמען מיטן קלויסטער פֿון הײליגן פּעטרוס זײַנען געווען בײַם קיסר אין די הענט; אויף די קרומע ענגע גאַסן זײַנען פֿאָרגעקומען שווערע קאַמפֿן. די דײַטשע קריגער האָבן שוין געהאַט גענומען דעם קאַפּיטאָליום; נאָר אין דער צײַט האָט דער פּויפּסט באַקומען הילף פֿון זײַנע פֿאַרבינדעטע, די נאָרמאַנען פֿון דרום־איטאַליע. זײ האָבן באַפֿרײַט גרעגאָריוסן, נאָר צוזאַמען מיט די געדונגענע סאַראַצענער האָבן זײ פֿאַרוויסט רוים; דער פּויפּסט האָט געמוזט אַנטלויפֿן צו זײ, אין זײער מדינה, און איז אינגיכן געשטאָרבן מיטן שווערן געדאַנק, אַז די אַרבעט פֿון זײַן גאַנצן לעבן איז געגאַנגען לאיבוד.

הענריך IV. האָט איבערגעלעבט גרעגאָריוסן VII. אויף 20 יאָר. נאָר די נאָכפֿאָלגער פֿונם הערשווילינגן פּויפּסט האָבן ניט אַראָפּגענומען פֿון אים דעם חרם, און אַפֿילו נאָכן טויט פֿון הענריכן האָט זיך דער קאַמף

אויך ניט איבערגעריסן. שוין גאָר צום סוף פֿון העניריכס ממשלה האָט דער פּויפּסט אויפֿגעהויבן אַנטקעגן דעם אַלטן קיסר זײַן זון. נאָר דער נײַער קיסר העניריך V. האָט אויך ניט געוואָלט מפֿקיר זײַן די מאַכט און ווײַטער גענומען באַשטימען די ביסקופּן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ נייעם קאַמף. ענדליך האָבן זיך אַרײַנגעלייגט אין דער זאַך די פֿירשטן און גע־מאַכט שלום צווישן דעם קיסר און דעם פּויפּסט. נאָך לאַנגע אונטער־האַנדלונגען האָבן ביידע צדדים אין 1122־טן יאָר אָנגענומען דעם וואָרמסער קאָנקאָרדאַט (קאָנקאָרדאַט רופֿט זיך אַן אָפּמאַך צווישן דעם פּויפּסט און אַ וועלטליכער רעגירונג). דער קיסר האט זיך אָפּגעזאָגט פֿון רעכט צו באַשטימען ביסקופּן און אַבאַטן; דאָס קלייבן די פּרעלאַטן איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גײַסטליכקײַט גופֿא; די סימאָניע איז פֿאַר־משפּט געוואָרן. די אינוועסטיטור איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי העלפֿטן. דער קיסר האָט איבערגעגעבן דעם פּויפּסט די באַקרעפֿטיגונג דורכן רינג און שטעקן, ד״ה די באַשטעטיגונג אין גײַסטליכן אַמט; נאָר בײַ אים איז געבליבן דאָס רעכט צו באַקרעפֿטיגן מיטן סצעפּטער, ד״ה איבערצוגעבן די וועלטליכע מאַכט אין דעם וועלטליכן באַזיץ, און דער גײַסטליכער האָט ווײַטער אויך געמוזט געבן דעם קיסר די וואַסאַלן־שבֿועה.

לויט דעם אָפּמאַך איז די גײַסטליכקײַט געבליבן אין דינסט פֿון די וועלטליכע הערשער. נאָר גלײַכצײַטיג איז דאָ בפֿירוש אָנערקענט געוואָרן, אַז אַלע קלעריקער באַלאַנגען צו אַ באַזונדערער גרויסער געמיינדע, וואָס שפּרײַזט אַריבער די גרעניצן פֿון די מלוכות, וואָס האָט אירע אייגענע געזעצן און איר אייגענע אייבערשטע מאַכט. דעריבער האָט דער פּויפּסט אויסגעטײַטשט דעם קאָנקאָרדאַט, ווי זײַנעם אַ נצחון, און געהייסן אָנ־שרײַבן דעם טעקסט פֿונם אָפּמאַך אויף דער וואַנט פֿון לאַטעראַנישן פּאַלאַץ אין רוים.

IV. די שטעט, דאָס פּויפּסטנטום און די קרײַץ־צוגן.

8. די דערהייבונג פֿון די שטעט.

§ 58. דער מסחר אין אייראָפּע ביזן 1100־טן יאָר. זינט די אַלטע רוימישע אימפּעריע איז אין 5־טן און 6־טן י״ה צעפֿאַלן געוואָרן, האָט דער גרעסטער טייל באַפֿעלקערונג פֿון מיטל־אייראָפּע געלעבט אין דערפֿער, אין קליינע ישובֿים און אין פּריצישע הויפֿן. שטעט זײַנען געבליבן ווייניג: ס׳רוב זײַנען דאָס געווען די האַפֿנס בײַם ברעג פֿון מיטלענדישן

ים (װענעציע און אַמאַלפֿי אין איטאַליע, מאַרסעל אין פֿראַנקרײַך) אָדער די אַלטע רוימישע פֿעסטונגען, װאָס זײַנען איצט געװאָרן שלעסער פֿאַר די ביסקופֿן (מײַנץ, קעלן).

ס'איז געװען אַזױ װיניציג שטעט צוליב דעם טעם, װאָס דער מסחר איז געװען שװאַך און די מלאָכה, װאָס אַרבעט פֿאַרן מאַרק, איז כמעט װי גאָרניט געװען. נאָר גאָר רײַכע לײַט פֿלעגן קױפֿן לוקסוס־זאַכן; אָבער דעם מין סחורה פֿלעגן װאַנדער־סוחרים, יידען און סיריער, ברענגען צו פֿירן פֿון װײַטע מקומות. בכדי דאָס פֿאָרן זאָל ניט זײַן אַזאַ סכנה, פֿלעגן זײ זיך פֿאַראײניגן אין גרױסע קאַראַװאַנען; זײ פֿלעגן באַזוכן דעם װאױנ־אָרט פֿון קיניג, בשעת ער פֿלעגט אַרױסרופֿן צו זיך די װאַסאַלן און אױפֿ־קלײבן חיל, אָדער זײ פֿלעגן קומען צו פֿאָרן אין די גרױסע קירכליכע חגאות צו די הײליגע ערטער, װאו ס'פֿלעגן זיך צונױפֿקומען אַ סך מענטשן. אױף די דאָזיגע ירידן פֿלעגן אױך פֿאָרקומען גרױסע גאָטסדינסטן און מען פֿלעגט מוחל זײַן די זינד; דערפֿאַר האָט מען אַ נאָמען געגעבן דעם יריד מעסע, ד"ה גאָטסדינסט.

§ 59. די אַרבעט אױף פֿאַרקױף און די שטענדיגע מערק.

אַרום דעם 1100־טן יאָר הײבט זיך אָן שפּירן אינם גרעסטן טײל מערב־אײראָפּעאישע לענדער אַ גרױסער שנױ. די באַפֿעלקערונג איז שטאַרק אױסגעװאַקסן. די איבעריגע מענטשן האָבן אָדער געדאַרפֿט גײן זוכן חיונה אין נײַע ערטער, אָדער אױפֿן אַלטן אָרט זוכן אַ נײַעם מקום פֿון פּרנסה. דאָ האָבן זיך אַרױסגערוקט צװײ נײַע צװײַגן פֿון אַרבעט: די מעטאַלורגישע און די געװאַנט־פּראָדוקציע. װען עס איז אָנגע־קומען געװאָרן אומעטום די נײַע שװערע באַװאָפֿענונג פֿון די ריטערס, האָבן גאַנצע גרױסע געגנדן בײַם ריין גענומען זיך צו דער װאָפֿנשמידערײַ. גלײַכצײַטיג האָט דער װאָלענער בגד אָנגעהױבן אַרױסשטופּן די אַלטע גערמאַנישע קלײדער, װאָס זײַנען באַשטאַנען פֿון אַ לײַװנטענע העמד און אַ פעלצענעם איבערװאָרף אָדער אַ שעפּסן־פֿעל (קאַרל דער גרױסער איז נאָך אױך אַזױ געגאַנגען אָנגעטון). „דער שעפּס האָט מנצח געװען דעם פֿלאַקס", שטײט געשריבן אין אַ שיר פֿון אײנעם אַ געלערנטן אַבאַט. דער הױפּט־אָרט פֿון דער װאָל־פּראָדוקציע זײַנען געװאָרן פֿלאַנדערן (דער געגנט פֿון די פֿלאַמאַנדער בײַם טײַך שעלדע) און צפֿון־איטאַליע, דער־הױפּט מילאַן און פֿלאָרענציע.

די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער נײַער מלאָכה האָט געבראַכט צו אַ פֿאַר־ברײטערונג פֿונם מסחר. די פֿלאַמאַנדישע װעבער האָבן אָנגעהױבן קױפֿן

רויע וואָל אין ענגלאַנד; אַלס אויסבײַט אויף די שטאָפֿן, וואָס זיי פֿלעגן פֿירן מיטן ריין און מיט די אַנדערע טײַכן קיין דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך, פֿלעגט מען זיי ברענגען פֿון דרום ווײַן און לעבנסמיטל.

דער נײַער מסחר איז ניט געווען ענליך אויפֿן אַלטן, בשעת די פּויערים האָבן געאַרבעט ווינטער אין די דערפֿער און די פּריצישע הויפֿן. איצט איז דאָס שוין געווען אַ קאָפּליצירטע אַרבעט, וואָס האָט זיך געצויגן כסדר אַ גאַנץ יאָר; די אַרבעטער האָבן שוין ניט געקאָנט גיין אין פֿעלד, און דעריבער האָבן זיי זיך געמוזט אײַנקויפֿן עסנוואַרג. אַז מען פֿאַרנעמט זיך מיט אַן אַרבעט כסדר, קאָן מען שוין פֿאַלן אויף פּאַרשיידענע המצאות: און אַזוי האָט זיך באַוויזן די שפּינראָד, די וואַלק־מאַשין, און מען האָט זיך שוין געמוזט לערנען אַ מלאָכה, אין דער צײַט ווען פֿריער זײַנען אַלע געווען דיזעלבע מומחה׳ס. אויך האָט מען געמוזט צעטיילן די אַרבעט צווישן עטליכע מענטשן, וואָס יעדערער איז געווען באַהאָונט אין זײַן ספּעציעלן פֿאַך: אין דער אויסאַרבעטונג פֿון וואָלענע שטאָפֿן, למשל, זײַנען איצט באַשאַפֿן געוואָרן באַזונדערע קאַטעגאָריעס וואַלקער, וואָל־שלעגער, שפּינער, וועבער און פֿאַרבער; די וואָל האָט געמוזט אַדורכגיין דורך צעהן הענט, איידער זי איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָף, וואָס טויג פֿאַרן קונה. דעריבער האָבן זיך אין מאַנכע ערטער גענומען אָנקלײַבן היפּש אַרבעטער, און עס זײַנען אויסגעוואַקסן אַפֿילו ספּעציעלע ישובֿים פֿון בעלי־מלאָכות.

די אַלטע ירידן, וואָס פֿלעגן זיך אויפֿקלייבן נאָר זעלטן און אין געצײלטע ערטער, האָבן שוין איצט ניט געקלעקט אויף צו פֿאַרקויפֿן די מאַסן סחורה, וואָס די האַנטווערקער האָבן אויסגעאַרבעט. מען האָט געמוזט מאַכן מערק אָפֿטער און אין מער ערטער.

אויף אײַנצואָרדענען אַ שטענדיגן מאַרק האָט מען געדאַרפֿט אָנקומען צו דער ערלויבעניש פֿון אַן אָרטיגן סעניאָר: פֿון קיניג, פֿון גראַף, פֿון ביסקופּ. אָפֿטמאָל פֿלעגט דער סעניאָר אַליין אײַנאָרדענען אַ מאַרק, אַוועקגעבן אַ פּלאַץ לעבן זײַן שלאָס און ערלויבן אויסבויען אַ האַלע. דורך אַ באַזונדער כתבֿ פֿלעגט ער ערלויבן אַ טייל פֿון זײַנע ווילאַנען „צו פֿאַרנעמען זיך מיטן ענין פֿון פֿאַרקויף“, אָנשטאָט „צו דינען אַלע טאָג“. דער סעניאָר האָט אויך נהנה געווען פֿון מאַרק: ער פֿלעגט נעמען פֿון די הענדלער אַ שטײַער פֿאַר ניצן די קראָמען, צו אים אין לאַנד פֿלעגן קומען מער מענטשן, וואָס טראָגן אַרײַן מכס. דעריבער פֿלעגט דער סעניאָר צוזאָגן צו שיצן פֿון גזלה און מוטוויל די מענטשן, וואָס קומען צו פֿאָרן אויפֿן מאַרק; אַלס אַ סימן פֿון זײַן הבטחה פֿלעגט מען אַרויסשטעלן אויפֿן

מארקפלאץ א שטאנג מיט א הוט, א הענטשקע אדער א צלם פון אויבן, אדער א שטיינענע פיגור פון א קריגער, למשל אין דייטשלאנד די סטאטוע פון דעם אזוי גערופענעם ראלאנד.

אונטערן שוץ פון דער פריצישער בורג אדער פונם באפעסטיגטן מאנאסטיר פלעגן זיך אויפקלייבן פארשיידענע מענטשן: בעלי־מלאכות, כדי אויפן ארט, „דורכן פענסטער‟, צו פארקויפן זייערע אויסארבעטונגען; סוחרים, כדי צו האנדלען מיט ארטיגע און אריינגעפירטע סחורה. אזוי איז אויפגעקומען אין פלאנדערן די שטאט ב ר י ג ע. איר מארק האט זיך אנגעהויבן פונם האנדעל ביים בריק פון דער פעסטונג („בריגע‟ איז אויף פלאמאנדיש דער טייטש „בריק‟). ביי די איינוואוינער פון א האנדלס־ישוב האט דער סעניאר געקאנט אויפמאנען מיט איין מאל א גרויסן, לכתחילה באשטימטן אפצאל; דאס האט אים געלוינט בעסער, איידער אויפקלייבן די שטייערן און דעם צינז גראשנווייז פון די דארפישע מענטשן. האנדלסלייט האבן תמיד מזומנים ביי זיך, און דעריבער האבן זיי אפט־מאל געקאנט אויסהעלפן זייער סעניאר, למשל אויסקויפן אים פון גע־פענגעניש אדער געבן אים געלט אויף א מלחמה. ווען הענריך IV. האט זיך געקליבן קיין איטאליע קעגן גרעגאריוסן VII., האט ער באשלאסן צו נעמען ביי די האנדלס־ישובים פון דייטשלאנד „גרויסע געלט‟, כדי צו „קויפן די רוימער‟, ד״ה כדי צו דערשלאגן זיך די רוימישע קרוין. צוליב דעם פלעגט דער סעניאר געבן די סוחרים כל׳ערליי זכיות: ער פלעגט פארקלענערן די שטראף פאר פארשיידענע עבירות, גרינגער מאכן דעם מיליטער־דינסט, געבן זיי פ ע ר ז ע נ ל י כ ע פרייהייט, ד״ה ערלויבן זיי באזעצן זיך און וואוינען פריי וואו זיי ווילן, לאזן זיי אליין שאפן איבער זייער פארמעגן.

אויסגעוואקסן א ביסל, האט דער האנדלס־ישוב געקאנט באריינגלען זיך מיט א מויער; צוזאמען מיט די אינדוסטריע־לייט פלעגן זיך דא באזעצן אויך ריטער, וואס האבן געזוכט פאר זיך גליקן; יעמאלט פלעגט דער האנדלס־ישוב אליין פארוואנדלט ווערן פון א פארשטאט ביים שלאס אין א באפעסטיגטער שטאט, אין א ב ו ר ג[1]. די איינוואוינער פון די בורגן האבן באקומען א באזונדער נאמען: אין דייטשלאנד „ב י ר ג ע ר‟, אין פראנצויז „ב ו ר ז ש ו א‟. פון סוף 11־טן י״ה הייבן אן די שטעט אין מיטל־ און דרום־אייראפע גיך צו וואקסן סיי אין צאל, סיי אין גרייס. טייל פון זיי זיינען געווען אמאליגע רוימישע שטעט, וואס האבן זיך איצטער

[1] דאסווארט „בורג‟ באגעגנט זיך אויך אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור (מ. וו.).

אָפּגעפּרישט און פֿאַרברייטערט: דהיינו ליאָן, באָרדאָ, פּאַריז, מילאַן, קעלן, לאָנדאָן. אַנדערע זײַנען אויסגעוואַקסן פֿון די ביסקופּשע שלעסער: מאַגדעבורג, באַזעל, זשענעווע. נאָך אַנדערע האָבן זיך געשאַפֿן גאָר פֿון־דאָס־נײַ און זײַנען דערהויבן געוואָרן צוליב דעם האַנדל: בריגע (Brügge), האַמבורג, ליבעק (Lübeck).

§ 60. **די גילדיעס און די קאָמונעס.** די רײַכע און זעלבשטענדיגע שטאָטלײַט האָט זיך באַלד פֿאַרוואָלט ניט זײַן אָפּהענגיג פֿון קיינעם, אָפּטיילן זיך אינגאַנצן פֿון זייערע סעניאָרן, פֿירשטן אָדער ביסקופּן. דערהויפּט איז דאָס געווען צו באַמערקן אין די שטעט פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך און צפֿון־דײַטשלאַנד, וואָס ליגן בײַ די לעפֿצונגען פֿון שיפֿיגע טײַכן און זײַנען רײַך געוואָרן פֿון מסחר מיט געוואַנט און מעטאַלענע זאַכן. דאָ פֿלעגן די סוחרים בילדן באַזונדערע פֿאַראיינען צו שיצן איינער דעם אַנדערן, אויפֿן שטייגער פֿון די מיליטערישע מחנות; די חברותא׳ס האָבן געהייסן: גילדיעס, האַנזעס, קאָמונעס. בײַם אַרײַנטרעטן אין אַזאַ פֿאַראיין פֿלעגט מען מוזן שווערן משונה׳דיגע שבועות: לויטן אַלטן עבודה־זרה׳דיגן מנהג פֿלעגן זיך די חברים אויפֿקלײַבן אויף גרויסע רוישיגע סעודות און שמועסן. זיי פֿלעגן זיך מתחייב זײַן העלפֿן איינער דעם אַנדערן מיט געווער אין די הענט אויף זייערע געמיינזאַמע האַנדלס־נסיעות. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ באַזונדערן קאַפּיטאַן, אָדער אַ „גראַף פֿון דער האַנזע“, פֿלעגן זיי זיך לאָזן אין וועג אַרײַן, רײַטנדיג אין גלײַכע רייען, אָנגעטון אין רינגען־פּאַנצערס: ווער עס איז ניט געווען באַוואָפֿנט ווי געהעריג, דער האָט געמוזט צאָלן שטראָף.

אין די שטעט, וואו דער פֿאַראיין פֿון די סוחרים איז געווען שטאַרק, האָט ער זיך ביסלעכווייז אוועקגעשטעלט בראש פֿון אַלע בירגער. די גאַנצע שטאָט האָט דאַן „געבילדעט אַ קאָמונע“: אַלע אײַנוואוינער זײַנען דאַן אַרײַנגעטראָטן אין פֿאַראיין און באַקרעפֿטיגט דאָס מיט אַ שבועה. דער סעניאָר פֿלעגט זיך אַלעמאָל אײַנשפּאַרן קעגן דעם מיט הענט און מיט פֿיס; עס פֿלעגט זיך אָנהייבן אַ מִלחָמָה.

אין דער צפֿון־פֿראַנצויזישער שטאָט לאַן (Laon) זײַנען די בירגער אויפֿגעשטאַנען קעגן זייער ביסקופּ, וואָס איז געווען אַן אַכזר און אַ געלטמענטש. פֿאַר גרויסער סומע גאָלד האָט ער אײַנגעשטימט אויף אַ קאָמונע, און קיניג לודוויק VI. האָט דאָס, אויך פֿאַר געלט, באַשטעטיגט. נאָר ווען דער קיניג איז געקומען צו פֿאָרן קיין לאַן, האָט דער ביסקופּ זיך באַרעכנט, אַז ער וועט בעסער ברעכן דעם צוזאָג. די בירגער האָבן

פֿאַרגעלייגט דעם קיניג נאָך געלט, אַבי ער זאָל באַשטעטיגן זיין פֿריערדיגע הַסכָּמָה; נאָר דער ביסקופֿ האָט געגעבן נאָך מער, און דער קיניג האָט מבֿטל געווען די קאָמונע. אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער סוף וועט זײַן, און איז אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט. עס האָט טאַקע אין דער אמת'ן אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד; די בירגער האָבן פֿאַרהאַקט די קראָמען און גענומען שרײַען: „קאָמונע! קאָמונע!“ דער ביסקופֿ האָט זיך אויסגעלאַכֿט פֿון דער זאַך; נאָר אויף מאָרגן האָט דער המון באַלעגערט זײַן פּאַלאַץ, געטייט דעם ביסקופֿ און אַרויסגעוואָרפֿן דעם קערפּער אויפֿן מאַרקפּלאַץ; דערנאָך האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון צו די הײַזער פֿון די גלחים און ריטער און גענומען זיי אונטערצינדן. אָבער באַלד איז געקומען די נקמה: די ריטער, די וואַסאַלן פֿון ביסקופֿ, האָבן גענומען לאַן, געהרג'עט אַלע אָנפֿירער, און די פּויערים, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט, האָבן צעראַבירט אַלע הײַזער פֿון די בירגער. ערשט אין עטליכע יאָר אַרום האָבן די אײַנוואוינער פֿון לאַן דערשלאָגן זיך געוויסע הַנָחות בײַם נײַעם ביסקופֿ.

נאָר אין אַ סך אַנדערע ערטער האָט די בירגערשאַפֿט מיט כּוח אָדער מיט געלט באַקומען בײַם קיניג אַ כּתָבֿ, וואָס האָט זיי געגעבן אַלערליי זכיות. בראש פֿון אַ שטאָטישער קאָמונע איז געשטאַנען דער עלטסטער, אָדער דער קאָפּ (אין די פֿראַנצויזישע קאָמונעס האָט ער געהייסן מער); ער האָט רעגירט צוזאַמען מיטן ראָט פֿון די געשוואָוירענע[1], פֿון 12 אָדער מער מענטשן, וואָס פֿלעגן אויסגעקליבן ווערן דורך די בירגער. די קאָמונע איז געווען אַזוי ווי אַ קליינע רעפּובליק. אויפֿן מאַרקפּלאַץ פֿלעגט מען אויסבויען אַ ראָטהויז; דאָס ראָטהויז האָט געהאַט אַ הויכן גלאָק־טורעם, אַזוי ווי די שלעסער פֿון די סעניאָרן; די שומרים אויפֿן טורעם האָבן אַכֿטונג געגעבן און גערופֿן צו די וואָפֿן, אויב זיי האָבן דערזעהן עפּעס אַ סכּנה; דער גרויסער גלאָק האָט גערופֿן די בירגער צום געווער, די מיטגלידער פֿון ראָט — אין ראָטהויז אויף אַ ישובֿ־הדעת. די באַשלוסן פֿון ראָט פֿלעגן באַקרעפֿטיגט ווערן דורך דעם שטאָטישן חותם, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט דער עלטסטער פֿון שטאָט, רײַטנדיג אויפֿן פֿערד, ווי אַ פֿעאָדאַלער סעניאָר.

§ 61. די אומאָפּהענגיגקײַט פֿון די שטעט. די העכערע קלאַסן זײַנען געווען מלא חימה און אַלע מענטשן סתם זײַנען געווען אויסער

[1] אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור רופֿט מען זיי דאָס רובֿ „עירונים“; די אינסטיטוציע גופֿא הייסט דאָרט „ראָט“ (ניט ראַט) אַמאָל אויך „די עצה“. (מ. וו.)

זיך, וואָס געמיינע בעלי־מלאכות און סוחרים האָבן אַזוי עולה־לגדולה געווען. איינער אַ קירכן־שרייבער פון 11־טן י"ה, וואָס איז געווען אויפן צד פון די סעניאָרן, שרייבט, אַז דאָס עצם וואָרט „קאָמונע" איז „אַ נייַ מיאוס וואָרט", ווייַל דער אמת׳ער טייַטש דערפון איז — באַפרייען די געוועזענע שקלאַפן.

גלייַכצייַטיג מיט די צפון׳דיגע קאָמונעס האָבן אויך אַ סך שטעט פון דרום־פראַנקרייך און איטאַליע דערשלאָגן זיך צו פרייַהייַט (אַרל, מאַרסעל, מילאַן, באָלאָניע, גענוע, ווענעציע). דאָ איז די זאַך אָנגעקומען גרינגער. אין איטאַליע האָבן די קיסרים געשטיצט די קליינע וואַסאַלן קעגן די גרויסע סעניאָרן; די ריטער זייַנען אָפטמאָל געזעסן אין די שטעט, געזוכט הינטער די שטאָטישע מויערן אַ שוץ קעגן די סעניאָרן און פאַראייניגט זיך מיט די האַנדלס־ און מלאכה־מענטשן. די דאָזיגע שטעט זייַנען נתעשר געוואָרן פונם ברייטן אויסלענדישן האַנדל: וואָס מער ביזאַנץ איז געפאַלן, אַלץ מער איז דער מאַרק פון אַלע מזרח׳דיגע סחורות אַריבער־געגאַנגען קיין צפון־איטאַליע און דרום־פראַנקרייַך, און די איטאַליענישע סוחרים ווידער האָבן אָנגעהויבן פירן די אויסלענדישע סחורה און די אויסאַרבעטונגען פון דער איטאַליענישער מלאכה אַריבער אויף יענער זייַט אַלפן. בראש פון די איטאַליענישע שטעט זייַנען געשטאַנען גע־קליבענע קאָנסולן פון ריטער און רייַכע אינדוסטריעלערס, פון 2 ביז 12. אין ווענעציע און גענוע פלעגט מען אויסקלייַבן אָנשטאָט קאָנסולן, וואָס בייַטן זיך, איין דאָדזשע אויפן גאַנצן לעבן („דאָדזשע" נעמט זיך פון לאַטייניש dux, ד"ה אָנפירער, הערצאָג).

אָבער נאָר געציילטע שטעט זייַנען געוואָרן אינגאַנצן זעלבשטענדיג. אינם גרעסטן טייל שטעט איז ניט געווען ניט קיין ראָט, ניט קיין גע־קליבענער עלטסטער: דער סעניאָר פלעגט אָוועקשטעלן אַ מורשה און ער פלעגט אי פאַרוואַלטן, אי מִשְפּטן. אַזאַ אייַנאָרדענונג האָבן געהאַט פאַריז און אָרלעאַן; ביידע זייַנען געשטאַנען אויף אַזאַ ערד, וואו סעניאָר איז געווען דער פראַנצויזישער קיניג אַליין. נאָר פונדעסטוועגן איז אַפילו אין די שטעט אויך געווען אַ סך בעסער, ווי אין די דערפער. פאַר א געוויסן אָפצאָל פלעגן זיך די אייַנוואוינער אויסקויפן פונם שררה־דינסט פאַרן סעניאָר; דעריבער האָבן זיי געהייסן פרייַע. די סעניאָרן האָבן שטאַרק געוואָלט צוציען צו זיך אין די שטעט נייַע איינוואוינער, און זיי האָבן דעריבער געגעבן פריווילעגיעס און געזעהן אַריבערצושטייַגן די שכני׳שע סעניאָרן. אין אַ סך פריווילעגיעס, וואָס די בירגער האָבן באַקומען, איז געווען אַזאַ פונקט: „אויב אַ לייַבקנעכט האָט אָפגעלעבט אין דער און

דער שטאָט אַ יאָר מיט איין טאָג און קיינער איז ניט געקומען צו אים מיט תביעות, בלייבט ער פֿרײַ אויף אַלעמאָל". אין דײַטשלאַנד איז דעריבער געוואָרן אַ ווערטל: „שטאָטיגע לופֿט מאַכט פֿרײַ".

§ 62. די שטאָטישע אָרדענונג. דער גאַנצער שטייגער לעבן אין שטאָט איז געווען גאָר אַנדערש, ווי אין דאָרף. פּונקט ווי די סוחרים פֿלעגן זיך צונויפֿנעמען אין פֿאַראייניגען, אַזוי פֿלעגן די בעלי־מלאָכות אויך מאַכן חברותאס, וואָס האָבן זיך גערופֿן צעכן (אָדער צונפֿטן). מחמת די צאָל קונים איז געווען ניט אַזוי אומגעהײַער גרויס און איבעריגע סחורה איז געווען שווער צו פֿאַרקויפֿן, האָט דער מאַטעריעלער אינטערעס געטריבן די בעלי־מלאָכות צו פֿאַראייניגן זיך; ווען די מײַסטערס פֿון יעדן פֿאַך וואָלטן געקומען צווישן זיך קאָנקורירן, וואָלטן זיי אַלע געווען פֿאַרפֿאַלן. דעריבער האָבן די צעכן שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז צווישן אַלע מײַסטערס פֿון יעדער פֿאַך זאָל זײַן גלײַכהײַט, אַז איינער זאָל ניט האַלטן מער פּועלים פֿאַרן צווייטן, אַז קיינער זאָל ניט האָבן מער רווחארג פֿאַרן אַנדערן און זאָל ניט אַרבעטן מער שעה'ן אין טאָג. אין יעדער פֿאַך פֿלעגן די מײַסטערס משפּט'ן זייערע חברים אין אַלץ, וואָס עס איז שייך צו דער אַרבעט. אויב איינער האָט געוואָלט זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס אַ מלאכה, האָט ער זיך געמוזט משתּדל זײַן, מען זאָל אים צונעמען אין צעך; און פֿריער האָט ער געדאַרפֿט ברענגען אַ ראיה, אַ „פּראָבע־אַרבעט", אַז ער איז טאַקע מסוגל צו זײַן אַ מײַסטער. די מיטגלידער פֿון יעטווידער גילדיע און פֿון יעטווידער צעך זיינען געווען אַ געשלאָסענע חברותא פֿאַר זיך, זיי האָבן געאַכפּערט אַ באַזונדערן הייליגן, געהאַט זייער אָרט אין קלויסטער; נאָך די געשטאָרבענע מיטגלידער פֿלעגט מען מאַכן אַזכּרות, מען פֿלעגט זיך אויפֿקלייבן אינאיינעם אויף סעודות און שמחות, און אין אַלץ האָט זיך אויפֿגעמישט ביי זיי די פֿרומע קריסטליכקײַט מיט דער עבֿודה־זרה.

די שטאָט האָט געהאַלטן אַלע בעלי־מלאָכות אין אַ שטרענגער אָרדענונג און געפֿאָדערט, פּונקט ווי פֿריער דער סעניאָר אָדער דער בישקופֿ, אַז איטליכער אײַנוואוינער זאָל אַרבעטן און צאָלן לטובֿת־הכּלל: צווישן די בעלי־מלאכות איז געווען צעטיילט די אַרבעט פֿון בויען און פֿאַרריכטן די שטאָטישע מויערן און די פֿעסטונג־גראָבנס, פֿון צושטעלן געווער און עסנוואַרג. דער שטאָטישער ראָט פֿלעגט אַוועקשטעלן איבער יעדן צעך אַ הויפּטמאַן; די בעלי־מלאכות אונטער דעם הויפּטמאַן האָבן געבילדעט אַ באַזונדער אָפּטיילונג אין שטאָטישן חיל. אַ גרויסע באַ־

דייטונג האָט באַקומען דער צעך פֿון די מוליאַרעס, דער עיקר פֿון דער צײַט, ווען יעדער שטאָט האָט געגומען בויען בײַ זיך אַ גרויסן קלויסטער אין גאָטישן סטיל. אַלע בירגער פֿלעגן נעמען אַ הייסן אײַנטייל אין אַזאַ אַרבעט, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן און יאָרן און אַמאָל געדויערט עטליכע דורות. רײַך און אָרים האָבן מְנַדֵב געווען אויף אײַנקויפֿן בוי־מאַטעריאַל, אויף צו באַצאָלן דער גרויסער מאַסע קונציגע אַרבעטער; די גוואַלדיגע בנינים האָט מען געקאָנט בויען נאָר מיט געניטע הענט, מיט אַ קינסטלערישן ערפֿינדונגס־גײַסט און מיט האַרבע אויסרעכענונגען. נאָך ביז הײַנטיגן טאָג שטייען די גאָטישע קלויסטערס, ווי אַ דענקמאָל פֿון דער מערקווירדיגער שאַפֿונגס־קראַפֿט און התלהבות פֿון די אַמאָליגע בורג־לײַט.

9. די קרייץ־צוגן און די פויפּסטליכע מאַכט.

§ 63. דער אָנהייב פֿון דער קרייצפֿאָרער־באַוועגונג. נאָר אַ טייל איינוואוינער פֿון מיטל־אייראָפּע האָבן געפֿונען אַרבעט און חיונה אין די נײַע שטעט. אַנדערע האָבן געמוזט אויסוואַנדערן אין ווײַטע מקומות.

שוין אין 11־טן י"ה פֿלעגן גרויסע מאַסן ריטער און פּויערים אַוועקגיין זוכן פֿאַר זיך נײַע הויפֿן און נחלאות. ריטער־פֿאַמיליעס מיט אַכט, צעהן, צוועלף זין זײַנען יעמאָלט ניט געווען קיין זעלטענע זאַך; מען פֿלעגט אַ טייל פֿון זיי שוין פֿון קינדווייז אויף באַשטימען פֿאַר מאָנאַכן, דאָך פֿלעגט פֿונדעסטוועגן בלײַבן אַ סך יורשים; אַ טייל פֿלעגן בלײַבן בײַ גאָרנישט. די מענטשן, וואָס האָבן קיין ערד ניט געהאַט, פֿלעגן זיך פֿאַראייניגן אין מחנות און פֿאַרדינגען זיך בײַ אָנפֿירער, וואָס האָבן געהאַט בדעה צו גיין פֿאַרנעמען נײַע לענדער. אויף אַזאַ שטייגער האָבן פֿראַנצויזישע ריטער (טיילווײַז נאָרמאַנען) פֿאַרנומען ענגלאַנד; פֿון דערזעלבער נאָרמאַנדיע זײַנען אַ סך אַוועק אויף דרום און צוגענומען בײַ די ביזאַנטער דרום־איטאַליע און בײַ די סאַראַצענער סיציליע. די ריזעוודיגע נאָרמאַנען האָבן נאָך דאָ אויך קיין רו ניט געהאַט: ראָבערט גיסקאַר, דעם פּויפּסטס אַ וואַסאַל, גרעגאָריוסעס VII. פֿאַרבינדעטער, איז אַוועק אויפֿן באַלקאַנישן האַלבאינזל גופֿא מלחמה האַלטן מיט ביזאַנץ.

אין דער דאָזיגער וואַנדער־ און קריגס־באַוועגונג האָבן גענומען אַ היפּשן אײַנטייל די שטעט, וואָס בײַם מיטלענדישן ים, דערהויפּט די צפֿון־איטאַליענישע שטעט ווענעציע, גענוע, פּיזע. די דאָזיגע שטעט

פלעגן באקומען מזרח'דיגע סחורה דורך דער פארמיטלונג פון ביזאנץ; קיין דירעקטן צוטריט צו די מוסולמענישע מדינות האבן זיי ניט געהאט. עס וואלט פאר זיי געלוינט א סך מער צו זיין אין אוממיטלבארע באציאונגען מיטן מזרח; דעריבער האבן זיי געזוכט צו פארנעמען שטיצפונקטן אין דער לעוואנטע (דאס איז דער טייטש: דאס לאנד פון זובעך־אויפגאנג), ד"ה ביי די ברעגעס פון קליינאזיע און סיריע.

אין יענער צייט פלעגן זיך מענטשן גאנץ גרינג איינריידן, אז מיט זייערע אונטערנעמונגען זיינען זיי מקיים גאטס געבאט. ווילהעלם פון נארמאנדיע האט זיך אויסגעבעטן ביים פויפסט א הייליגע פאן, בשעת ער איז אוועק איינגעמען ענגלאנד. אויב די מלחמה איז געגאנגען אנטקעגן אומגלויביגע, אנטקעגן געצנדינער, אנטקעגן מוסולמענער, איז זי דאך אוודאי געווען הייליג אין אלעמענס אויגן; מען האט געהאלטן, אז דאס איז א קאמף פארן נצחון פון דער קריסטליכער אמונה. די מלחמה פלעגט מגולגל ווערן אין א מלחמת־מצוה, אין א הייליגן קריג פארן קרייץ. פאר א סימן פון דער הייליגקייט פלעגן די קריגער אויסנייען אויף זייערע פאנעס און קליידער צלמים, זיי פלעגן אויסברענגען א צלם אויף זייער קערפער.

אין אויפטו לשם דעם גלויבן איז ביי דער גאנצער קריסטליכער וועלט געווען מער ווי אלץ איינגעבאקן אין הארצן: דאס איז דער קאמף פאר פאלעסטינע, פארן הייליגן לאנד, וואו יעזוס קריסטוס האט געלעבט און געליטן. שוין פון לאנג אן פלעגן א סך פרומע קריסטן עולה־רגל זיין אהין, צום קבר פון זייער אויסלייזער. שוין אין דעם עולה־רגל־זיין אליין האט געשטעקט א שטיק העלדישקייט: ווארום מען האט דאך געדארפט פארן איבער ווייטע לענדער און איבערן ים, און ווען אין פאלעסטינע האבן זיך אנגעטאט די אראבער איינגעפונדעוועט די טערקן, איז די נסיעה געווארן נאך געפערליכער. דעריבער זיינען די פרומע נארמאנען קיינמאל ניט געפארן אנדערש, ווי אין באוואפנטע חברותא'ס פון עטליכע טויזנט מאן. אויב אזוי, איז שוין ניט שווער געווען צו פאלן אויפן פלאן אוועקצושיקן אן אלגעמיין־קריסטליכן חיל פון גאנץ איראפע, כדי צו פארטרייבן די מוסולמענער און איינמאל פאר אלעמאל צוצונעמען ביי זיי די הייליגקייט. דער דאזיגער געדאנק האט זיך צונויפגעפארט מיט די האנדלס־אינדוסטריעלע באדערפענישן פון די שטעט און מיטן שטארקן חשק פון די ריטער און פויערים צו באקומען ערגעץ־וואו נייע ערד. אט די דאזיגע באדערפענישן, איינגעקליידט אין דעם מאנטל פון א הייליגער מלחמה, האבן געבראכט צו די ק ר י י ץ־צ ו ג ן, וואס האבן געשפילט אזא גרויסע

ראַליע אין משך פֿון גאַנצן 12־טן י"ה (גענויער פֿון 1095 ביז 1204). אַ סך שוואַכער איז געוואָרן די קרייצטרעגער־באַוועגונג אין 13־טן י"ה, און אין מיטן פֿון דעם יאָרהונדערט איז זי אָפּגעשטאָרבן אינגאַנצן.

§ 64. **דער ערשטער קרייץ־צוג.** צום סוף פֿון 11־טן י"ה האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשפּרייט דער געדאַנק פֿון אַ הייליגן קריג קעגן די מוסולמענער. די מוסולמענישע סכנה האָט זיך גערוקט אויף אייראָפּע פֿון צוויי זייַטן. די סעלדזשוקישע טערקן האָבן צוגענומען בייַ ביזאַנץ גאַנץ קליין־אַזיע, ד"ה דעם הויפּט־טייל פֿון דער אימפּעריע, און זייַנען שוין גע־שטאַנען באַלד בייַ קאָנסטאַנטינאָפּאָל; פֿון דער הויפּטשטאָט האָט מען שוין געקאָנט זעהן אויפֿן צווייטן ברעג פֿון באָספּאָראָס די געצעלטן פֿון די טערקן, אַרומגעקליידט מיט קעמלשע פֿעלן. דער ביזאַנטישער קיסר אַלעקסיאָס קאָמנינאָס האָט זיך געווענדט צו די מערבֿ'דיגע קריסטן מיט אַ געבעט — מען זאָל אים העלפֿן קעגן די אומגלויביגע. גלייַכצייַטיג האָבן די קריסטן אויפֿן פּירענעאישן האַלבאינזל באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ: זיי האָבן שוין געוועסט צוגענומען אַ העלפֿט פֿונם לאַנד, נאָר דאָ זייַנען אונטערגעקומען צו־הילף פֿון אַפֿריקע נייַע מאַסן מוסולמענער, די אַ ל מ אָ ־ ר אַ וו י ד ן, און די קריסטן זייַנען פֿון־דאָס־נייַ אָפּגעשטופּט געוואָרן צו די צפֿונ'דיגע בערג.

די אָנפֿירונג פֿון דער הייליגער מלחמה האָבן גענומען אויף זיך די פּויפּסטן, וואָס האָבן פּונקט אין יענער צייַט געפֿאָדערט פֿאַר זיך די איבערשטע ממשלה איבער דער גאַנצער קריסטליכער וועלט. גרעגאָריוסעס נאָכפֿאָלגער, אורבאַן II, אַ פֿראַנצויז לויט זייַן אָפּשטאַמונג, האָט צונויפֿ־גערופֿן אין 1095־טן יאָר אַ קאָנציל אין ק ל ע ר מ אָ ן (Clermont). דאָרט איז ער אַרויסגעטראָטן פֿאַר אַ גוואַלדיגן עולם גייַסטליכע און פֿאָלק, וואָס האָבן זיך אויפֿגעקליבן אויפֿן פֿרייען פֿעלד, און גערופֿן זיי אויף אַ היי־ליגער מלחמה. מאַסן מענטשן, גייַסטליכע און וועלטליכע, ביסקופּן און מאָנאַכן, ריטער, פּויערים און בירגער, האָבן אויסגעשריען „אַזוי וויל גאָט" און גענומען דעם קרייץ. דער פּויפּסט האָט זיי אַלעמען צוגעזאָגט, אַז גאָט וועט זיי בענטשן און פֿאַרגעבן זיי אַלע זינד, אַז מען וועט זיי מוחל זייַן אַלע חובֿות און אָפּהיטן זייער פֿאַרמעגן פֿאַר דער צייַט, וואָס זיי וועלן ניט זייַן אין דערהיים. דאָס, וואָס דער פּויפּסט האָט אָנגעהויבן אין קלערמאָן, האָבן געטון ווייַטער זייַנע שלוחים און פּריידיגער אין אַלע עקן פֿון פֿראַנקרייַך, איטאַליע און דייַטשלאַנד. זיי האָבן געשילדערט מיט פֿלאַם־פֿייַערדיגע ווערטער די צרות וואָס די קריסטן שטייען אויס אונטערן

יאָך פֿון די אומגלויביגע, און זיי האָבן אויך ניט פֿאַרגעסן צו דערציילן וועגן די פּרוכפּערדיגע מזרח'דיגע לענדער, וועגן דער רײַכקײַט און דעם פֿײַנעם לעבן אויפֿן מזרח.

עס האָבן זיך אײַנגעזאַמלט צוויי אינגאַנצן פֿאַרשיידענע מחנות. איינע איז באַשטאַנען פֿון פּראָסטע מענטשן, שלעכט באַוואָפֿנטע, אָן עסנ־וואַרג; בראש פֿון דעם המון זיינען געשטאַנען דער פריידיגער פּעטער פֿון אַמיען און דער ריטער וואַלטער האָבנישט. די מחנה איז אַוועק מיטן יבשה־וועג פֿון פֿראַנקרייך און דײַטשלאַנד קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די קרייצפֿאָרער האָבן געלעבט פֿון רויב און גזלה; אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז גאָרניט דערגאַנגען ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווייל זיי זיינען אויס־גע'הרג'עט געוואָרן אין וועג דורך די בולגאַרן און אונגאַרן, דורך וועמענס לענדער זיי זײַנען דורכגעגאַנגען[1].

אַן אַנדער גרופּע איז באַשטאַנען פֿון ריטערשע אָפּטיילונגען (מיט געזינדן און דינערשאַפֿט) אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גרויסע סעניאָרן. די הויפּט־מאַסע פֿון די ריטער איז געווען פֿון צפֿון־ און דרום־פֿראַנקרײַך; אין איטאַליע האָבן זיך אַ הייב געטון אַ סך ריטער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ראָבערט גיסקאַרס זון באָעמונד. אַ טייל קרייצטרעגער זײַנען אַוועק קיין איטאַליע, כדי פֿון דאָרט זיך צו לאָזן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיטן וואַסער־וועג; קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געדאַרפֿט זײַן דער אַלגעמיינער זאַמלפּלאַץ. די איטאַליענישע ים־שטעט האָבן גענומען אויף זיך צו געבן די שיפֿן און שפּעטער אַריבערצופּעקלען קיין אַזיע, אויפֿן מלחמה־פּלאַץ, עסנוואַרג, וואָפֿן און פֿאַרשטאַרקונגען. אין דעם חיל איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע הנהָגה;

---

[1] די קרייץ־צוגן זיינען אין גאַנץ אייראָפּע פֿאַרבונדן געווען מיט שרעקליכע רדיפֿות אויף יידן. באַזונדער שטאַרק האָבן געליטן די יידישע קהילות ביים ריין: שפּייער, וואָרמס, מיינץ, קעלן, א. אז. וו. דער ספֿר „שארית ישראל“, וואָס איז אַרויס אין אמסטערדאַם אין 1743־טן יאָר, באַשרייבט אַזוי די צייט: „און עס איז געווע׳ן דאָס זעלביג מאָל אַ גרויסע צרה צו ישראל, און זיי זיינען געווען צו אַ באַרויבונג אין די לענדער פֿון די נוצרים, און עס איז איבערגעקומען פֿיל לייד, די וואָס זיינען געשריבן אין דער תורה און וואָס זיינען ניט גע־שריבן. דען די אומות פֿון טייטשלאַנד און פֿראַנקרייך זיינען קעגן זיי אויפֿגעשטאַנען און האָבן געזאָגט: איידער מיר וועלן גיין באַצווינגען אונזערע פֿײנד און די פֿיינד פֿון אונזער גלויבן אין אַנדערע ווייטע לענדער, וועלן מיר ערשט טייטן די פֿיינד צווישן אונז...“ דער־נאָך גייט אַ באַשרייבונג פֿון די שרעקליכע ענויים, וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין די דייטשע קהילות, און צום סוף גיט דער שרייבער צו: „די גזירה איז ניט געווען נאָר אין אשכנז, אָבער זי איז געווען אין גאַנץ אייראָפּע: אין ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, שפּאַניע און אין איטאַליע. די אומות האָבן אין אַלע ערטער געשריען: קומט, לאָמיר זיי פֿאַרטיליגן, אַז דער נאָמען פֿון ישראל זאָל ניט מער געדאַכט ווערן...“ (מ. וו.)

יעטווידער סעניאָר האָט געטון אויף זײַן אייגענער אחריות; די באַראָנען און ריטער האָבן ניט אַלעמאָל געפאָלגט די הויפּט־אָנפירער.

ווען די מחנות האָבן גענומען אויפקלײַבן זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט קיסר אַלעקסיאָס דערזעהן, אַז די דאָזיגע גוטע פריינד זײַנען געפערליכער, איידער די שונאים די טערקן. די סעניאָרן האָבן אים ניט געוואָלט שווערן געטרײַשאַפט, זיי האָבן ניט געוואָלט מבטיח זײַן, אַז זיי וועלן אַוועקגעבן צוריק צו ביזאַנץ די געגנדן, וואָס זיי וועלן אײַננעמען. אַלעקסיאָס האָט דעריבער גענומען קלײַבן קעגן זיי אַ חיל פון געדונגענע טערקן און סלאַוון און האָט געזעהן אָפּצושיקן די געקומענע וואָס גיכער קיין קליין־אַזיע. די קרייצטרעגער האָבן גענומען ניקעע, צעקלאַפּט ניט ווײַט פון דער שטאָט אין אַ גרויסער שלאַכט די טערקן און דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג קיין סיריע. אַ סך האָט זיי אויסגעהאָלפן די שנאה צווישן די צוויי מוסולמענישע פעלקער, וואָס האָבן געהאַלטן סיריע אין זייערע הענט: דער צפון האָט באַלאַנגט צו די טערקן, וואָס זײַנען געווען סוניטן, און דעם דרום מיט ירושלים האָבן אָקאָרשט פאַרן אָנקומען פון די קרייצטרעגער געהאַט צוגענומען די שיאיטישע עגיפּטישע סולטאַנען.

אין משך פון אַ צוויי־יאָריגער שווערער מלחמה האָבן די קרייצפאָרער אײַנגענומען אַנטיאָכיע (דאָ איז געבליבן הערשן באָעמונד), עדעסע הינטערן אייפראַטעס, און די שטעט וואָס בײַם ברעג פון ים. נאָר זייער צאָל האָט זיך שטאַרק געמינערט; אַנדערע סעניאָרן זײַנען פאַרמאַטערט געוואָרן און אַוועק צוריק אַהיים, און די וואָס זײַנען געבליבן האָבן כמעט ווי פאַרגעסן צוליב וואָס זיי זײַנען געקומען. ערשט ווען די פּשוט'ע ריטער האָבן מורד געווען, האָבן זיי געפּועלט ביי גאָטפרידן פון בוליאָן (פון צפון־פראַנקרײַך), ער זאָל זיי פירן אויף ירושלים. ווען די קריגער האָבן דערזעהן פון דערווײַטנס די הייליגע שטאָט, זײַנען זיי אַרײַן אין התלהבות, נאָר גלײַכצײַטיג האָבן זיי זיך פונאַנדערגעווײנט אויף אַ קול. זיי האָבן זיך געריכט אויף אַ נס, און דעריבער האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון שטורעמען דעם הר־הזיתים. נאָר מען האָט זייער שטורעם אָפּגעוואָרפן, און עס איז זיי אויסגעקומען צו פירן די באַלעגערונג ווי ס'געהער צו זײַן, מיט דער הילף פון מאַשינעס, וואָס די גענועזער האָבן געבראַכט אויף זייערע שיפן. זומער פון 1099־טן יאָר איז ירושלים געפאַלן. די באַזיגער האָבן אויסגעשאָכטן מאַסן מוסולמענער אויף די גאַסן און אין דער גרויסער מעטשעט פון אָמאַרן.

§ 65. די באַזיצונגען פון די קרייצפאָרער אויפן מזרח. אין

סיריע האָבן זיך געבילדעט פיר מלוכות פֿון די קרייצפֿאָרער; די וויכטיגסטע פֿון זיי איז געווען דאָס קיניגרייך פֿון ירושלים אויף דרום־זייט. דאָרט האָט זיך איינגעשטעלט דער גאַנצער פֿעאָדאַלער סדר פֿון מערב־איירופּע. דאָס קיניגרייך האָט זיך געטיילט אויף סעניאָריעס, באַראָניעס און ריטערשע פֿעאָדומס, וואָס האָבן געדאַרפֿט שטעלן רייטער צום מיליטערדינסט. אויף די נחלאות, וואָס זיינען געווען פֿונאַנדערגעטיילט צווישן די ריטער, האָבן געאַרבעט אַלטגעזעסענע, דאָס רוב פֿון גריכיש־אָרטאָדאָקסישן גלויבן אָדער קריסטליכע סעקטאַנטן; זיי האָבן געצאָלט צינז און זיינען געווען צוגעשמידט צו דער ערד.

דעם הויפּט־געווינס פֿון די נצחונות האָבן געהאַט ווענעציע און גענוע. פֿאַר דער הילף, וואָס די שטעט האָבן געגעבן אויפֿן ים — ווענעציע האָט צוגעשיקט 200 שיפֿן אין אַ יאָר אַרום נאָכדעם ווי מען האָט איינגענומען ירושלים — זיינען זיי באַפֿרייט געוואָרן פֿון האַנדלס־מכס און האָבן באַקומען אין אַלע שטעט גאַנצע קוואַרטאַלן מיט מערק און קלויסטערס, און אין די גרויסע ים־שטעט אפֿילו צו אַ דריט־חלק פֿון דער גאַנצער שטאָט. אָט דער באַזיץ פֿון די איטאַליענישע רעפּובליקן איז געווען אינגאַנצן אומאָפּהענגיג פֿון די קרייצטרעגערשע מדינות. די איטאַליענישע סוחרים האָבן אויסגעפֿירט זייערס. דער גאַנצער צופֿיר פֿון מזרח'דיגע סחורה, און דערעיקר'שט פֿון געווירץ, פֿון טייערע האָלץ, פֿון פֿאַרב־מאַטעריאַל, פֿון לוקסוס־אַרטיקלען האָט זיך איצט קאָנצענטרירט דורכאויס אין זייערע הענט. זיי פֿלעגן איינקויפֿן די סחורה דירעקט אין אינדיע און אַראַביע און פֿירן דאָס אויף זייערע שיפֿן קיין איירופּע. צוליב דעם האָט זיך געשטאַרקט דער מסחר אין גאַנץ מיטל־איירופּע. אין ווענעציע איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער לאַגער־אָרט און אַ האַנדלסהויז („פֿאָנדאַקאָ“) פֿון דייטשע סוחרים, וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן אַהער איינקויפֿן מזרח'דיגע אַרטיקלען און אוועקפֿירן דאָס אויף יענער זייט אַלפּן.

די קרייץ־צוגן, וואָס האָבן געבראַכט אומעטום צו שווערע גזירות און שחיטות אויף יידן, האָבן אויך אָפּגעשוואַכט דעם יידישן האַנדל. די קריסטליכע סוחרים האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטופּן די יידן. די סעניאָרן האָבן צוגענומען ביי זיי די זכיות, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿריער. אין די שטעט האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרווערן יידן צו פֿאַרנעמען זיך מיט געוויסע מלאָכות; מען האָט זיי פֿאַרשפּאַרט אין אַ געוויסן קוואַרטאַל פֿון שטאָט, אין „געטאָ“.

דער מצב פֿון די קרייצטרעגערשע מלוכות אין סיריע איז געווען זעער ניט קיין פֿעסטער. די אַלטגעזעסענע באַפֿעלקערונג — מוסולמענער,

ייִדן און קריסטן פֿון אַן אַנדער שיטה, ווי די קרײצפֿאָרער — האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט אומצוטרוי און פֿלעגן גרינג אַריבערגיין צום שונא. אָבער אַפֿילו צווישן די געקומענע גופֿא (אויפֿן מזרח פֿלעגט מען זיי רופֿן פֿ ר אֶ נ ק ן, אָדער, לויט זייער גלויבן, ל אַ ט י נ ע ר) איז אויך ניט געווען קיין אַחדות. די נײַ־אָנגעקומענע פֿון אייראָפּע זײַנען געווען גרויס בײַ זיך און האָבן אַרויסגערופֿן צוזאַמענשטויסן מיט דער אַלטגעזעסענער באַפֿעלקערונג; זיי האָבן זיך געקריגט מיט די אַלטע קאָלאָניסטן און זייערע קינדער, ווײַל זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס זײַנען קאַליע־געוואָרענע מענטשן, וואָס האָבן אָנגענומען מזרח'דיגע זיטן. דערווײַל זײַנען די מוסולמענער געקומען צו זיך און האָבן גענומען פֿון זייער זײַט פֿירן אַ הייליגע מלחמה קעגן די אייראָפּעער. צווישן די שיאיטן האָט זיך געבילדעט אַ פֿאַרבאַנד פֿון גלויבנס־טרײַע, וואָס האָבן געשוואוירן, אַז זיי וועלן פֿאַרטיליגן אָן רחמנות אַלע שונאים פֿונם איסלאַם. זיי האָבן זיך גערופֿן האַ ש י ש י נ ע ן (אַ ס אַ ס י נ ע ן), לויטן נאָמען פֿון שכרות'דיגן געטראַנק „האַשישי“, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געמאַכט מוט צו די געפֿערליכסטע אַרויסטרעטונגען. זייערע פֿעסטע שלעסער זײַנען געשטאַנען אין די בערג פֿון לבֿנון, האַרט בײַם גרעניץ פֿון די קריסטליכע באַזיצונגען.

§ 66. די קרײץ־צוגען פֿון 12־טן און 13־טן י״ה. ווי נאָר די סכּנה פֿאַרן קריסטליכן באַזיץ אויפֿן מזרח פֿלעגט גרעסער ווערן, פֿלעגן די פּויפּסטן אויפֿהייבן אַ גרויסן גוואַלד־געשריי און רופֿן צו אַ נײַעם קרײץ־צוג. אַזוי איז געווען מיט אַ יאָר 50 נאָכן ערשטן צוג, בעת די מעסאָפּאָטאַמישע טערקן האָבן גענומען עדעסע, דעם פֿאָרפּאָסטן פֿון די קריסטן אויף מזרח, צוגערוקט זיך צום ים און איבערגעשניטן אויף העלפֿט די קריסטליכע באַזיצונגען. בראָש פֿון אָט דעם צ ו ו ײ ט ן קרײץ־צוג זײַנען געשטאַנען די קיניגן פֿון דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך. דאָס אייגענע האָט זיך געטראָפֿן נאָך מיט אַ יאָר 40 שפּעטער: דער טערקישער סולטאַן סאַלאַדין האָט אײַנגענומען מצרים און זיך אַ רוק געטון פֿון צוויי זײַטן אויף דעם קיניגרײַך ירושלים. סאַלאַדין האָט גענומען אין געפֿענגעניש דעם קריסטליכן קיניג, און אין 1187־טן יאָר איז די הייליגע שטאָט אַריבער צוריק צו די מוסולמענער. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג אין אייראָפּע, און אויפֿן ד ר י ט ן קרײ ץ־צ ו ג זײַנען אַוועק דער דײַטשער קיסר פֿרידריך באַרבאַראָסע און די קיניגן פֿון פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד. דער ערשטער איז אומגעקומען אין קליין־אַזיע, דער צווייטער, פֿיליפּ II. אָגיוסט, האָט זיך אומגעקערט צוריק פֿון סירישן ברעג, דער

דריטער, ריטשאַרד לײַבן־האַרץ, האָט אָן שום פּעולה געקעמפּט מיט סאַלאַדינען.

דאָ האָבן די פּויפּסטן גוזר געווען, אַז מען זאָל צאָלן גרויסע בײַ־טראָגן לטובֿת דער באַפרייאונג פון די הייליגע ערטער, און זיי האָבן גע־זעהן צוצוציען צום ענין די גרויסע הערשער פון אייראָפּע. אָפטמאָל האָט אַ קיניג, איידער ער איז אַרויף אויפן טראָן, געמוזט שווערן, אַז ער וועט אונטערנעמען אַ קרייץ־צוג, און אויב ניט, זאָל אים טרעפן דעם פּויפּסטס חרם. דרײַמאָל זײַנען געגאַנגען אויף מזרח די דײַטשע קיסרים, פירמאָל די קיניגן פון פראַנקרײַך און צו איין מאָל — די קיניגן פון ענגלאַנד און פון אונגאַרן. נאָר די גרויסע צוגן האָבן זיך אַלע געענדיגט מיט גאָרנישט.

די שטימונג אין אייראָפּע האָט זיך ביסלעכווײַז געביטן. די מפּלות האָבן פאַרהאַלטן די קאָלאָניסטן און די קריגערישע פּילגרימען. אויף די צוויי גרויסע קרייץ־צוגען פון 13־טן י"ה האָבן זיך קרייצפאָרער אַרײַנ־געלאָזן נאָר אין אַנדערע ענינים. אין פערטן קרייץ־צוג, אין 1204־טן יאָר, האָבן די פראַנצויזישע און איטאַליענישע ריטער צוזאַמען מיט די וועגעציאַנער פאַרכאַפּט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צעראַבירט די רײַכטימער פון דער שטאָט און אַראָפּגעוואָרפן די היימישע דינאַסטיע. אָנשטאָט ביזאַנץ איז געגרינדעט געוואָרן די לאַטײַנישע אימפּעריע. באַלדואין, דער גראַף פון פלאַנדריע, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ לאַטײַנישן קיסר; גלײַכצײַטיג איז אַן איטאַליענישער סעניאָר געוואָרן קיניג אין סאַלאָניק; די אינזלען און די בעסטע ברעגעס פון אײַגעאישן ים האָט מען אַוועק־געגעבן די וועגעציאַנער, וואָס זײַנען איצט געוואָרן אויפן מזרח די גאַנצע באַלעבאַטים אויפן האַנדל. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט זיך אונטער־געגעבן אונטער דער גײַסטליכער שליטה פון פּויפּסט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ לאַטײַנישער פּאַטריאַרך, אַ געבוירענער אין וועגעציע. — אַן אַנדער מאָל, אין 1248־טן יאָר, איז אַ פראַנצויזישער חיל אונטער דער אָנפירונג פון לודוויק IX. (דעם הייליגן) אַוועק קיין מצרים; די מוסול־מענער האָבן אים פאַרשפּאַרט צווישן די אַרבלען פון נילוס, דער קיניג איז גענומען געוואָרן אין געפענגעניש, און דערמיט האָט זיך אויסגעלאָזן די עקספּעדיציע.

נאָכדעם ווי דער שונא האָט צוגענומען ירושלים, איז בײַ די קריסטן געבליבן נאָר אַ שמאָלער פּאַס בײַם סירישן ברעג מיטן גרויסן האַפן אַקאָ. מיט הונדערט יאָר שפּעטער (אין 1291־טן יאָר) האָבן די טערקן דאָס אויך צוגענומען. נאָך לאַנג, אין משך פון צוויי יאָרהונדערטער, האָט מען

גערופֿן אין אייראָפּע צו קרייץ־צוגן. אָבער דער קריגערישער דראַנג קיין מזרח האָט זיך געענדיגט. אייראָפּע האָט געהאַט אַרויסגעשיקט גוואַלדיגע מאַסן מענטשן, וואָס זײַנען אומגעקומען אויף די שלאַכטפֿעלדער אָדער אַרויסגעשטופּט געוואָרן צוריק. געוואונען האָבן נאָר די דרום־אייראָפּעאישע שטעט, דערהויפּט ווענעציע און גענוע. זיי האָבן זיך אײַנגעשאַפֿט גרויסע פֿלאָטן און פֿאַרכאַפּט די ממשלה איבערן מיטלענדישן ים.

§ 67. **די ריטערשע אָרדנס.** אין די קרייץ־צוגן האָט זיך געבילדעט אַ קלאַס ריטער. פֿריער זײַנען זיי געווען צעזייט און צעשפּרייט אין דינסט בײַ איינצלנע סעניאָרן; איצט, אין די גרויסע צוגן און אין דער פֿרעמד, האָבן זיי זיך גענומען פֿאַראייניגן אין חברותא׳ס. די קרייצפֿאָרער פֿלעגן אַרײַנטרעטן אין אַ מאָנאַכן־בונד, פֿלעגן בילדן אַ געמיינדע (אָרדן), אָפּזאָגן זיך פֿון פֿאַמיליע און אייגנטום, אונטערוואַרפֿן זיך אַ געקליבענעם משגיח (דער גרויסער מײַסטער). דער הויפּטציל פֿון אָרדן איז געווען דער קאַמף מיט די אומגלויביגע; אויך פֿלעגן זיך די ריטער מתחייב זײַן צו העלפֿן די נויטבאַדערפֿטיגע און קראַנקע פּילגרימען, באַשיצן די שוצלאָזע, וואָס זײַנען עולה־רגל צו די הייליגע ערטער.

צוערשט האָט זיך געבילדעט אין ירושלים דער פֿראַנצויזישער אָרדן פֿון די טאַמפּליערן (templiers), ד״ה טעמפּלער, טעמפּל־לײַט; זיי האָבן זיך אַזוי גערופֿן, ווײַל זיי זײַנען אין אָנהייב אײַנגעשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו עס זאָל אַמאָל זײַן געשטאַנען דער בית־המקדש. אויף זיי קוקנדיג האָבן זיך די איטאַליענישע ריטער אויך פֿאַראייניגט אין אַ גרויסן אָרדן: זיי זײַנען צוגעשטאַנען צו אַן עלטערער מאָנאַכישער געמיינדע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך איטאַליענישע סוחרים נאָך פֿאַרן ערשטן קרייץ־צוג און האָט געהאַט געעפֿנט אין ירושלים אַ שפּיטאָל אונטערן שוץ פֿון הייליגן יאָהאַן. דערפֿון נעמט זיך דער נאָמען פֿון אָרדן האָספּיטאַליטער אָדער יאָהאַניטער.

די ריטערשע אָרדנס האָבן באַקומען אַ הסכּמה פֿון פּויפּסט און זײַנען געווען אינגאַנצן אומאָפּהענגיג פֿון די מלוכות, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען זייערע שלעסער און זייער באַזיץ. דער פּויפּסט האָט געקוקט אויף זיי, ווי אויף זײַן אַרמיי, ער פֿלעגט באַשיטן די ריטער, דערהויפּט די טאַמפּליערן, מיט חסדים: זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט מוחל צו זײַן די זינד, וואָס נאָר דער פּויפּסט האָט דאָס געקאָנט, צו מאַכן אַ גאָטסדינסט אויף אַן אָרט, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַן „אינטערדיקט" (איסור) און אַפֿילו צו האַלטן און צו באַגראָבן בײַ זיך מענטשן, וואָס זײַנען

אַרײַנגעלײגט אין חרם. דער פּויפּסט האָט אַזוי דערהויבן די „קריסטוס־קעמפֿער", אַז גאָטספֿאָרכטיגע מענטשן האָבן זיי גענומען ברענגען אומגעהײַערע מתנות; די געבער האָבן געמיינט, אַז דורכדעם באַקומען זיי אַ חלק אין דער הייליגער קראַפֿט, וואָס די ריטער באַווײַזן אין זייערע קרייצטרעגערשע מלחמות.

אַזעלכע אָרדנס האָבן זיך אויך געבילדעט אין אייראָפּע גופֿא אין יענע ערטער, וואו מען פֿלעגט פֿירן מלחמות פֿאַרן גלויבן. אין שפּאַניע זײַנען אויפֿגעקומען אָרדנס צום קאַמף קעגן די מוסולמענער. אויפֿן דרום־מזרח'דיגן ברעג פֿון באַלטישן ים האָט מען באַזעצט דעם טייטאָנישן (דײַטשן) אָרדן צום קאַמף קעגן די געצנדינערישע ליטווישע שבטים. געגרינדעט געוואָרן איז דער אָרדן אין ירושלים ערבֿ דעם אַרײַנגיין פֿון סאַלאַדינען; אין אָנהייב פֿון 13־טן י"ה האָט מען אים אַראָפּגעבראַכט קיין פּרײַסן, צווישן די לעפֿצונגען פֿון דער ווײַסל און ניעמען.

§ 68. **די ריטערשע קולטור.** די מנהגים אין די אָרדנס האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף די זיטן פֿון גאַנצן קלאַס קריגסלײַט. לויט די אַלטע לידער איז דער קריגער אַזאַ מענטש, וואָס פֿאַרפֿירט ווילדע כּסוכּים, וואָס קוילעט און ראַבירט אָן רחמנות, וואָס פֿאַרברענט שוצלאָזע, לאַכט זיך אויס פֿון זײַן אייגענעם צוזאָג און פֿון זײַן אייגענער שבֿועה, וואָס ווייס ניט אויף וואָסער וועלט ער איז, ווען עס צעשפּילן זיך בײַ אים די געבליטן. זינט די קרייץ־צוגן בײַט זיך דאָס איבער: עס וואַקסט אויס דער באַגריף וועגן ריטער־ערע. דער ריטער דאַרף אָפּהיטן דעם שוואַכערן, האַלטן וואָרט און זײַן געטרײַ דעם סעניאָר, העלפֿן דער קירך, זײַן באַהאַרצט און פֿון קיינעם זיך ניט לאָזן פּוגע בכּבֿוד זײַן. די ריטער ווערן אַלע אַזוי ווי מיטגלידער פֿון דער גרויסער אידעאַלער ברודערשאַפֿט פֿון דער גאַנצער קריסטליכער וועלט. זיי ווערן פֿאַראייניגט דורך שותּפֿישע איינריכטונגען און מנהגים.

אַ ריטער האָט מען געקאָנט ווערן נאָר דורך דעם, וואָס מען ווערט „געשלאָגן" פֿאַר אַ ריטער: דאָס האָט געקאָנט געמאָלט זײַן אָדער פֿאַר באַזונדערע גבֿורות, למשל אויפֿן שלאַכטפֿעלד — אַזוי פֿלעגט דער קיניג, למשל, אָפּטמאָל מאַכן פֿאַר ריטער זײַנע מיניסטעריאַלן — אָדער דערצו פֿלעגן זוכה זיין די זין פֿון די פֿעאָדאַלן נאָך אַ געהעריגער מיליטערישער ערציאונג. בכּדי צוצוגרייטן דעם קומענדיגן ריטער, פֿלעגט מען אים פֿרי אַוועקגעבן דינען צום סעניאָרס הויף; אין עלטער פֿון 15 יאָר ווערט ער אַ שטאַלקנעכט און אַ וואָפֿנטרעגער בײַ דעם ריטער דעם אַפּוטרופּוס;

ער גייט אים נאָך אומעטום, אין שלאַכט שטייט ער לעבן דעם ריטערס פֿערד, ער האַלט זײַן שוץ, דערלאַנגט אים פֿרישע וואָפֿן און שלאָגט זיך צוזאַמען מיט אים. אַז ער ווערט אַלט 21 יאָר, באַקומט דער קריגסדינער (אויף דײַטש „קנאַבע“ אָדער „קנאַפּע“) אַ פֿולקומע באַוואָפֿענונג. פֿאַר דעם טאָג פֿון דער „שלאָגונג“ פֿאַסט ער, איז זיך מתוודה און נעמט די אייכאַריסטיע. די צערעמאָניע פֿלעגט פֿאָרקומען אַזוי: דער יונגער מאַן האָט זיך געשטעלט אויף די קני, און דער אפּוטרופּוס האָט אים דערלאַנגט „דעם לעצטן קלאַפּ“ מיטן האַנט אין פּנים אָדער מיטן שווערד אין רוקן.

וואו עס פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן אַ סך ריטער, דאָרט פֿלעגט מען אײַנאָרדענען טורנירן, געוועט־קאַמפֿן פֿאַר אַ גרויסן עולם. די ריטער פֿלעגן אַרויספֿאָרן אין קיוועריס, וואָס האָבן באַדעקט זייער פּנים; מען פֿלעגט זיי דערקענען און אָנרופֿן לויט עפּעס אַ סימן, אַ געמעל (הערב) אויף זייער שוץ אָדער זייער פֿאָן, למשל לויטן בילד פֿון אַ לייב, פֿון אַ לינדוואָרים, פֿון אַ פּאַווע. פֿאַר אַ פּרײַז פֿלעגט דער באַזיגער באַקומען די וואָפֿן פֿון געגנער; אָדער דער באַזיגטער פֿלעגט מוזן ווערן אַ דינער פֿון דעם שטאַרקערן, סײַדן ער פֿלעגט זיך אויסקויפֿן מיט געלט. אַ סך אָרימע ריטער זײַנען אויף אַזאַ אופֿן נתעשר געוואָרן, וואַנדערנדיג פֿון בורג צו בורג און פֿון טורניר צו טורניר; דאָס זײַנען די וואַנדערדיגע ריטער, וואָס זוכן געפֿערליכע באַגעגענישן און פּאַסירונגען.

די ריטערשע השגות האָבן ווייכער געמאַכט דעם פֿריערדיגן גראָבן קוק אויף דער פֿרוי. פֿריער פֿלעגט דער סעניאָר אָפּטמאָל איבערגוואַלד חתונה מאַכן די יורש׳טע פֿון עפּעס אַ פֿעאָדום, כדי צו פֿאַרשאַפֿן זײַנעם אַ וואַסאַל אַ נײַע נחלה; אָדער ער פֿלעגט פֿאַרקויפֿן אַ כלה דעם, וואָס פֿלעגט באַצאָלן דעם גרעסטן מקח פֿאַרן פֿעאָדום. צווישן די ריטער, וואָס זייערע פֿרויען און טעכטער האָבן געמוזט פֿאַרטיידיגן די בורגן, צוגעבן מוט די קעמפֿער און אַפּילו אַליין גיין אין שלאַכט, האָט זיך שוין אַזאַ השגה וועגן פֿרויען ניט געקאָנט האַלטן: איצט האָט מען אָנגעהויבן שפּירן דרך־ארץ פֿאַר דער פֿרוי, דאַגעענען וועגן איר. ביי די הויפֿן, וואו עס פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן אַ סך ריטער, איז אויסגעוואַקסן דער באַגריף פֿון „דאַמען־ערע“ און פֿון „פֿרויען־דינסט“; דער ריטער פֿלעגט שווערן דער דאַמע זײַנער אַ וואַסאַלן־שבועה און אויפֿטון לכבוד איר העלדישע מעשים.

אין די ריטערשע געזאַנגען האָט מען געגרייסט דעם ריטערס געהויבענע געפֿילן, דערהויפּט זיין ליבע צו דער דאַמע; אין גראַמען און אין פּראָזע האָט מען געשילדערט די וואונדערליכע איבערלעבענישן, לײַדן

און אויפֿטועט פֿון די אידעאַלע ריטער. אַזעלכע פּאָעמעס האָבן זיך גערופֿן **ראָמאַנען**; דער נאָמען נעמט זיך פֿון דעם, וואָס די ווערק זײַנען געווען געשריבן ניט אויף **לאַטיין**, ווי די גאַנצע רעליגיעזע און וויסנשאַפֿטליכע ליטעראַטור פֿון יענער צײַט, נאָר אין דער לעבעדיגער **ראָמאַנישער שפּראַך**[1]. די מחברים זײַנען געווען ריטער, און מען האָט זיי גערופֿן אין דײַטשלאַנד **מינעזינגער** (Minne = ליבע), אין צפֿון־פֿראַנקרײַך **טרוּווערן**, אין דרום־פֿראַנקרײַך **טרובאַדורן**, ד״ה מחברים. זינגען און שפּילן דאָס פֿלעגן וואַנדער־זינגער; אין דײַטשלאַנד האָט מען אַזאַ זינגער גערופֿן **שפּילמאַן**, אין פֿראַנקרײַך **מענעסטרעל** (פֿון וואָרט מיניסטעריאַל, ד״ה באַדינער). די ריטערשע מעשיות און געזאַנגען וואַקסן אַרויס פֿון די אַמאָליגע געצנדינערישע מעשיות און קריסטליכע לעגענדעס. זיי נעמען פֿון דער געשיכטע די פֿיגור פֿון קאַרל דעם גרויסן, נאָר זיי שטעלן אים אַוועק בראש פֿון אַ קרייץ־צוג, וואָס גייט קיין ירושלים. איטליך פֿאָלק האָט זיך זײַן באַליבטן העלד און זײַן באַליבטן קרײַז פֿון לעגענדעס: אין דײַטשלאַנד איז באַרימט געווען די ניבעלונגען־לעגענדע, וואוהין ס'איז אַרײַנגעפֿלאָכטן דער טראַגישער גורל פֿונם העלד זיגפֿריד; אין פֿראַנקרײַך האָט גע'שֶמ'ט דאָס ליד פֿון ראָלאַנדן און די מיטקעמפֿער פֿון קאַרל דעם גרויסן (זעה § 40); אויך האָט זיך דאָ פֿאַרשפּרייט די קעלטישע לעגענדע, וואָס איז געקומען פֿון ענגלאַנד, וועגן דעם קיניג אַרטוס (אַרטור) און די ריטער פֿון קײַלעכדיגן טיש. אומעטום איז מפֿורסם געוואָרן די דערציילונג וועגן דעם הייליגן גראַל, וועגן דעם טײַערן, שטראַלענדיגן בעכער, וואָס האָט געטראָגן אין זיך קריסטוסעס בלוט און וואָס נאָר אַ ריטער מיט נאָר די גרעסטע מעלות קאָן זוכה זײַן דאָס צו זעהן.

פֿריער ווי אומעטום האָט זיך דאָס ריטערטום אַנטוויקלט אין פֿראַנקרײַך, און פֿון דאַנען זײַנען אַרויס די גרעסטע צאָל קרייצטרעגער; נאָר דעם גרעסטן גלאַנץ האָט דער ריטערליכער שטייגער לעבן און די ריטערשע

[1] אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור געפֿינען מיר אויך אַ היפּש ביסל אַזעלכע ראָמאַנען, וואָס באַזינגען די גבֿורות פֿון ריטער. דאָס רוב זייגען זיי געשריבן און גראַמען. דאָס פֿאַרשפּרייטסטע ווערק פֿון דעם מין, וואָס איז אַרויס אין אַ סך אויסגאַבן און אין פֿאַרשיידענע נוסחאות, איז געווען: „אַ שיין מעשה פֿון קיניג אַרטוס הויף, ווי ער זיך אין זיין קיניגרייך האָט טון פֿירן, און וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר מאַנירן, און פֿון דעם באַרימטן ריטער ווידווילט דעם שטרייטבאַרן העלד, גאָר שיין אין ריים (= גראַם) געשטעלט. ווען איר וועט דרין לייען, וועט זיך אייער האַרץ פֿרייען“. די ערשטע אָנהייבן פֿון דער יידישער אַרטוס־מעשה גרייכן אַרויף ביזן 13־טן יאָרהונדערט. (מ. וו.)

פּאָעזיע באַקומען ביים הויף פֿון די דייטשע קיסרים פֿון דער שטויפֿישער (אָדער האָהענשטויפֿישער) דינאַסטיע.

§ 69. **די אימפּעריע פֿון די האָהענשטויפֿער.** די האָהענשטויפֿער האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ אַ סך בורגן אין שוואַבן; דורך זייער קרובה׳שאַפֿט מיט די פֿרענקישע קיניגן האָבן זיי אַריינבאַקומען אין זייערע הענט נאָך געגנדן אין דרום־מערב־דייטשלאַנד און פּאָזע דעם ריין, אויפֿן וויכטיגן האַנדלס־וועג. פֿון זייער משפּחה האָט מען אין דייטשלאַנד גע־קליבן קיסרים אין משך פֿון העכער הונדערט יאָר (פֿון 1139 ביז 1254) נאָר מיט איין הפֿסקה.

קיסר פֿרידריך I. האָהענשטויפֿן (1152—1190), וועמען מען האָט אין איטאַליע אַ נאָמען געגעבן באַרבאַראָסע (רויט־באָרד) האָט געהאַט זעער אַ הויכע פֿאָרשטעלונג וועגן זיין מלכות. אימפּעריע — דאָס איז ביי אים געווען דער טייטש: ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט; אַלע אַנדערע קיניגן און שררות זיינען ניט מער ווי דעם קיסר׳ס וואַסאַלן. זייערע לענדער און קיניגרייכן זיינען זיינע פֿעאָדומס. פֿרידריך האָט צוגענומען אין די געריכטן די געלערנטע יוריסטן, וואָס האָבן שטודירט אין באָלאָניע דאָס רוימישע רעכט, און זיי פֿלעגן אַריינשטעלן אין די תקנות און פּסק־דינ׳ס פֿאַרשיידענע אויסדריקן וועגן דער גרויס פֿון דעם קיסר׳ס מאַכט, וואָס זיי האָבן געפֿונען אין די געזעצן פֿון די אומבאַגרעניצטע רוימישע אַליינהערשער קאָנסטאַנטינוס, טעאָדאָסיוס און יוסטיניאַנוס.

לויט ווי דער שטייגער איז געווען, איז פֿרידריך אַוועק קיין איטאַליע, כדי אָנצוטון זיך די קייזערליכע קרוין אויפֿן קאָפּ. נאָר אין רוים איז פּונקט יעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ שווערע אינעווייניגסטע מלחמה. דער המון, די סוחרים און די בעלי־מלאכות האָבן זיך פֿאַראייניגט מיט די געמיינערע ריטער, פֿאַרכאַפּט דעם קאַפּיטאָליום און אַראָפּגעוואָרפֿן די ממשלה פֿון די קאָנסולן, וואָס פֿלעגן געקליבן ווערן פֿון צווישן די יחוס׳דיגע פֿאַמיליעס; גלייכצייטיג האָט מען פֿאַרטריבן דעם פּויפּסט, און רוים איז אויסגערופֿן געוואָרן פֿאַר אַ רעפּובליק. דאָ אינם גרויסן טומעל האָט באַקומען אַ גרויסע השפּעה אַרנאָלד פֿון ברעשיע, אַ געלערנטער גייסטליכער, וואָס האָט געהאַט שטודירט אין פּאַריז. אַרנאָלד האָט אַליין געפֿירט אַ צניעות־דיגן לעבן און האָט געלערנט, אַז די גייסטליכע טאָרן ניט פֿאַרמאָגן קיין אייגענע ערד, ווייל דאָס איז סותר דעם קריסטנטום; די גייסטליכע דאַרפֿן לעבן נאָר פֿון דעם „מעשׂר“, וואָס דאָס פֿאָלק ברענגט זיי. די פּויפּסטן און ביסקופּן טאָרן ניט האָבן קיין וועלטליכע מאַכט, וואָרום זי באַלאַנגט נאָר צו די הערשער און די רעפּובליקן.

אָט אין דער צײַט פֿון דער מלחמה האָט זיך באַרבאַראָסע באַוויזן פֿאַר די טויערן פֿון רוים. ביידע צדדים, אי אַרנאָלד, אי דער פּויפּסט, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט פֿאַרשאָלטן די שטאָט רוים, האָבן אים פֿאַר־געלייגט די קייזערליכע קרוין. דער קיניג האָט ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין פֿאָלקסרעכט און האָט אָנגענומען די קרוין פֿונם פּויפּסט, צוזאָגנדיג אים, אַז ער וועט אים אַרויסגעבן אַרנאָלדן. אין דער צײַט פֿון דער עצם קרוינונגס־צערעמאָניע האָבן זיך די רוימער גענומען צו די וואָפֿן, און אויף די גאַסן האָט אויסגעבראָכן אַ האַרטער שטרײַט. אַרנאָלדן האָט מען געכאַפּט, און דער קיסר האָט אים אַוועקגעגעבן דעם פּויפּסט, וואָס האָט געלאָזט טייטן זײַן שונא. נאָך מיטן פּויפּסט האָט פֿרידריך זיך אויך ניט געקאָנט אײַנלעבן. אויפֿן ר י י כ ס ט אַ ג (פֿאַרזאַמלונג פֿון די אימפּערישע שׂרות) אין בעזאַנסאָן האָט דער פּויפּסטליכער לעגאַט אַ זאָג געטון צו פֿרידריכן: „פֿון וועמען האָט דער קיסר באַקומען זײַן מלכות, אויב ניט פֿונם פּויפּסט?“ ביי די ווערטער האָט איינער פֿון די דײַטשע סעניאָרן זיך אַ וואָרף געטון מיטן בלויזן שווערד אויפֿן לעגאַט, און ווען פֿרידריך זאָל זיך ניט געווען אַרײַנמישן, וואָלט פֿאַרגאָסן געוואָרן בלוט.

§ 70. די לאָמבאַרדישע שטעט אין קאַמף מיט באַרבאַראָסען.

באַרבאַראָסע האָט באַשלאָסן אונטערצונעמען אַ נײַעם צוג קיין איטאַליע, כדי אײַנצופֿונדעווען דאָרט זײַן ממשלה. דערהויפּט האָט זיך אים געוואָלט דערנידערן די רײַכע אינדוסטריעלע שטעט פֿון לאָמבאַרדיע. ווען מילאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצונעמען די באַאַמטע, וואָס דער קיסר האָט צו־געשיקט, האָט פֿרידריך באַלעגערט די שטאָט. העכער צוויי יאָר צײַט האָבן די אײַנוואוינער פֿון מילאַן זיך פֿאַרטיידיגט קעגן דעם קיסר'ס חיילות. ענדליך האָבן זיי ניט געקאָנט מער איבערטראָגן דעם הונגער: זיי זײַנען געקומען צו גיין, מיטן אַרציביסקופּ בראש, צום קיסר אין לאַגער, באָרוועסע, באַשאָטן דעם קאָפּ מיט אַש, מיט שטריק אויפֿן האַלז. דער קיסר האָט זיי געהייסן אַלעמען אַרויסגיין פֿון שטאָט. די שטאָט האָט מען אונטער־געצונדן פֿון אַלע פֿיר עקן; אַלע טורעמס, מויערן און אַפֿילו די קלויסטערס האָט מען געמאַכט מיט דער ערד גלײַך. דער אָרט פֿון מילאַן האָט גע־זאָלט אויף אייביג בלײַבן חרוב, און פֿאַר אַ סימן האָט מען אויפֿגעאַקערט די ערד. די געוועזענע מילאַנער בירגער האָט מען געמאַכט פֿאַר פּויערים, באַזעצט זיי און פֿיר דערפֿער און געצוואונגען זיי צו טון עבודת־פֶּרֶך.

דער נצחון פֿון קיסר האָט אָנגעהויבן ווערן געפֿערליך פֿאַרן פּויפּסט, מחמת פֿרידריך האָט געוואָלט געוועלטיגן איבער די איטאַליענישע ביסקופּן

און איבער דער געגנט פֿון רוים אויך. אין דער צײַט האָט מען אויסגעקליבן פֿאַר אַ פּויפּסט, אונטערן נאָמען אַלעקסאַנדער III., דווקא יענעם קאַרדינאַל, וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופֿן אַזאַ טומל אין בעזאַנסאָן. דער נײַער פּויפּסט איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַ פֿאַרטיידיגער פֿון דער איטאַליענישער זעלבשטענדיקײַט. ער האָט אַרײַנגעלייגט דעם קיסר אין חרם, אויפֿגעהויבן אַנטקעגן אים דאָס סיצילישע קיניגרײַך פֿון די נאָרמאַנען און ווענעציע און געהאָלפֿן גרינדן דעם לאָמבאַרדישן בונד פֿון 15 שטעט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך באַוויזן די מילאַנער אויך. דאָסמאָל איז פֿרידריך ניט געווען בכוח צו ברענגען אַ גרויסן חיל פֿון דײַטשלאַנד: דער שטאַרקסטער וואַסאַל זײַנער, הענריך דער לייב, דער בײַערישער הערצאָג פֿון דער דינאַסטיע וועלפֿן, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו העלפֿן אים און איז אַוועק פֿון אים, בשעת מען האָט געהאַלטן בײַ אַריבערגיין איבער די אַלפּן. די שטאָטישע חיילות פֿון לאָמבאַרדיע זײַנען אָנגעפֿאַלן אויפֿן קיסר בײַ לעגיאַנאָ, ניט ווײַט פֿון מילאַן; דער קיסר האָט קוים געראַטעוועט זײַן לעבן, זײַנע קריגער זײַנען זיך אַ טייל צעלאָפֿן, אַ טייל געפֿאַלן. פֿרידריך האָט געמוזט נאָכגעבן דעם פּויפּסט און די שטעט. אין ווענעציע איז פֿאָרגעקומען אַ צונויפֿפֿאָר, וואו די שטעט האָבן געפֿאָדערט, אַז מען זאָל באַוואָרענען „זייער פֿרײַהײַט און דעם כבוד פֿון איטאַליע". דער שטאָלצער קיסר האָט זיך אין ווענעציע, פֿאַרן מאַרקוס־קלויסטער, געוואָרפֿן דעם פּויפּסט צו די פֿיס; בײַם אַוועקפֿאָרן פֿון קלויסטער האָט ער צוגעהאַלטן דעם שטײַגרימען פֿון פּויפּסט, און אַליין איז ער געגאַנגען צו־פֿוס. בעת די זיצונגען איז דער פּויפּסט געזעסן אויפֿן טראָן, און לעבן אים פֿון איין זײַט פֿרידריך, פֿון דער אַנדערער זײַט דער קיניג פֿון סיציליע. די לאָמבאַרדישע שטעט האָבן ווידער באַקומען אומאָפּהענגיקײַט, געקליבענע קאָנסולן, אַן אייגענעם געריכט און דאָס רעכט צוזאַמענצושליסן זיך אין בונדן.

צפֿון־איטאַליע האָט זיך כמעט אינגאַנצן אַרויסגעגליטשט פֿון באַרבאַראָסע'ס הענט. נאָר דער קיסר, אַ געניטער פּאָליטיקער, האָט פֿאַרגרעסערט זײַן מלוכה אויף אַן אַנדער אופֿן. ער האָט חתונה געמאַכט זײַן זון מיט דער יורש'טע פֿון סיצילישן קיניגרײַך, וואָס איז ביז יעמאָלט אַלעמאָל געווען דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר פֿון די פּויפּסטן. אויף אַזאַ שטייגער האָט ער אַרײַנבאַקומען אין דעם באַזיץ פֿון זײַן משפּחה אַ רײַכע מדינה, וואָס האָט געהאַט לעבעדיגע האַנדלס־באַציאונגען מיטן מזרח. דאָס האָט אים אַרײַנגעצויגן אין דריטן קרייץ־צוג, וואו ער האָט פֿאַרלוירן זײַן לעבן (זעה § 66).

§ 71. דאָס פּויפּסטנטום אויף דער העכסטער מדרגה פֿון מאַכט.

ווען די שטויפֿער האָבן איבערגענומען סיציליע, איז זייער כוח געוואָרן נאָך גרעסער; די מדינה פֿון דער רוימישער קירך איז איצט געווען אין דער קלעם צווישן דעם קיסר׳ס באַזיצונגען. דעריבער האָט דער פּויפּסט אינאָצענס III. (1198—1216) גענומען שטיצן אין דייטשלאַנד די שונאים פֿון די שטויפֿער, די וועלפֿן. אין באַרבאַראָסעס צייטן איז דער קאָפּ פֿון די וועלפֿן געווען הענריך דער לייב. פֿאַר דער בגידה ערבֿ דער שלאַכט ביי לעניאַנאָ האָט פֿרידריך צוגענומען ביי אים בייערן. נאָר ביי אים איז געבליבן אַן אַנדער הערצאָגטום, זאַקסן. ווען באַרבאַראָסע איז געשטאָרבן, האָט דער פּויפּסט גע׳פּסק׳ענט, אַז די קייזערליכע קרוין קומט ניט באַרבאַראָסעס זון, נאָר הענריכס זון, אָטאָן IV. און דער פּויפּסט האָט אויסגעפֿירט. ביי די שטויפֿער זיינען געבליבן זייערע דייטשע פֿירשטנטימער און דאָס קיניגרייך סיציליע, נאָר דער קיסר איז איצט געווען פֿון אַן אַנדער הויז.

די סעניאָרן, די גייסטליכע און די שטעט אין איטאַליע און דייטשלאַנד האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים. די אָנהענגער פֿון פּויפּסט האָבן זיך גערופֿן גוועלפֿן (אַזוי רעדט מען אַרויס אויף איטאַליעניש דעם נאָמען וועלפֿן); דער צד־שכנגד האָט געהייסן גיבעלינען. אין איטאַליע איז דער גרעסטער טייל שטעט געווען אין דער פּאַרטיי פֿון די גוועלפֿן. נאָר אין די שטעט גופֿא איז אויך געווען אַ צעשפּאַלטונג: די שטאָטישע ריטערשאַפֿט און די אַלטע סוחר׳ישע פֿאַמיליעס האָבן באַלאַנגט צו די גיבעלינען; די נייע סוחרים׳שאַפֿט און די בעלי־מלאכות זיינען געווען געשטימט גוועלפֿיש.

אין דער צייט פֿון אינאָצענסן III. האָט דאָס פּויפּסטנטום דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פֿון זיין מאַכט. שוין פֿון גרעגאָריוסעס VII. צייטן איז די גייסטליכקייט אין אַלע לענדער געווען אָפּהענגיג פֿון דעם פּויפּסטס באַשלוסן און פֿלעגט זיך ווענדן אין רוים מיט אַלע אירע ספֿסוכים און תביעות. צוליב די דאָזיגע כסדר׳דיגע ווענדונגען צום פּויפּסטס איבערשטן משפּט איז ביים פּויפּסטליכן הויף (קוריע) איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע געריכטס־פּאַלאַטע מיט אַ גוואַלדיגער צאָל אָנגעשטעלטע. פֿאַר די אַפּעלאַציעס, תביעות, פֿאַר די בקשות, אַז מען זאָל געבן שטעלעס, האָט מען געצאָלט גוטע געלט; דאָס האָט געקלעקט צו באַצאָלן די אַלע באַאַמטע און נאָך דערצו פֿול געמאַכט די פּויפּסטליכע קאַסע. אין אינאָצענס III. צייטן האָט זיך נאָך אויפֿגעעפֿנט פֿאַרן פּויפּסטליכן הויף אַ פֿרישער קוואַל פֿון הכנסה: דאָס איז דער קרייצטרעגער־אָפּצאָל.

די פּויפּסטן האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די אָנפֿירער פֿון די קרייץ־צוגן; און אין זייערע אויפֿרופֿן פֿלעגן זיי שרייבן, אַז דעקן די הוצאות פֿון דער הייליגער מִלחָמָה זיינען מחויב די אַלע, וואָס בלייבן אין דערהיים. אינאָצענס III. האָט דער ערשטער גענומען אויפֿמאָנען אַ קרייצטרעגער־אָפּצאָל אויף אַ גלויבנס־מלחמה, וואָס האָט זיך געפֿירט אין אייראָפּע גופֿא: דאָס איז געווען די מלחמה קעגן די ה ע ר ע ט י ק ע ר (אַפּיקורסים) די אַ ל ב י ג ע נ ז ע ר אין דרום־פֿראַנקרייך. דער פּויפּסט האָט זיך דערבײַ סומך געווען אויף דעם, אַז אַלע קלויסטערס און אַלע צדקה־אײַנריכטונגען געפֿינען זיך אונטער זײַן שליטה, ווײַל ער איז דער הערשער, און ער מעג איבער דעם שאַפֿן לויט זײַן אײַנזעהן. איצט זײַנען שוין אויף די קאָנציליען אַלע בּיסקופֿן ניט געווען גלײַך. דער פּויפּסט פֿלעגט זיי אויפֿקלײַבן בײַ זיך אין פּאַלאַץ, אין לאַטעראַן. אויפֿן לאַטעראַנער קאָנציל אין 1215־טן יאָר זײַנען בײַגעווען 453 בּיסקופֿן, אָבער זיי האָבן נאָר אויסגעהערט און געזאָגט „מסכּים“ צום פּויפּסטס פֿאָרשלאָגן, פּונקט ווי הויפֿלײַט, וואָס דאַרפֿן נאָר צוגעבן אַ גרעסערן גלאַנץ דער מאַכט פֿון אַן אומבאַגרעניצטן הערשער. דער פּויפּסט האָט איצט דערהויבן זײַן טיטול אויך. ביז יעמאָלט האָבן זיך די רוימישע בּיסקופֿן גערעכנט פֿאַר נאָכפֿאָלגער און פּלאַצהאַלטער פֿון הייליגן פּעטרוס. איצט האָט אינאָצענס III. דערקלערט, אַז דער פּויפּסט איז אַ פּלאַצהאַלטער „ניט פֿון עפּעס אַן אַפּאָסטאָל אָדער אַ מענטשן, נאָר פֿ ו ן ק ר י ס ט ו ס ן אַ ל ײ ן“. עטליכע לענדער זײַנען געווען אוממיטלבאַר אָפּהענגיג פֿונם פּויפּסט, דהיינו די לאַטײנישע אימפּעריע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די קרייצפֿאָרער אויפֿן אָרט פֿון ביזאַנץ. דער ענגלישער קיניג יאָהאַן אָן־אַ־לאַנד האָט דערלאָזן, אַז אינאָצענס זאָל זיך אַרײַנמישן אין די ענינים פֿון זײַן מלוכה, און אָנערקענט זיך פֿאַר דעם פּויפּסטס אַ וואַסאַל.

דער גוועלפֿישער קיסר, הגם ער האָט עולה לגדולה געווען מיט דעם פּויפּסטס הילף, האָט זיך געפֿירט אויפֿן שטייגער פֿון די האָהענשטויפֿער; ער האָט געהאַט אַ פּרעטענזיע צו געוועלטיגן איבער רוים און איבער די איטאַליענישע שטעט. דאָ האָט אינאָצענס III., לויט זײַנע אייגענע ווערטער, „חרטה געהאַט, וואָס ער האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן“. אונטער דעם פּויפּסטס אַפּוטרופּסות האָט זיך געפֿונען באַרבאַראָסעס אייניקל, דער סיציליִשער קיניג פֿרידריך שטויפֿען. אינאָצענס האָט אים איצט געהאָלפֿן קעגן דעם גוועלף אָטאָן IV. דער פּויפּסט האָט געהאַלטן פֿרידריכן פֿאַר אַ געטרײַען זון פֿון דער קירך. שוין פֿאַרן טויט פֿון אינאָצענסן האָט דער יונגער שטויפֿער אויסגעקעמפֿט פֿאַר זיך די קייזערליכע קרוין.

§ 72. דער לעצטער קאַמף צווישן פּויפּסטנטום און קייזערטום.

די באַזיצונגען פֿון קיסר פֿרידריך II. (1216—1250) זײַנען באַשטאַנען פֿון צוויי גאָר ניט קיין גלײַכע חלקים. אין סיציליע, וואו די נאָרמאַנען האָבן אײַנגעפֿירט דעם שניט פֿון ביזאַנץ, איז געווען אַ שטרענגע אָרדענונג; דאָס פֿעאָדאַלע דײַטשלאַנד איז געווען צעשפּליטערט צווישן די פֿירשטן. אין סיציליע איז פֿרידריך געווען דער פֿולער געוועלטיגער איבער דער גאַנצער מלוכה; אין דײַטשלאַנד איז ער געווען ניט מער ווי אַ געקליבענער הערשער, און די אמת'ע דעה האָט ער געהאַט נאָר איבער יענע לאַנדשאַפֿטן, וואָס האָבן געהערט צום שטויפֿישן ירושה־באַזיץ.

אין סיצילישן קיניגרײַך האָט געגאָלטן דעם קיניגס אומבאַגרעניצטע מאַכט; ווער עס האָט זיך דערוועגט אויפֿצושטיין קעגן אים, איז גלײַך ווי ער וואָלט אויפֿגעשטאַנען קעגן גאָט אַליין. מען האָט ניט געטאָרט זאָגן מבינות אויף דעם קיניגס מעשים; ווי ער טוט, אַזוי איז רעכט, און עס איז אַ חילול־השם צו ריידן וועגן דעם, צי באַשטימט דער קעניג זײַנע באַאַמטע ווי ס'געהער צו זײַן. די באַראָנען האָבן ניט געטאָרט פֿירן קײַן פּריוואַטע מלחמות און בויען באַפֿעסטיגטע שלעסער. די סעניאָרן און גײַסטליכע האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן דעם קיניגס מִשפּט און צאָלן שטײַערן מיט אַלעמען צוגלײַך. די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג, דער געריכט און דאָס אויפֿמאָנען די שטײַערן איז געלעגן אין די הענט פֿון דעם קיניגס באַאַמטע. דאָס קיניגרײַך סיציליע איז געווען דאָס רײַכסטע אין גאַנץ אייראָפּע. מיט די גרויסע מיטלען פֿון זײַן קאַסע האָט פֿרידריך II. אײַנגעאָרדנט, אָנשטאָט דעם פֿעאָדאַלן חיל, אַן אַרמיי אויף שכירות און אַ קריגס־פֿלאָט. זײַנע זעלנער זײַנען באַשטאַנען דאָס רובֿ פֿון סאַראַצענער, וואָס פֿרידריך האָט אַריבערגעבראַכט מאַסנווײַז פֿון סיציליע קיין איטאַליע און באַזעצט אין צוויי לאַגערס.

אַנדערש האָט זיך פֿרידריך געפֿירט אין דײַטשלאַנד, וואו ער איז געווען אַ פֿרעמדער, אַזוי ווי אַן אויסלענדישער הערשער. דאָ האָט זיך דער קיסר גערעכנט נאָר פֿאַר „אַ קאָפּ צווישן די אַנדערע אֵבֿרים פֿון קערפּער‟; די פֿירשטן — אַזוי איז געווען דער נוסח פֿון די כּתבֿים — באַשאַפֿן און היטן אָפּ זײַן שם, און דעריבער „זײַנען זיי באַרופֿן צו הערשן צוזאַמען מיט אים‟. פֿרידריך II. האָט צוגעזאָגט די פֿירשטן ניט צו דערלאָזן אין זײַנע שטעט קיין מענטשן, וואָס זײַנען פֿון זיי אָפּהענגיג, ניט בויען אויף די באַזיצונגען פֿון די פֿירשטן קיין בורגן, ניט שלאָגן קיין געלט און ניט אַרײַנמישן זיך אין געריכט אין זייערע לענדער. כּדי צו טון אַ טובֿה די פֿירשטן און בּיסקופּן, האָט דער קיסר אינגאַנצן אָפּגעטון

זײַן האַנט פֿון די שטעט: ער האָט פֿאַרווערט די שטעט צו שליסן צווישן זיך בונדן, פֿאַרווערט גילדיעס און חברותא׳ס אין די שטעט גופֿא, פֿאַרווערט צו קלײַבן עלטסטע און שטאָטראָטן אָן דער הסכּמה פֿון די סעניאָרן.

פֿרידריך האָט געמוזט גיין אין דײַטשלאַנד אויף די הנחות, ווײַל ער האָט געוואָלט קאָנצענטרירן גאָר זײַנע כּוחות אין איטאַליע. דאָ האָט דער בונד פֿון די לאָמבאַרדישע שטעט פֿון־דאָס־נײַ אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. פֿרידריך האָט צעקלאַפּט די לאָמבאַרדער און צעטיילט צפֿון־איטאַליע אויף צוויי פּראָווינצן. בראש פֿון איטליכער פּראָווינץ האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ קיניגליכן פּלאַצהאַלטער; דעם געריכט און די פֿאַרוואַלטונג האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פֿון באַאַמטע, אַזוי ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין סיצילישן קיניגרײַך. דער פּויפּסט האָט ניט געקאָנט לײַדן אַזאַ מין דערנידערונג פֿון איטאַליע: וואָרום דאָס וואָלט געבראַכט דערצו, אַז די מאַכט פֿון רוימישן שטול זאָל פֿאַלן. דער פּויפּסט גרעגאָריוס XI., אַ זקן פֿון קרובֿ הונדערט יאָר, האָט אַרײַנגעלייגט פֿרידריכן אין חרם און פֿאַראייניגט זיך אַנטקעגן אים מיט ווענעציע און גענוע. אָבער נאָכן טויט פֿון דעם פּויפּסט האָט מען אין משך פֿון צוויי יאָר צײַט ניט געקאָנט אויסקלײַבן קיין אַנדערן; פֿרידריך האָט פֿאַרכאַפּט אויפֿן ים דעם גענועזישן פֿלאָט, וואָס האָט געפֿירט אויף אַ קאָנציל די פּרעלאַטן, וואָס זײַנען געווען צו אים פֿײַנדליך. ענדליך איז פֿאָרט אויסגעקליבן געוואָרן אַ נײַער פּויפּסט, אינאָצענס IV., און דאָס איז געווען דער סוף פֿון פֿרידריכס ממשלה.

דער נײַער פּויפּסט האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן צום קיסר אין געפֿענגעניש, און איז דעריבער באַלד אַוועק פֿון איטאַליע. אין ליאָן האָט ער אויפֿגעקליבן אַ קאָנציל, דערהויפּט פֿון פֿראַנצויזישע און ענגלישע פּרעלאַטן. דאָ האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגע׳חרמ׳ט דעם חרם אויף פֿרידריכן, פֿאָרגעלייגט די דײַטשע פֿירשטן אויסצוקלײַבן אַן אַנדער קיסר און מודיע געווען, אַז פֿאַר דער סיצילישער קרוין וועט ער אַליין געפֿינען דעם פּאַסיגן קאַנדידאַט. אינאָצענס IV. איז געווען אַ קונציגער פּאָליטיקער, און ער האָט פֿאַרשטאַנען אויפֿצוהייבן אומעטום שונאים קעגן פֿרידריכן. די צפֿון־איטאַליענישע שטעט זײַנען ווידער אויפֿגעשטאַנען, פֿאַרטריבן דעם קיסר׳ס גאַרניזאָנען און פֿאַרברענט זײַן גרויסן באַפֿעסטיגטן לאַגער. פֿרידריכס בעסטע פֿרײַנד האָבן אין אים בוגד געווען. פּלוצלינג איז דער קיסר געשטאָרבן.

מיט פֿרידריכס טויט אין 1250־טן יאָר איז אײַנגעפֿאַלן די גאַנצע מדינה פֿון די שטויפֿער. דאָס פּויפּסטנטום האָט גובֿר געווען. אין דײַטש־

לאַנד האָט זיך מיטן טויט פֿון פֿרידריכ׳ס עלטסטן זון איבערגעהאַקט די דינאַסטיע. אין איטאַליע האָבן די פויפסטן ווײַטער געפֿירט דעם פֿאַר־טיליגונגס־קאַמף קעגן די לעצטע האָהענשטויפֿער און אַוועקגעגעבן דאָס קיניגרײַך סיציליע דעם פֿראַנצויזישן פּרינץ קאַרל פֿון אַנזשו, האָפֿנדיג צו געפֿינען אין אים אַ געהאָרכזאַמען העלפֿער.

§ 73. די הכנסות און די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער רוימישער קירך. דאָס דרײַצעהנטע יאָרהונדערט, די צײַט פֿון די צוויי אינאָצענסן, איז די תקופה, ווען די מאַכט פֿונם פויפסטנטום האָט דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה. דער האַנדל, די אינדוסטריע, דאָס פֿאַרנעמען סיריע און ביזאַנץ האָט שטאַרק פֿאַרגרעסערט די רײַכקייט פֿון די מערב׳דיגע לענדער, און די פויפסטן האָבן מיט דער הילף פֿונם קרייצטרעגער־אָפּצאָל פֿאַרגרעסערט זייער הכנסה פֿון די דאָזיגע רײַכקײַטן. אויפֿן קירך־קאָנציל אין ליאָן אין 1274־טן יאָר, ווען די קרייץ־צוגן אויף מזרח האָבן שוין אינגאַנצן געהאַט אויפֿגעהערט, האָט דער פויפסט באַשטימט אַן אַ ל ג ע־מ יי נ ע ם מַ ע שֵׂ ר אויפֿן גאַנצן מערב, פֿון איסלאַנד און גרענלאַנד ביזן דונײַ, און פֿון פּאָרטוגאַל ביז שוועדן און פּוילן. די פויפסטן האָבן גע־שאַפֿט איבער די סומעס ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט, געדונגען זעלנער קעגן דעם קיסר, אונטערגעקויפֿט די אונטערטאַנען קעגן די הערשער, וואָס האָבן אין זייערע אויגן קיין חן ניט געהאַט. זעער גרויס זײַנען אויך געווען די אָפּצאָלן, וואָס די בישופֿן און אַבאַטן פֿלעגן אַרײַנטראָגן, ווען זיי פֿלעגן קומען צו פֿאָרן אין רוים (וויזיטאַציעס) אָדער ווען זיי פֿלעגן באַקומען זייער שטעלע (אַנאַטן); אינם לעצטן פֿאַל פֿלעגן זיי אַוועקגעבן דעם פויפסט אַ העלפֿט פֿון דער יאָריגער הכנסה, וואָס זייער גײַסטליכער באַזיץ האָט געטראָגן. בכדי צו באַשטימען די הכנסה און ניט צו דער־לאָזן קיין שווינדלערײַען, האָט דער פויפסט פֿונאַנדערגעשיקט אומעטום זײַנע באַאַמטע, קאָ ל ע ק ט אָ ר ן (קלײַבער) און ר ע ו ו י ז אָ ר ן.

פֿאַרמיטלער אין די געלט־געשעפֿטן פֿון די פויפסטן אין אויסלאַנד זײַנען געווען די איטאַליענישע סוחרים. זינט די קרייץ־צוגן האָבן אַ סך איטאַליענישע האַנדלס־הײַזער געעפֿנט אָפּטיילונגען אויף יענער זײַט אַלפּן, אין דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד, און געהאַלטן דאָרט גרויסע מאַסן מזומנ׳ע געלט. בשעת מען פֿלעגט קלײַבן די שטײַערן פֿאַרן פויפסט, פֿלעגן זיי אויסהעלפֿן: אַנטלײַען די פּרעלאַטן געלט, אויב זיי האָבן קיין מזומנים ניט געהאַט צו באַצאָלן דער קוריע, און פֿאַרגרינגערן דאָס איבער־שיקן געלט קיין רוים. בכדי ניט צו וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די

געלטער וועלן אָנקומען, פֿלעגט די קוריע אַפֿילו אָפּנעמען ביי די סוחרים פֿאַרויס די סומעס, אויף וועלכע מען האָט זיך גערעכנט. דער חוב, וואָס די גייסטליכע אין פֿאַרשיידענע לענדער האָבן געקומט דעם פּויפּסט, פֿלעגט אויף אַזאַ אופֿן אַריבערגעפֿירט ווערן אויפֿן נאָמען פֿון די סוחרים, און זיי האָבן שוין געוואוסט דערנאָך, ווי איינצומאָנען די פּויפּסטליכע שטייערן מיט גרויס פּראָפֿיט פֿאַר זיך.

10. דאָס גייסטיגע לעבן.

§ 74. **די פֿאָלקספּריידיגער און די הערעטיקער.** אין דער צייט פֿון דעם פּויפּסטס גדולה זיינען געווען אַ סך מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שטייגער לעבן פֿון די רייכע הויכע גייסטליכע און געטאַדלט זייער אויסגעלאַסנקייט און זייער לוקסוס. די דאָזיגע מענטשן האָבן איינגעפֿונען, אַז אמת׳ע גייסטליכע, וואָס ווילן זיין די פֿירער פֿון פֿאָלק, מוזן לעבן אין אָרעמקייט און עניוות, זיי דאַרפֿן נאָכטון קריסטוסן און די אָרימע אַפּאָסטאָלן. בשעת אַרנאָלד פֿון ברעשיע איז געווען פּראָפֿעסאָר אין פּאַריז, פֿלעגט ער אויפֿקלייבן די אָרימע סטודענטן אַרום זיך; ער האָט געוואָלט שאַפֿן פֿון זיי אַ בונד פֿון פּריידיגער, וואָס זאָלן ריידן קלאָרע פּשוט׳ע ווערטער צום געמיינעם פֿאָלק און ברענגען אים אַ טרייסט.

אין 12־טן יאָרהונדערט האָט מען אין די אינדוסטריעלע שטעט פֿון דרום־פֿראַנקרייך און צפֿון־איטאַליע געקאָנט באַגעגענען לרוב וואַנדערנדיגע לערער, וואָס דאָס פֿאָלק האָט גערופֿן "bons hommes„ ד״ה גוטע לייט[1], אָדער וואַלדענזער: זיי האָבן געלעבט אָן אַ היים, געגאַנגען באָרוועס, אין גראָבע שוואַרצע אָדער גרויע וואָלענע קליידער, ס׳רובֿ זאַלבעצווייט; זיי האָבן קיין זאַך ניט פֿאַרמאָגט, אַלץ געטיילט צווישן זיך מעשה־ברידער. זיי האָבן געפּריידיגט, אַז מען דאַרף לעבן ווי אין עוואַנגעליום שטייט געשריבן, און געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער מקור פֿון אמת, ווי די הייליגע שריפֿט, די ביבל. בכדי צו באַקענען דעם געמיינעם עולם מיט דער ביבל, האָבן זיי גענומען איבערזעצן זי אויף די פֿאָלקשפּראַכן, אויף איטאַליעניש, פּראָנצויז און דייטש. ביכערטרעגער פֿלעגן פֿאַרשפּרייטן בסוד אָט די פֿאָלקס־ביבלען, נאָר אַחוץ דעם האָט נאָך דאָס פֿאָלק צוגעהערט מיט גרויס חשק די „תורה שבעל־פּה״ פֿון די פּריידיגער, ווייל

[1] פֿאַרגלייך דערמיט אונזער אויסדרוק „גוטער ייד״. (מ. וו.).

זיי האָבן געקאָנט קונציג דערציילן משלים און ברענגען ראיות פֿון דער ביבל. די קירך האָט זיי באַלד גענומען חושד זײַן אין אַפּיקורסות (די אפּיקורסים האָט מען גערופֿן הערעטיקער, פֿון גריכישן וואָרט „הערעזיס“, ד״ה סעקטע); זיי, פֿאַרקערט, האָבן געהאַלטן, אַז די קירך איז פֿאַרדאָרבן און פֿאַרזינדיגט אַרום און אַרום. די סעקטאַנטן האָבן ניט געהאַלטן פֿון דעם לײַטער־בראַנד אין „פּורגאַטאָריום“ (§ 35) און פֿון תּפֿילות פֿאַרן געשטאָרבענעם, וואָס קאָנען כלומרשט, לויט דער לערע פֿון דער קירך, באַפֿרייען די נשמה פֿון גיהנום. זיי האָבן געזאָגט, אַז די נשמה גייט גלײַך אין גן־עדן אָדער אין גיהנום אַרײַן און די גײַסטליכע קאָנען דאָ מיט קיין זאַך ניט העלפֿן; און טאָמער שמועסט מען איין דעם פֿאָלק עפּעס אַנדערש, איז דאָס נאָר אויף אָפּצונאַרן און אַרויסצונאַרן געלט.

§ 75. די קאַטאַרער. נאָך שאַרפֿער זײַנען די פֿאָלקס־פּריידיגער אַרויס מיט דער שפּראַך, ווען צו זיי זײַנען אַרײַנגעדרונגען פֿון מזרח די לערעס פֿון די פּאַוליקיאַנער און באָגאָמילן. דער תּמצית פֿון זייער לערע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די וועלט צעטיילט זיך אויף צוויי האַלבע: איין העלפֿט איז אַ רוחניות׳דיגע, אַ ריינע, אַ געטליכע, די אַנדערע איז אַ זינדיגע, אַ גשמיות׳דיגע, אַ טײַוולשע. די הערעטיקער האָבן געהאַלטן, אַז די קאַטוילישע קירך באַלאַנגט צו דער צווייטער העלפֿט; אויף איר האָבן זיי געקוקט, ווי אויף אַן איינזאַמלונג פֿון אַל דאָס בייז; זי איז געווען אין זייערע אויגן דאָס הויז פֿון שֶקר, די סינאַגאָגע פֿון די רשעים, און אויף די מאָנאַכן און גלחים האָבן זיי געקוקט, ווי אויף מענטשן, וואָס זײַנען פֿאַרשטויסן פֿון גאָט. זיך אַליין האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן קאַטאַרער, ד״ה ריינע. אין פֿראַנקרײַך זײַנען די קאַטאַרער באַוואוסט געווען אונטערן נאָמען אַלביגענזער, לויטן נאָמען פֿון דער שטאָט אַלבי אין דרום־מערב פֿון לאַנד; אין דער שטאָט איז כמעט די גאַנצע באַפֿעלקערונג געווען זייערע.

די קאַטאַרער האָבן געהאַט זייערע אייגענע גײַסטליכע און זייערע אייגענע מנהגים. זיי האָבן אָפּגעוואָרפֿן דאָס טויפֿן מיט וואַסער לויטן קריסטליכן דין; לויט זייער אמונה האָט געדאַרפֿט זײַן נאָר אַ גײַסטיגע טויפֿונג, און דער סימבאָל דערפֿון איז באַשטאַנען אין אַרויפֿלייגן די הענט אויפֿן קאָפּ. אָט דער מנהג האָט געהייסן טרייסטונג און האָט געראַטעוועט, לויט זייער גלויבן, די נֶשָמָה. אָבער אַזאַ מין טרייסט האָבן געקאָנט געבן נאָר געציילטע מענטשן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייערע ציכטיגע און פֿרומע מידות, וואָס האַלטן זיך ווײַט פֿון פֿאַמיליע־לעבן,

וואָס עסן ניט קיין פֿלייש, וואָס זײַנען נע־ונד זייער גאַנצן לעבן, אַרבעטן ניט און לעבן ווי אורחים בײַ פֿרעמדע. אָט די יחידי־סגולה ווייסן די אמת׳ע לערע; זיי באַהאַלטן זיך אונטער פֿאַרשיידענע געשטאַלטן פֿון ריטער, סוחרים, נאָר זיי קאָנען דערקענען איינער דעם אַנדערן. זיי זײַנען מושלמים, און זיי זײַנען דאָס גאָטס אמת׳ע אויסדערווײלטע. אַלע אַנדערע, וואָס קומען צו זיי נאָך טרייסט, זײַנען סתם „גלויביגע“, וואָס מעגן בלײַבן אין דער קאַטוילישער קירך.

אַ סך מענטשן האָבן זיך געקווענקלט, און וועלנדיג ראַטעווען זייער נשמות, האָבן זיי זיך געווענדט נאָך הילף אי צו דער קירך, אי צו די קאַטאַרער גלײַכצײַטיג. די שטאַרקע גראַפֿן פֿון טולוזע, וואָס צו זיי האָט געהערט דער גרעסטער טייל דרום־פֿראַנקרײַך, האָבן געשטיצט די סעקטאַנטן, נאָר מיט דער קירך האָבן זיי אויך ניט איבערגעריסן די באַציאונגען; בײַ איינעם פֿון זיי האָט געוואוינט אַ קאַטוילישער ביסקופּ, נאָר דער גראַף האָט אַרומגעפֿירט מיט זיך איינעם פֿון די אַלביגענזער „מושלמים“ אויך, כדי ער זאָל אין פֿאַל פֿון אַ פּלוצלונגדיגער קרענק האָבן בײַ זיך גײַסטיגע הילף. די פּויפּסטן זײַנען געוואָרן זעער אומרואיג, צוקוקנדיג דעם וואַקסנדיגן איינפֿלוס פֿון די סעקטאַנטן. אינאָצענס III. האָט באַשלאָסן אויסראָטן די אפּיקורסות מיט פֿײַער און שווערד און אויפֿגעהויבן קעגן די דרום־פֿראַנצויזישע אַלביגענזער אַ הייליגע מלחמה מצד די צפֿון־פֿראַנצויזישע ריטער; בראש פֿון דעם קרייץ־צוג איז געשטאַנען דער גראַף סימאָן דעמאָנפֿאָר. אַ פּויפּסטליכער לעגאַט איז מיטגעפֿאָרן מיטן חיל, וואָס האָט גע׳הרג׳עט די קאַטאַרער און ראַבירט אָן שום רחמנות די פֿאַרנומענע שטעט און שלעסער. צוואַנציג יאָר צײַט האָט געדויערט דער פֿאַרביטערטער קאַמף. עטליכע מאָל איז ער אײַנגעשטילט געוואָרן, נאָר באַלד פֿלעגט ער אויפֿפֿלאַקערן פֿון־דאָס־נײַ. דערהויפּט האָבן די סעקטאַנטן געליטן פֿון דעם נײַעם משפּט, וואָס דער פּויפּסט האָט אײַנגעאָרדנט אונטערן נאָמען „אינקוויזיציע“; דער ציל פֿון דעם געריכט איז געווען קודם־כל אויסצוראָטן די „מושלמים“, די אָנפֿירער און די פּריידיגער.

§ 76. **די בעטלער־אָרדנס.** אָבער די עוואַנגעלישע לערע פֿון די אָרימע וואַנדערנדיגע אַפּאָסטאָלן האָט נאָכאַנאַנד צוגעצויגן צו זיך אַ סך גלויביגע קאַטוילִיקן. פֿראַנציסקוס פֿון אַסיזי (אין מיטל־איטאַליע), אַ זון פֿון אַ רײַכן סוחר, האָט יונגערהייט געפֿירט אַ פֿריילִיכן לעבן; נאָר מיט אַ מאָל האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן די היים און דעם וואוילטאָג און האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון אַלע תענוגים פֿון דער וועלט. דאָס נע־ונד־זײַן

און דער דלות זײַנען אין זײַנע אויגן געװען באַשטראַלט מיט אַ פּאָעטישן גלאַנץ. ער האָט געזאָגט, אַז די אָרימקײַט איז די קיניגין פֿון אַלע גוטע מידות, די ליבע כּלה, מיט װעלכער ער איז פֿאַר'קנס'ט. צו פֿראַנציסקוסן זײַנען צוגעשטאַנען עטליכע אָנהענגער, װאָס האָבן אַװעקגעגעבן זײער גאַנצע האָב־און־גוטס דער קירך, כּדי נאָכצופֿאָלגן קריסטוסן. אין זײַנע רעדעס צום פֿאָלק פֿלעגט פֿראַנציסקוס באַגײסטערן זיך מיטן געשטאַלט פֿון קריסטוסן, פֿונם אויסלײזער, דעם אָרימען און עניװות'דיגן, װאָס איז געװען נאָהענט צו די זינדיגע. ער האָט גערופֿן זײַן ברידערליכע גע־מײנדע מינאָריטן, ד"ה די מינדסטע בײַ קריסטוסן.[1]

אין אַ סך מעשׂים און אין זײער הילוך זײַנען די מינאָריטן געװען ענליך אויף די װאַלדענזער: די טונקעלע לאַנגע מלבושים, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, דאָס גײן זאַלבעצװײט, דער גרוס, מיט װעלכן זײ פֿלעגן אַרײַנגײן: „שלום אויף דער שטוב!“, דאָס רײדן אויף אַ לשון, װאָס דער ברײטער עולם האָט פֿאַרשטאַנען.

די פּויפּסטן האָבן ניט געהאַט קײן צוטרוי צו די מינאָריטן, און דעריבער האָבן זײ געשטרעבט אַרײַנצובאַקומען זײ אין די הענט און אויס־נוצן זײער התלהבות פֿאַר די צילן פֿון דער קירך. דער טרוימער פֿראַנ־ציסקוס האָט זיך געזעהן אין רױם מיט אינאָצענסן III. דער פּויפּסט האָט ניט אײַנגעשטימט צו דערלאָזן אַ פֿרײַע װאַנגעלישע ברודערשאַפֿט; ער האָט געפֿאָדערט, אַז פֿראַנציסקוסעס אָנהענגער זאָלן װערן אמת'ע מאָנאַכן, זײ זאָלן זיך אָפּשײדן פֿון דער װעלט און אינגאַנצן אונטערװאַרפֿן זיך דער קירך. די רױמישע קירך האָט געמאַכט פֿראַנציסקוסן פֿאַר אַ הײליגן, נאָך זײַן אויפֿטו האָט זי פֿאַרדרײט. זי האָט אײַנגעאָרדנט אַן אָ ר ד ן פֿון בעטלענדיגע מאָנאַכן, זי האָט אים געגעבן זעער װיכטיגע רעכט, למשל אָננעמען װידוי און מוחל זײַן די זינד אומעטום אָן דער ערלויבעניש פֿון די אָרטיגע גײַסטליכע א. אז. װ.; נאָך די פֿראַנציסקאַנער האָבן אויך געמוזט ערפֿילן די שליחות'ן פֿון דער קירך. מען פֿלעגט זײ שיקן אומעטום, װאו דער אָפּשײַ פֿאַרן רױמישן שטול האָט זיך גענומען װאַקלען.

אין דערזעלבער צײַט האָבן די פּויפּסטן באַשטעטיגט נאָך אַ צװײטן אָרדן פֿון בעטלענדיגע מאָנאַכן, דעם ד אָ מ י נ י ק אַ נ ע ר ־ אָ ר ד ן. דער גרינדער פֿון דער קערפּערשאַפֿט, דער שפּאַניער דאָמיניקוס, האָט געהאַט

---

[1] אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון מיטלעלטער װערן די מינאָריטן גערופֿן „צעירים“. (מ. װ.)

געלעגנהייט צו באגעגענען זיך אין דרום־פראנקרייך מיט די קאטארער און ער האט געזעהן, אז די סעקטאנטן שטייגן אריבער די קאטוילישע גייסט־ליכע און מאנאכן מיט זייערע קענטעגישן און מיט זייער פעאיגקייט זיך מתווכח צו זיין. איז ער געקומען צום באשלוס, אז מען דארף זעהן צו־צוגרייטן קאטוילישע פריידיגער־מלומדים, וואס זאלן קאנען אפהיטן די ריינקייט פון דער קירכליכער לערע. די דאמיניקאנער האבן אויסגעבויט זייער ארדן אויפן שטייגער פון די מינאריטן, נאר זייער עובדא איז געווען אן אנדערע. די פראנציסקאנער האבן געלעבט אין די ענגסטע און ארימסטע געסלעך און גערעדט פשוטע קלארע דבורים מיט בעלי־מלאכות, פועלים און פויערים. די דאמיניקאנער האבן זיך מער פארשפארט אין די שולעס און אין די שטיבער פון די געלערנטע; פון זיי פלעגן ארויס־קומען פראפעסארן פון טעאלאגיע און גייסטליכע שרייבער. פאר א צייכן האבן זיי זיך אויסגעקליבן א הונט מיט א פלאקערדיגן שטורקאץ אין די ציינער; דאס האט געזאלט זיין א סימן, אז זיי זיינען די גייסטיגע קריגס־לייט פון דער קירך. די פויפסטן האבן איבערגעגעבן אין זייערע הענט דעם נייעם גייסטליכן געריכט.

§ 77. **די אינקוויזיציע.** דאס איז געווען א געריכט ניט לויט די אלטע געזעצביכער פון די גערמאנער, נאר לויטן מוסטער פון רוימישן רעכט. דער אמאליגער געריכט האט זיך אריינגעמישט, ווען די צדדים האבן אים גערופן; דער משפט איז געווען אפן, פאר אלעמען אין די אויגן. דא, אין גייסטליכן געריכט, פלעגט דער אינקוויזיטאר, ד"ה דער אויספארשער, אליין אנהייבן דעם פראצעס. ער פלעגט קומען צו פארן ערגעץ און מודיע זיין, אז ווער עס וויים ביי זיך אליין אדער ביי אנדערע א חטא אנטקעגן דעם גלויבן, זאל קומען מודה זיין און אנווייזן אויף די שולדיגע און די פארדעכטליכע. דערנאך פלעגט ער אויספרעגן אלע, וואס האבן זיך מודה געווען און וועלכע מען האט גע'מסר'ט. דער געריכט פלעגט זיך אויפקלייבן אויף א געהיימער זיצונג און ניט געבן דעם באַ־שולדיגטן קיין פארטיידיגער. ווער עס פלעגט נאר אריינפאלן צום פאַר־הער, דער איז שוין געווען כמעט ווי פאר'משפט, ווארום די שופטים האבן אימוליכן לכתחילה געהאלטן פאר שולדיג און האבן זיך נאר געשטעלט פאר א ציל צו כאפן דעם באשולדיגטן. אפטמאל פלעגט מען זיך נעמען צו דער עינוי, כדי צו נייטן דעם באשולדיגטן, ער זאל מודה זיין דעם פארברעך; דאס רוב איז געווען איין פסק־דין: טויטשטראף. נאר אזוי ווי די קירך האט דאך ניט געקאנט פארגיסן בלוט, פלעגט מען אוועקגעבן די פאר'משפט'ע דער וועלטליכער מאכט, זי זאל מקיים זיין דעם פסק.

די „פֿאַרברעכער“ פֿלעגט מען פֿאַרברענען לעבעדיגערהייט אויפֿן שײַטער־הויפֿן. דאָס פֿאַרמעגן פֿון די פֿאַר׳משפּט׳ע פֿלעגט מען צונעמען ביי זייער געזינד. אַזוי האָט מען געטון מיטן פֿאַרמעגן פֿון די אַלביגענזער אויך, נאָכדעם ווי זיי זײַנען באַזיגט געוואָרן. זיי אַליין זײַנען אומגעקומען מאַסנ־ווײַז אויף די שײַטערהויפֿנס, און זייער האָב און גוטס האָט מען צעטיילט צווישן די קרייץ־טרעגער; אַ היפּשן חלק האָט דערביי באַקומען דער קיניג אַליין, וואָס איז אויך געווען אַ סעניאָר אין צפֿון־פֿראַנקרײַך און געשטיצט די קירך אין איר קאַמף קעגן די אַפּיקורסים.

די שרעקליכע שטרענגקײַט פֿון דער אינקוויזיציע פֿלעגט מען דער־קלערן מיט דעם, וואָס אַפּיקורסות איז די גרעסטע זינד, און אויסראָטן זי פֿון דער ליכטיגער וועלט איז די גרעסטע מִצוָה וואָס עס קאָן נאָר געמאָלט זײַן. דער דאָזיגער פּירוש שטאַמט פֿון די געלערנטע דאָמיניקאַנער, וואָס פֿון זיי פֿלעגן אַרויסקומען די אינקוויזיטאָרן.

§ 78. די אוניווערסיטעטן. די קירך האָט זיך געניטיגט אין גע־לערנטע מענטשן פֿאַר דער אינקוויזיציע, פֿאַר די קאָנצעלאַריעס און פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אירע הויפֿן. די קיניגן, די פֿירשטן און די גרויסע שטעט האָבן אויך באַדאַרפֿט האָבן געבילדעטע מענטשן. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן גרינדן גרויסע הויכשולן.

אַ לאַנגע צײַט האָבן שולעס עקזיסטירט נאָר ביי די מאָנאַסטירן און בײַ די גרויסע שטאָטישע קלויסטערס; זיי האָבן געגרייט גײַסטליכע און געלערנט נאָר די שפּראַך פֿון דער קירך, לאַטײַן. די וויסנשאַפֿטן האָבן געהייסן די זיבן פֿרײַע קונסטן און צעטיילט זיך אויף צוויי אָפּטיי־לונגען. די ערשטע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פֿון גראַמאַטיק, רעטאָריק (ד״ה די קונסט אויסצודריקן זיך שיין) און דיאַלעקטיק (די קונסט צו דער־ווײַזן און צו פֿירן אַ וויכוח). צו דער צווייטער אָפּטיילונג האָבן באַלאַנגט: מוזיק (קלויסטערשער געזאַנג), אַריטמעטיק מיט געאָמעטריע (ד״ה די באַשרײַ־בונג פֿון דער ערד, אויסגעמישט מיט פֿאַרשיידענע אײַנגלויבעניש) און אַסטראָנאָמיע (אויסרעכענען דעם לוח, דערהויפּט די קריסטליכן פּאַסכע, און טרעפֿן די צוקונפֿט לויטן גאַנג פֿון די שטערן).

ביזן 12־טן י״ה זײַנען די אייראָפּעער געווען תּלמידים בײַ די אַראַבער. אין 12־טן י״ה האָט מען איבערגעזעצט אויף לאַטיין די פּירושים פֿון די קאָרדאָווער געלערנטע צו אַריסטאָטעלעסן, ווי אויך די שריפֿטן פֿונם מוסולמענער אבן רשד (Ibn Roschd; אין דער ראָמאַנישער אויסשפּראַך האָט ער געהייסן אַווערראָעס) און פֿונם יידן רמב״ם (רב משה בן מיימון,

ביי די קריסטן הייסט ער מיימאָנידעס); גלייכצייטיג האָט מען אויך איבער־געזעצט (פֿון אַראַביש) די שריפֿטן פֿון אַריסטאָטעלעסן גופֿא. דער לאַ־טייַנישער טעקסט פֿון אַריסטאָטעלעסן איז באַלד געוואָרן הימיש אין די שולעס פֿון גאַנץ אייראָפּע; פֿון אים האָט מען געשעפּט די גאַנצע סכאָלאַס־טישע פֿילאָסאָפֿיע („סכאָלאַ“ הייסט „שול“; סכאָלאַסטישע פֿילאָסאָפֿיע — שול־פֿילאָסאָפֿיע) אָדער סתם ס כ אָ ל אַ ס ט י ק.

אין דערזעלבער צייַט האָט מען אָנגעהויבן שטודירן מיט התמדה די רוימישע געזעצן און דעם רוימישן געריכט־סדר לויט יוסטיניאַנס קאָדעקס. אַ־דאַנק דעם דאָזיגן אויפֿשטייַג פֿון דער וויסנשאַפֿט זייַנען אויסגעוואַקסן באַרימטע שולן אין באָלאָניע (פֿאַר רוימיש רעכט), אין סאַלערנאָ (פֿאַר מעדיצין) און אין פּאַריז (פֿאַר פֿילאָסאָפֿיע און טעאָלאָגיע). די שולן, וואו עס פֿלעגן זיך אויפֿקלייַבן אַ סך לערנער, סטודענטן, האָבן זיך אָנ־געהויבן רופֿן אַ ל ג ע מ יי נ ע שולן אָדער ה וי פּ ט ־ ש ו ל ן. זיי האָבן נאָך באַקומען דעם נאָמען א ו נ י ו ו ע ר ס י ט ע ט ן, ווייַל די לערער און די תּלמידים, וואָס קומען זיך צונויף אין איין אָרט פֿון גאָר דער וועלט, האָבן געדאַרפֿט בילדן, אויפֿן שטייגער פֿון די גילדיעס, אַ קיבוץ (universitas) צו שטיצן איינער דעם אַנדערן. צווישן די סטודענטן זייַנען געווען אַ סך אָרימעלייַט, וואָס פֿלעגן קומען צו גיין פֿונדערווייַטנס מיט זייַער קלומעקל אויף די פּלייצעס; זיי פֿלעגן בילדן לאַנדסמאַנשאַפֿטן, נ אַ צ י ע ס, און זוכן שוץ קעגן די איבעריגע בירגער פֿון שטאָט, דאַג'ענען וועגן ביליגע דירות (אין פּאַריז איז אויסגעוואַקסן דער סטודענטישער ל אַ ט ייַ נ י ש ע ר ק וו אַ ר ־ ט אַ ל, וואָס באַשטייט נאָך ביז הייַנטיגן טאָג). אויך די לערער (מ אַ ג י ־ ס ט ר ע ן) פֿלעגן זיך פֿאַראייניגן אין אַ בונד, כדי צו באַפֿרייַען זייער לערע פֿון דער אַפּוטרופּסות פֿון די מאָנאַסטירן און ביסקופֿן. פּויפּסט אינאָ־צענס III. האָט זיך געשטעלט אויפֿן צד פֿון די געלערנטע: ער האָט גענומען די פּאַריזער מאַגיסטרען אונטער זייַן שוץ, פּונקט ווי די ריטערשע און מאָנאַכישע אָרדנס זייַנען געווען אונטערן שוץ פֿון די פּויפּסטן. פֿון דער פֿאַראייניגונג פֿון די צוויי גרויסע קיבוצים, פֿון די סטודענטן און די פּראָפֿעסאָרן, איז אויסגעוואַקסן די אומאָפּהענגיגע הויכשול.

די גרעסטע שול האָט זיך געשאַפֿן אין פּאַריז. עס איז געגאַנגען אַ וואָרט, אַז איטאַליע האָט דעם פּויפּסטנטום, דייַטשלאַנד דעם קייזערטום און פּאַריז — דעם אוניווערסיטעט. די פּאַריזער שולע האָט זיך צעטיילט אויף פֿ אַ ק ו ל ט ע ט ן, לויט די איינצלנע געביטן פֿון וויסנשאַפֿט. דער פֿילאָסאָפֿישער פֿאַקולטעט איז געווען דער אונטערשטער; דאָ האָט מען געלערנט די זיבן פֿרייַע קונסטן. ווער עס האָט באַקומען דעם דיפּלאָם

פֿון אַ מאַגיסטער פֿון די קונסטן, דער האָט געקאָנט אַריבערגיין אויף איינעם פֿון די העכערע פֿאַקולטעטן — פֿון טעאָלאָגיע, רעכט אָדער מע־דיצין. די עלטערע סטודענטן פֿון אַלע „נאַציעס“ פֿלעגן אויסקלײַבן פֿון זיך דעם רעקטאָר, וואָס האָט געדאַרפֿט אַכטונג געבן אויף דער אָרדע־נונג אין די אוניווערסיטעטן און פֿאַרטיידיגן די סטודענטן פֿאַרן געריכט. איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט דער טעאָלאָגישער פֿאַקולטעט אין פּאַריז, וואָס האָט געהייסן סאָרבאָנע. דאָ האָבן אין משך פֿון דריי יאָרהונדערטער (פֿון 13־טן ביזן 15־טן) געלערנט די גרעסטע וויסנשאַפֿטס־מענטשן; דאָס וואָס עס איז געגאַנגען פֿון דער סאָרבאָנע איז געווען פּונקט אַזוי הייליג פֿאַר דער קירך, ווי דאָס וואָס עס שטייט געשריבן אין די הייליגסטע און עלטסטע קריסטליכע ביכער.

§ 79. די **מיטלעלטערישע וויסנשאַפֿט** איז גאָרניט געווען גע־גליכן צו דער הײַנטיגער. זי האָט זיך פֿאַרנומען ניט מיט אויספֿאָרשן די אויסווייניגסטע נאַטור אָדער די ערשיינונגען פֿון דער מענטשליכער געזעל־שאַפֿט, נאָר מיט אויסטײַטשן פּסוקים פֿון דער ביבל, פֿון אַריסטאָטעלעסן און פֿון יוסטיניאַנס געזעצבוך. די פֿראַגן, מיט וועלכע די געלערנטע האָבן זיך יעמאָלט פֿאַרנומען, קומען איצט אויס בײַ אונז משונה־ווילד. למשל: צי קאָן גאָט וויסן מער, איידער ער ווייס? צי האָט מען געקאָנט זעהן די וואונדן פֿון קריסטוסן, בשעת ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון קבֿר? צי איז די טויב, וואָס אין איר געשטאַלט האָט זיך באַוויזן דער הייליגער גײַסט, גע־ווען אַן אמת׳ער פֿויגל?

פֿאַר דער רוימישער קירך איז געווען זייער וויכטיג די שטיצע פֿון די פּראָפֿעסאָרן. די לאַגע פֿון יענע געלערנטע, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו גיין קעגן רוים, איז געווען זייער אַ געפֿערליכע. אין מיטן פֿון 12־טן י״ה איז דער פּאַריזער פּראָפֿעסאָר אַבעלער, אַ באַרימטער לעקטאָר און אַ געניטער פּריידיגער, דורך אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון גײַסטליכע פֿאַר׳משפּט גע־וואָרן פֿאַר אַפּיקורסות. דערהויפּט האָט מען אים באַשולדיגט פֿאַר זיין ווערק „יאָ און ניין“, וואו ער האָט אויסגעפֿונען כּל׳ערליי סתירות אין די כּתבֿים פֿון פֿאַרשיידענע קירכליכע מחברים. מיט אַ באַזונדערער שאַרפֿקײַט איז אַרויס קעגן אים איינער ברענאַר פֿון מאָנאַסטיר קלערוואָ, אַ פֿײַער־דיגער רעדנער, וואָס האָט באַקומען אַ שם פֿון אַ הייליגן, ווײַל ער האָט געפּײַניגט זײַן קערפּער און אָפּגעזאָגט זיך אינגאַנצן פֿון עולם־הזה.

גאָר פֿיל האָט מען געהאַלטן אין דער קירך פֿון דעם געלערנטן דאָ־מיניקאַנער טאָמאַס פֿון אַקווינאָ; מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן: „דער

מלאך פֿון דער שולע". אין זיין ווערק „דער תמצית פֿון טעאָלאָגיע" גיט טאָמאַס אַ באַשרייַבונג פֿון אַלע מענטשליכע השׂגות, וואָס זייַנען שייַך צו דער קירך און צום וועלטליכן לעבן, צום מלוכה־סדר, צום האַנדל און צו מלאכה, צום פֿאַמיליע־לעבן א. אז. וו. זייַן ציל איז געוואויר ווערן, צו שטייען די אַלע השׂגות אין הסכּם מיט די יסודות פֿון גלויבן. אין זייַנע אויגן איז די וויסנשאַפֿט ניט מער ווי אַ דינסטמויד פֿון דער טעאָלאָגיע. אין אַ סך זאַכן איז פונקט דער היפוך פֿון טאָמאַסן דער ענגלענדער ראָדזשער בעקאָן, וואָס האָט געלעבט אין איין צייַט מיט אים. בעקאָן איז געווען פּראָפֿעסאָר אין אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט. אים זייַנען געווען באַקאַנט די אייגנשאַפֿטן פֿונם מאַגנעט־ווייַזער, דעם באַשטאַנד פֿון פּולווער, דאָס פֿאַרגרעסער־גלאָז; ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען. די דאָזיגע באַשעפֿטיגונגען זייַנע האָבן אַרויסגערופֿן קעגן אים אַ חשד, אַז ער איז אַ כּשוף־מאַכער, און שוין אין די עלטערע יאָרן איז אים אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען פֿערצעהן יאָר אין תּפֿיסה.

אויף דער אַנטוויקלונג פֿון די אוניווערסיטעטן לאָזט זיך אָנזעהן דער אויפֿשטייַג פֿון שטאָטישן לעבן: דאָרט האָבן זיך געלערנט דאָס רובֿ מענטשן פֿון מיטלשטאַנד, קליינע ריטער און בירגער. אין די שטעט האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער מין גייַסטליכער טעאַטער.

§ 80. **טעאַטער און סאַטירע.** פונקט ווי בייַ די אַלטע גריכן איז בייַ די קריסטן און די מערב־לענדער דער טעאַטער אויך אַרויסגעוואַקסן פֿון גאָטס־דינסט. אין די גרויסע חגאות פֿלעגן די גייַסטליכע אַליין איינאָרדענען פֿון איין תּפֿילה ביז דער אַנדערער לעבעדיגע בילדער און קליינע סצענעס; מען האָט געוואָלט שאַפֿן אַ פֿאַרווייַלונג פֿאַרן געמיינעם עולם, וואָס האָט ניט פֿאַרשטאַנען די ווערטער פֿון לאַטייַנישן גאָטסדינסט. דעם אינהאַלט פֿון די בילדער פֿלעגט מען נעמען פֿון דער ביבל, דערהויפּט פֿון קריסטוסעס לעבן: דאָס וויגעלע מיטן קינד, צו וועמען עס קומען זיך בוקן די פּאַסטיכער און די מכשפֿים א. אז. וו.

שפּעטער האָט מען די דאָזיגע פֿאָרשטעלונגען פֿאַרברייטערט, אַרייַנגעטראָגן אַהין קאָמיזם, כּדי משׂמח צו זייַן דעם עולם; פֿאַר אַ קאָמישער פֿיגור האָט מען אויסגעקליבן דעם טייַוול. פֿון די שטאָטישע אייַנוואוינער האָט מען געשאַפֿן אַ באַזונדער ברודערשאַפֿט פֿון שפּילער, און אין די זומער־חגאות פֿלעגט מען אויפֿן הויפּט־מאַרקפּלאַץ שפּילן אַ גרויסע מיסטעריע. דאָס רובֿ פֿלעגט מען פֿאָרשטעלן קריסטוסעס לעבן און לייַדן אויף דער ערד; אָפֿטמאָל פֿלעגט מען ווייַזן די גאַנצע געשיכטע, וואָס איז

באַשריבן אין דער ביבל, פֿון מעשה־בראשית ביז קריסטוסעס דערהייבונג אין הימל אַריין.

די פֿאָרשטעלונג פֿלעגט געדויערן פֿון אינדערפֿרי ביז אויף דער נאַכט. אין מיטן פּלאַץ איז געווען אויסגעבויט אַ בריק פֿון ברעטער, און אַרום און אַרום זײַנען געזעסן די צוזעהער. אויף די ברעטער איז געווען פֿאָרגעשטעלט אין געבײַדעס און דעקאָראַציעס די גאַנצע וועלט: פֿון אַ זײַט אין אַ טורעם איז געווען דער גיהנום, פֿונם אָפֿענעם מויל פֿון אַ שלאַנג איז גע־גאַנגען פֿײַער. דערנאָך זײַנען געווען פֿאָרגעשטעלט ירושלים, רוים, מצרים, דער באַרג מיט נח'ס תּיבֿה א. אז. וו.; משה פֿירט דאָס פֿאָלק ישראל; קריסטוסעס עלטערן אַנטלויפֿן מיט זייער קינד קיין מִצרַים; קריסטוס אַליין וואַנדערט מיט זײַנע אַפּאָסטאָלן און פֿאָרט אַריין אין ירושלים. קיין פֿאָר־האַנג איז ניט געווען, די פֿאַרשוינען זײַנען אַלע געשטאַנען פֿאַרן עולם און פֿלעגן זיך באַווײַזן אין דער גייטיגער מינוט דאָרט, וואו מען האָט זיי באַדאַרפֿט. הינטן, אויף אַ העכערן אָרט, זײַנען געווען פֿאָרגעשטעלט דער גן־עדן, די הימלען און אַפֿילו דער כּסא־הַכָּבוד. דער עולם האָט געקוקט מיט האַרצקלאַפּעניש און ציטערניש אויף די אַלע בילדער.

צוגלײַך מיט די ריירנדיגע סצענעס האָט מען אויך געשפּילט אַנדערע „פּיעסעס“, פּשוט'ע און אינטערעסאַנטע, פֿון וועלכע דער עולם האָט גע־האַט פֿאַרגעניגן. דאָס זײַנען געווען שפּילן, וואָס זײַנען נאָך איבער־געבליבן פֿון די אַלטע חגאות און פֿאַרווײַלונגען פֿון דער עבֿודה־זרה. זעער לאַנג, למשל, האָט זיך געהאַלטן דער מנהג צו שילדערן אין אַ דראַ־מאַטישער פֿאָרם דעם קאַמף פֿון זומער און ווינטער: צוויי יונגעלײַט, איינער אין אַ קראַנץ און באַצירט מיט בלומען, דער אַנדערער אַרומ־געוויקלט מיט מאָך, באַגעגענען זיך; פֿריער ווערטלען און זידלען זיי זיך, דערנאָך וואַרפֿט איינער אַראָפּ דעם אַנדערן. אָנהייב פֿרילינג פֿלעגט מען פֿאַרברענען אַ פֿיגור פֿון ווינטער, גיין אַ קאַראַהאָד אָדער אָנטון מאַסקעס און גיין אין אַ צוג איבער דער גאַנצער שטאָט, פֿאַרשטעלן זיך אין גע־שטאַלט פֿון באַקענטע און אומבאַקענטע; מען פֿלעגט אויך פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר מֵתים. אויך פֿלעגט מען בײַ די פֿאַרקליידונגען און טענץ זינגען פֿריילי‌כע לידער, שפּילן קליינע קאָמישע סצענעס, וואו אַלצדינג פֿלעגט אויסקומען קאַפּויר. דערפֿון זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿאָרשטעלונגען, וואו מען האָט אָפּגעלאַכט פֿון ריטער, פֿון גײַסטליכע, פֿון סוחרים אָדער פֿון פּויערים.

דורך דער באַוועגליכער סצענע פֿון די שטאָטלײַט איז באַשאַפֿן גע־וואָרן אַ ליטעראַטור, וואָס איז געווען ניט ענליך אויף דער ליטעראַטור

פֿון די גײַסטליכע און ריטער. אירע הויפּט־סימנים זײַנען — באַאָבאַכ־טונגען פֿון לעבן און סאַטירע, שילדערונג פֿון די מענטשליכע חסרונות. דערהויפּט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם מין ליטעראַטור איז דער פֿוקס־ראָמאַן, וואָס מיר באַגעגענען ביי פֿאַרשיידענע פֿעלקער (רענאַר ביי די פֿראַנצויזן, ריינעקע ביי די דײַטשן). אין געשטאַלט פֿונם פֿוקס דעם רמאַי, פֿון דעם תּמ'וואַטען וואָלף, פֿון דעם בער דעם באַרימער ווײַזט מען אונז מענטשליכע כאַראַקטאָרן. אין דער סאַטירע לאַכן די שטאָטלײַט אָפּ פֿון די הויפּישע שׂררות, פֿונם ריטערשן לעבן, פֿון דער קירך, וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד און מאַכט.

V. די נייע מלוכות און די נייע אויפקלערונג.

§ 81. אָנהייבנדיג פֿון 12־טן יאָרהונדערט זײַנען לעבעדיגער גע־וואָרן די באַציאונגען צווישן די פֿאַרשיידענע לענדער פֿון מערב־אייראָפּע, און די מענטשן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַקומען אַ ברייטערן באַגריף וועגן דער וועלט. נאָר אַחוץ דעם האָבן די מענטשן אין יעדער לאַנד באַזונדער אויך דערנעהנטערט זיך צווישן זיך: עס איז באַשאַפֿן געוואָרן צווישן זיי אַ גײַסטיגע התקרבות, עס זײַנען אויסגעוואַקסן עטליכע גרויסע נ אַ צ י ע ס, ד"ה גרויסע קיבוצים מענטשן, וואָס ריידן אויף איין שפּראַך, האָבן איין ליטעראַטור, איין בשותּפֿות'דיגן פֿאָטערלאַנד.

אין 14־טן י"ה האָבן זיך שוין אין אייראָפּע אָנגעזעהן עטליכע גרויסע נאַציעס. דאָס זײַנען געווען די דײַטשן, די איטאַליענער, די שפּאַניער, די פֿראַנצויזן און די ענגלענדער. די לעצטע דריי פֿעלקער האָבן געבילדעט איטליכס אַ גרויסע מדינה; די ערשטע צוויי זײַנען זיך פֿונאַנדערגעפֿאַלן אויף אַ סך מיטעלע און קליינע מדינה'לעך. די נײַע מדינות זײַנען שוין נימ געווען ענליך ניט אויף דער מאָנאַרכיע פֿון קאַרל דעם גרויסן, ניט אויף די פֿעאָדאַלע מלוכות. די הערשער האָבן דאָ אָנגעהויבן באַקומען אַ סך גרעסערע הכנסות, און דווקא אין מזומנים; זיי האָבן איצט פֿאַר־מאָגט מער באַאַמטע, וואָס האָבן זיי געפֿאָלגט; זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע און אַ שטענדיגע אַרמיי. נאָר די באַפֿעלקערונג אין די אַלע לענדער, געשטאַרקט דורך מסחר און מלאָכה און פֿאַראייניגט דורך איין שפּראַך און איין ליטעראַטור, האָט זיך מער אינטערעסירט מיטן כלל'ישן לעבן און אויך געוואָלט האָבן אַ דעה.

פֿריער פֿאַר אַלץ האָט זיך געבילדעט די נײַע מלוכה אין ענגלאַנד.

11. ענגלאַנד.

§ 82. **די נאָרמאַנדישע דינאַסטיע.** דער נאָרמאַנדישער הערצאָג ווילהעלם דער איינגעמער האָט אָנגעהויבן געוועלטיגן אין ענגלאַנד אין 1066־טן יאָר און האָט געקיניגט ביז 1088. ניט נאָר די אַלטגעזעסענע באַפֿעלקערונג האָט פֿאַר אים געציטערט, נאָר אַפֿילו זײַנע אייגענע חילס־לײַט, וואָס ער האָט באַזעצט איבערן גאַנצן לאַנד אין די פֿאַרנומענע שלעסער און הויפֿן. ווילהעלם האָט געהאַט אַ פֿעסטערע האַנט, איידער דער פֿראַנצויזישער קיניג אין זײַן צײַט. אין פֿראַנקרײַך זײַנען די ריטער געווען מחויבֿ צו דינען נאָר דעם נאָהענטסטן סעניאָר און נאָר אים פֿלעגן זיי שווערן געטרײַשאַפֿט; אין ענגלאַנד האָט דער קיניג געפּועל׳ט, אַז ניט נאָר די „הויפּט־וואַסאַלן" זײַנע זאָלן אים שווערן, נאָר בכלל אַלע ריטער, אַפֿילו די, וואָס האָבן געדינט בײַ אַנדערע סיזערענען. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז אַלע באַזיצער פֿון ערד „האַלטן" זייערע נחלאות פֿון קיניג.

דרײַמאָל אין יאָר, אויף ניטל, פּאַסכע און אויף די זומער־חגאות, פֿלעגט דער קיניג אויפֿקלײַבן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון באַראָנען און ריטער. זיי האָבן געמוזט קומען צו פֿאָרן אין פֿולע וואָפֿן, מיט אַ סוויטע און מיט באַדינער, און ער פֿלעגט זיך באַווײַזן צו זיי אין דער קרוין, מיט דער גאַנצער פּראַכט פֿון זײַן רײַכן הויף. ווילהעלם האָט צוגענומען בײַ די סעניאָרן די פֿאַרוואַלטונג איבער די גראַפֿשאַפֿטן, פֿון וועלכע ענגלאַנד איז באַשטאַנען; ער האָט גענומען שיקן אין יעדער געגנד זײַנעם אַ באַאַמטן, אַ שעריף, וואָס זאָל אַכטונג געבן, אַז עס זאָל אָפּגעהיט ווערן די אָרדענונג. אָט די שעריפֿן פֿלעגן משפּט׳ן, פֿאַרוואַלטן דעם קיניגליכן פֿאַרמעגן, אויפֿקלײַבן מיליטערישע אָפּטיילונגען און קאָמאַנדירן איבער זיי. דער קיניג האָט שטרענג געמאָנט בײַ אַלעמען, זיי זאָלן ערפֿילן זייער מיליטערישן חובֿ און אַלע אַנדערע התחייבֿות׳ן. קיין ירושה אויף פֿעאָדומס האָט ווילהעלם ניט אָנערקענט. איז געשטאָרבן אַ וואַסאַל, האָט דער קיניג צוגענומען די ערד אין זײַן אייגענעם רשות און אַוועקגעגעבן דאָס פֿאַר אַ געצאָלט אַן אַנדער פּערזאָן; אָפֿטמאָל פֿלעגט ער אַ צייט קיינעם ניט אַוועקגעבן דעם פֿעאָדום און צונעמען די הכנסה פֿאַר זיך. פֿאַר ניט טון דעם דינסט ווי געהעריג פֿלעגט ער האַרב באַשטראָפֿן.

בכדי אַרײַנצוטראָגן אַ סדר אין אַלע התחייבֿות׳ן און אָפּצאָלונגען, האָט ווילהעלם דורכגעפֿירט אַ פֿאָלקסציילונג און אַ פֿאַרמעגן־ציילונג אין גאַנץ ענגלאַנד. די ציילונג האָבן געפֿירט דעם קיניגס מורשים, וואָס

ער האָט פונאַנדערגעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד; זיי האָבן גערופן צו זיך די פריצים און אחוץ דעם אויסגעפרעגט פון איטליכן דאָרף דעם גײַסט־ליכן, דעם עלטסטן און עטליכע פויערים. די גרופּענע האָבן געמוזט אונטער אַ שבועה איבערגעבן, וויפיל מענטשן וואוינען אין דעם קרײַז, וויפיל פון זיי זײַנען סעניאָרן, ריטער און סתם פרײַע מענטשן, וויפיל האַלב־פרײַע, וויפיל צוגעבונדענע צו דער ערד און אַרבעטער אָן ערד, וואָס פאַר אַ פאַרמעגן יעטווידער האָט און וואָס פאַר אַ שטײַערן ער צאָלט, וויפיל ערד ווערט געאַקערט, וויפיל פיך יעדערער האָט א. אז. וו. די ציילונג האָט אָנגעמאַכט בײַם פאָלק אַזאַ שרעק, אַז מען האָט איר אַ נאָמען גע־געבן דאָס בוך פונם בית־דין של מעלה.

ווילהעלמס זין זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פון דעם סדר, וואָס ער האָט אײַנגעשטעלט. אָבער אין דער צײַט פון ווילהעלמס אייניקל סטעפן האָבן די קריגסלײַט אויפגעהערט פאָלגן דעם קיניג, אָנגעהויבן ראַבעווען און באַגזל'ען די פרידליכע באַפעלקערונג.

§ 83. דער קיניגליכער געריכט און די פאַרוואַלטונג פון די הכנסות.

אַ סוף צו די מהומות האָט געמאַכט הענריך II., ווילהעלם דעם אײַנגעמערס אַן אייגענער פון זײַן מוטערס צד. הענריך האָט רעגירט אַן ערך אין אײַן צײַט מיט באַרבאַראָסען (1154—1189); ער האָט גע־שטאַמט פון דער משפחה פון די מערב־פראַנצויזישע גראַפן פלאַנטאַגענעט (די דינאַסטיע פון די פלאַנטאַגענעטן האָט זיך געהאַלטן אין ענג־לאַנד אין משך פון עטליכע יאָרהונדערטער, פון 1154 ביז 1485). ער האָט פאַראייניגט מיט דער ענגלישער קרוין די אַלע לאַנדשאַפטן, וואָס ער האָט געהאַט בירושה אין פראַנקרײַך און אין די געגנדן בײַ דער לואַרע און גאַראָנע, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן. אויף אַזאַ אופן איז אויס־געוואַקסן אַ גרויסע מדינה פון ביידע זײַטן קאַנאַל; צוזאַמען מיט דער נאָרמאַנדיע האָבן צום ענגלישן קיניג געהערט אַן ערך צוויי דריטל פון פראַנצויזישן קיניגרײַך. אמת, פאָרמעל איז הענריך II. געווען אַ וואַסאַל בײַם קיניג פון פראַנקרײַך, נאָר זײַן באַזיץ איז געווען לכל־הפחות 6 מאָל די גרייס, ווי דער באַזיץ פון זײַן סיוזערען.

הענריך II. איז כסדר געווען פאַרנומען מיט מלחמות אָדער מיט אַרומקוקן זײַנע לענדער אויפן קאָנטינענט און אויפן אינזל. כדי צו מאַכן אַ סוף צו די מהומות, האָט ער אָנגעהויבן פשוט צו צעשטערן די רויבע־רישע בורגן; דערנאָך האָט ער גענומען אויפזוכן און באַשטראָפן די גזלנים און רוצחים, וואָס האָבן זיך ברייט געמאַכט אין דער מהומה־צײַט. צו די

שעריפֿן האָט דער קיניג געהאַט אַ קנאַפּן צוטרוי; איינמאָל האָט ער אין משך פֿון אַ יאָר צײַט אַראָפּגעוואָרפֿן אַלע שעריפֿן, ווײַל עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז זיי זײַנען אַליין בעל־עוולה'ס, אַז זיי נעמען שוחד און באַהאַלטן קרויניש געלט. ער האָט פֿאַרוואַנדלט זײַן ראָט פֿון העכסטע שׂררות, די „קיניגליכע פּאַלאַטע‟, אין אַ איבערשטן געריכט. אַ טייל ענינים פֿלעגט מען באַהאַנדלען אין דער פּאַלאַטע, אַרויסרופֿנדיג אַהין אַלע באַטייליגטע; אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט הענריך II. פֿונאַנדערשיקן ספּעציעלע שלוחים פֿאַר ריכטער איבער די גראַפֿנשאַפֿטן. די דאָזיגע „וואַנדער־ריכטער‟ האָבן געמוזט, לויטן באַשלוס פֿון דער „גרויסער אַסיזע‟ (אַסיזע—זיצונג) אָנווענדן אַ נײַעם סדר בײַם אויספֿאָרשן די געריכטליכע ענינים.

אין פֿריערדיגע צײַטן, ווען עמיצער פֿלעגט קומען מיט אַ תּביעה צום געריכט, פֿלעגט מען פֿאַרלייגן ביידע צדדים צו באַשליסן די זאַך דורך אַ געראַנגל אָדער ברענגען מיט זיך „מיטשווערער‟. ווען מען פֿלעגט עמיצן באַשולדיגן אין אַ מאָרד, פֿלעגט דער געריכט קיין זאַך ניט אויספֿאָרשן, ער פֿלעגט נאָר מעלדן דעם פּסק־דין פֿונם „גאָטס־געריכט‟. פֿאַרקערט, איצט האָבן די קיניגליכע ריכטער געמוזט מאַכן אַן אויספֿאָרשונג אויפֿן אָרט און אויספֿרעגן די צדדים. נאָר איין זאַך, און דווקא זעער אַ וויכטיגע, איז געבליבן פֿון אַלטן געריכט: די צדדים האָבן געמעגט, אָנשטאָט אַ געראַנגל, אַרויסרופֿן עדות פֿון די אָרטיגע אײַנוואוינער (דאָס רובֿ איז געווען אָנגענומען — 12 מענטשן); די עדות פֿלעגן אונטער אַ שבֿועה דערציילן, וואָס זיי ווייסן וועגן דעם ענין, און אויפֿן סמך פֿון די אויפֿגעדעקטע אומשטענדן פֿלעגן די ריכטער פּסק'ענען אַזוי אָדער אַנדערש. אויך אין קרימינעלע זאַכן — ביי אַ הריגה, בײַ פֿאַרראַט וכדומה — האָט מען געהייסן די קיניגליכע ריכטער פֿריער אויספֿרעגן עדות.

אין אָנהייב האָט מען גערופֿן די געשוואוירענע נאָר פֿאַר עדות; מיט זייער הילף פֿלעגט מען פֿעסטשטעלן די אומשטענדן פֿון פֿאַרברעך; זייערע רייד זײַנען געווען אַ סמך פֿאַר די ריכטערשע החלטות. אין אַ הונדערט יאָר אַרום איז אין ענגלאַנד צו די געשוואוירענע אַריבערגעגאַנגען דאָס רעכט פֿון אמת'ע ריכטער: זיי האָבן געדאַרפֿט באַשליסן, צו דער באַשולדיגטער איז טאַקע שולדיג צי ניין. אויף אַזאַ אופֿן איז הענריך II. „גרויסע אַסיזע‟ געווען אַ וויכטיגע התחלה, און ניט נאָר פֿאַר ענגלאַנד, נאָר פֿאַר אַלע ציוויליזירטע לענדער; ס'איז געווען דער אָנהייב פֿונם געשוואוירענע־געריכט.

הענריך II. האָט מלחמה געהאַלטן מיט פֿראַנקרײַך און אײַנגענומען

אַ מייל אירלאַנד. די ענגלישע ריטערליכע פּריצים האָט מען ניט געקאָנט פירן אויף אַזעלכע ווייטע געגנ. בכדי פּאָרט אויסצוניצן זייערע התחייבותן, האָט הענריך II. איבערגערעכנט דעם ריטער־דינסט אויף געלט און גענומען פון די ריטער דעם שוץ־שטייער, ד״ה יעדערער, וואָס גייט ניט אויף מלחמה, איז מחויב געווען צו צאָלן אַ סומע וואָס זאָל קלעקן אויף צו באַוואָפענען און אויפצוהאַלטן אַ געדונגענעם זעלנער. אויף צונויפצורעכענען די קיניגליכע הכנסות פלעגן זיך די קיניגליכע יועצים אויפקלייבן אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג, וואָס האָט געהייסן די פּאַלאַטע פון שאָך־ברעט. דאָ זיינען זיי געזעסן ביי אַ טיש, וואָס איז געווען באַצויגן מיט געקעסטלטע שטאָף, צוגענומען די סומעס, וואָס די שעריפן פלעגן ברענגען צו פירן צוויי מאָל אַ יאָר, און קאָנטראָלירט די חשבונות.

אַ היפּשן אָרט צווישן דעם קיניגס הכנסות האָבן פאַרנומען די סומעס, וואָס דער געריכט האָט געבראַכט. ביי יעטווידער פּראָצעס האָבן די צדדים געמוזט אַריינטראָגן אַ גרויסן אָפּצאָל לטובת דעם קיניג; פאַר פאַר־שפּעטיגן אָדער ניט קומען אין געריכט פלעגט מען קנס'ענען מיט אַ גרויסער סומע. דערהויפּט האָט דער קיניג פיין פאַרדינט פון „גענאָד"; דאָס האָט געהייסן, אַז נאָך פאַרן געריכט האָט דער באַשולדיגטער גע־קאָנט קויפן פאַר געלט דעם קיניגס לייטזעליגקייט. ניט ווייניג געלט האָט מען אויסגענאַרט אויף דעם וועג ביי לחלוטין אומשולדיגע מענטשן, איינרייידנדיג זיי, אַז דער קיניג איז אויפגעבראַכט אויף זיי.

§ 84. **דער צוזאַמענשטויס פון קיניג מיט דער קירך.** אין דער שטאַרקער פּערזענליכקייט פון הענריך II. זיינען געווען פאַראייניגט די מידות פון אַ גרויסן הערשער און אַן אומ'ברחמנות'דיגן געלט־פּרעסער. די וואָס זיינען געווען אומצופרידן פון זיין פירונג האָבן געזוכט הילף ביי דער קירך. צוזאַמען מיט ווילהעלמען איז געווען געקומען קיין ענגלאַנד די גייע גייסטליכקייט: זי האָט באַקומען אַ גרויסן חלק אין דעם פאַר־כאַפּטן האָב־און־גוטס, גרויסע מאַיאָנטקעס, אַ סך דינערשאַפט. אין אַ סך ענינים, וואו מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ שבועה, זיינען די בּיסקופן געווען ריכטער אויך, למשל אין פאַמיליע־זאַכן אָדער וועגן ירושות און צוואות.

הענריך II. האָט געהאַלטן, אַז די גייסטליכע משפט'ן צו ווייך, אַז זיי גיבן צו פיל נאָך די פאַרברעכער; ער האָט בכלל געוואָלט איינצאַמען די אומאָפּהענגיגקייט פון דער ענגלישער קירך. אויפן צונויפפאָר פון די

סעניאָרן און פרעלאַטן אין קלאַרענדאָן האָט העגריך דורכגעפירט אַ באַ־שלוס, אַז ביי קרימינעלע זאַכן דאַרפן זיינע באַפולמעכטיגטע זיך באַטיי־ליגן אין קירכליכן געריכט; מען האָט פאַרווערט די גייסטליכע פערזאָנען אַרויסצופאָרן פון ענגלאַנד אָן דער ערלויבעניש פון קיניג און צו גיין צום פויפסט מיט אַפעלאַציעס. נאָר אַנטקעגן די קלאַרענדאָנער באַשלוסן איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער אַרצביסקופ פון ענגלאַנד, טאָמאַס בעקעט; אויך האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט מיט היץ קעגן דעם, וואָס מען באַרייסט אַזוי דעם עולם מיט שטייערן אויף אויפצוהאַלטן די קיניגליכע באַאַמטע. בכדי צו געפינען שטיצע ביים פויפסט, איז בעקעט אַוועק קיין פראַנק־רייך; אויף אַזאַ אופן האָט ער עובר געווען אויפן קלאַרענדאָנער באַשלוס. נאָר דער פויפסט אַלעקסאַנדער III., וואָס האָט פונקט דעמאָלט געהאַט אַ שווערן סכסוך מיט באַרבאַראָסען, האָט ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך אָנצוהייבן נאָך אַ נייעם קריג מיטן קיניג פון ענגלאַנד. טאָמאַס בעקעט האָט זיך געמוזט אומקערן קיין ענגלאַנד מיט גאָרנישט. דאָס פאָלק האָט אים צוגענומען מיט באַגייסטערונג, בעת ער איז אַריינגעפאָרן אין לאָנ־דאָן, ווייל מען האָט געקוקט אויף אים, ווי אויפן הויפט־פאַרטיידיגער קעגן דעם מוטווילן און דער באַדריקונג מצד דעם קיניגס באַאַמטע. ווען בעקעט האָט אַריינגעלייגט אין חרם אַ צווייטן ביסקופ, דעם קיניגס אַן אָנהענגער, האָט העגריך ניט געקאָנט באַהאַלטן זיין אויפרעגונג. עטליכע הויפלייט, וואָס האָבן געוואָלט נושא־חן זיין ביים קיניג, האָבן זיך אַ וואָרף געטון זוכן בעקעטן און האָבן אים געטייט.

נאָר פאַרן קיניג איז דערפון קיין טובה ניט אַרויסגעקומען. ביים פאָלק איז בעקעט געבליבן דער קדוש, וואָס איז אומגעקומען פאַרן אמת. דער קיניג האָט געמוזט עפנטליך זיך מתוודה זיין אויף זיין קבר און שווערן, אַז ער איז ניט שולדיג אין דער הריגה; דעם גרעסטן טייל פון די קלאַרענדאָנער באַשלוסן האָט ער אויך געמוזט מבטל זיין. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער קלאַפ פאַר דער קיניגליכער מאַכט אין ענגלאַנד.

§ 85. **די גרויסע פרייהייטס־כאַרטיע.** העגריך II. זין זיינען געווען שלעכטע יורשים פון זייער פאָטער. דער עלטערער, ריטשאַרד לייבנהאַרץ, אַן אמת'ער וואַנדער־ריטער, האָט אַוועקגעוואָרפן זיין מלוכה און איז אַוועק אויף אַ קרייץ־צוג. דער יינגערער, יאָהאַן, מיטן צונאָמען אָן־אַ־לאַנד, האָט אַרויסגערופן מיט זיין שלעכטער פירונג אַלעמענס צאָרן. אין זיין מלחמה מיטן פראַנצויזישן קיניג פילים II. אָגיוסט האָט יאָהאַן

אָנגעוואוירן כמעט אַלע באַזיצונגען פֿון די פּלאַנטאַגענעטן אין פֿראַנקרײַך, בתוכם די נאָרמאַנדיע אויך. דערנאָך האָט יאָהאַן זיך צעקריגט מיטן פּויפּסט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיגן פֿאַרן ערשטן אַרצבישקופּ פֿון ענגלאַנד לאַנגטאָנ׳ען, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער גײַסטליכקײַט לויטן פּויפּסטס אָנווײַז. פּויפּסט איז יעמאָלט געווען דער מעכטיגער אינאָצענס III.; ער האָט אָפּגעענטפֿערט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויפֿגעלייגט אויף גאַנץ ענגלאַנד דעם **אינטערדיקט**: די גאָטסדינסטן און אַלע אַנדערע פֿונקציעס פֿון דער קירך האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די טויטע האָט מען ניט געבראַכט צו קבֿורה, די גלעקער זײַנען אַנטשטומט געוואָרן. ווען דער קיניג האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט נאָכגעבן, האָט דער פּויפּסט אים אַליין אַרײַנגעלייגט אין חרם און באַפֿרײַט אַלע אונטערטאַנען פֿון דער שבֿועה, וואָס זיי האָבן געוועסט געגעבן דעם קיניג. דאָ האָט זיך יאָהאַן דערנידעריגט ביז גאָר: ער האָט אָנגענומען דעם פּויפּסטס אַלע פֿאָדערונגען, אָנערקענט ענגלאַנד פֿאַר אַ פֿעאָדום פֿון דער רוימישער קוריע, געגעבן דעם פּויפּסטליכן לעגאַט אַ וואַסאַלן־שבֿועה און זיך מתחייבֿ געווען צו צאָלן רוים אַ יערליכן צינז.

איצט האָבן זיך אויפֿגעהויבן קעגן יאָהאַנען די באַראָנען און ריטער. שוין לאַנג זײַנען זיי געווען אויפֿגערעגט, וואָס דער קיניג שטעלט זיי בדלות מיט שטראָפֿן און מיט די אָפֿטע שוץ־געלטער, וואָס ער האַלט זייערע זין פֿאַר משכּונות און מאָנט פֿאַר זיי אויסלייז־געלט, וואָס ער פֿאַרקויפֿט אויף ליציטאַציעס אַלמנות און מיידלעך, יורש׳טעס פֿון נחלאות. זייער אומצופֿרידנקײַט איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען דער קיניג האָט איצט גענומען זוכן געלט צו באַצאָלן דעם פּויפּסט, און דערהויפּט בעת יאָהאַן האָט באַקומען אַ פֿולקומע מפּלה אין זײַן מלחמה קעגן פֿראַנקרײַך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, כּדי צוצונעמען צוריק די נאָרמאַנדיע. דער גרעסטער טייל ענגלישע באַראָנען האָבן זיך גענומען צום געווער, כאָטש דער פּויפּסט איז דאָסמאָל געווען אויפֿן צד פֿון קיניג, זײַן וואַסאַל. פֿאַרקערט, לאַנגטאָן און דאָס רובֿ גײַסטליכע זײַנען צוגעשטאַנען צו די מורדים. זיי האָבן זיך אויסגערופֿן פֿאַרן „חיל פֿון גאָט און פֿון דער הייליגער קירך“. ווען די רײַכע שטאָט לאָנדאָן האָט געעפֿנט פֿאַר זיי די טויערן און דער קיניג איז געבליבן איינער אַליין, האָט ער זיך מיאש געווען און נאָכגעגעבן. אויפֿן צוזויפֿפֿאָר אין **רענימעדער פּליין** איז ער מושווה געוואָרן אויף די באַדינגונגען פֿון די באַראָנען און אונטערגעשריבן די **גרויסע פֿרײַהייטס־כאַרטיע** (magna charta libertatum), וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט (אין 1215־טן יאָר).

אָט זײַנען אירע הויפּט־פּונקטן: 1) דער קיניג טאָר ניט נעמען קיין שום אומגערעכטע און מוטוויליגע אָפּצאָלונגען פֿון די באַראָנען און ריטער, ער טאָר ניט האַנדלען מיט פֿעאָדומס; ער מעג נאָר נעמען דאָס, וואָס דער פֿעאָדאַלער מִנהָג דערלאָזט. 2) בײַם קיניג ווערט צוגענומען דאָס רעכט צו מאַכען נײַע שטייערן און אָפּצאָלונגען לויט ווי אים געלוסט זיך, אחוץ די אָנגענומענע פֿעאָדאַלע צאָלונגען. שוין־געלטער און סובסידיעס (צושטײַער) קאָן ער באַקומען נאָר מיט דער הַסכָּמָה פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון גאַנצן קיניגרײַך, ד"ה פֿון ראָט פֿון די גרויסע און קליינע וואַסאַלן. 3) דער קיניג האָט צוגעזאָגט אַ גערעכטן מִשפּט פֿאַר אַלעמען. אין דער כאַרטיע שטייט געשריבן: „מען וועט קיינעם ניט כאַפּן, ניט אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה, ניט באַרויבן פֿון זײַן פֿאַרמעגן, ניט דערקלערן אויסערן געזעץ, ניט פֿאַרטרײַבן און ניט אַרײַנברענגען אין היזק, אויף קיינעם וועט ניט פֿאַלן דעם קיניגס גרימצאָרן, סײַדן עס וועט זײַן דערויף אַ געזעצליכער פּסק־דין פֿון מענטשן, וואָס זײַנען גלײַך צום באַשולדיגטן לויט זייער שטאַנד, אָדער על־פּי אַ געזעץ פֿון לאַנד". מיט די דאָזיגע ווערטער איז די פֿרײַהײַט פֿון אַ מענטשן אָוועקגעשטעלט געוואָרן אונטערן שוץ פֿון געזעץ; דער קיניג האָט שוין ניט געקאָנט לויט זײַן וואָוילגעפֿעלן אַרעסטירן און באַשטראָפֿן. 4) די כאַרטיע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַזאַ מין פּונקט: אַלע באַראָנען קלײַבן אויס פֿון צווישן זיך אַ ראָט פֿון 25; אויב דער קיניג איז עובר אויף דער כאַרטיע, דאַרפֿן זיי רופֿן „די קאָמונע פֿון גאַנצן לאַנד", ד"ה אַלע קריגסלײַט, צו אַן אויפֿשטאַנד פֿאַר דער פֿאַרטיידיגונג פֿון די כּלָלישע רעכט.

§ 86. **דער אָנהייב פֿון פּאַרלאַמענט.** קיניג יאָהאַן האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט די כאַרטיע ניט ערפֿילן. דער פּויפּסט האָט אים מַתּיר־שבועה געווען און דערקלערט, אַז דער אָפּמאַך איז בָּטל־וּמבוטל, אַז די באַראָנען זײַנען ערגער פֿאַר די סאַראַצענער. אַ סך מאָל זײַנען געווען עבירות קעגן דער כאַרטיע אויך אונטער דער לאַנגער רעגירונג פֿון יאָהאַנס זון הענריך III. (1216—1272).

הענריך האָט זיך פּונקט אַזוי ווי זײַן פֿאָטער געשטעלט אונטערן שוץ פֿון רוימישן שטול און געלאָזן דעם פּויפּסט געוועלטיגן אין ענגלאַנד, ווי בײַ זיך אין דערהיים. אין לאַנד האָבן זיך באַוויזן רוימישע „מעשר־קלײַבער" פֿאַר אַ קרייץ־צוג; און די גרויסע סומעס, וואָס פֿלעגן אויפֿגעקליבן ווערן, פֿלעגט דער פּויפּסט פֿאַרניצן צום קאַמף מיטן קיסר. אייג־

מאָל האָט אינאָצענס IV. געזאָגט צו זײַנע הויפֿלײַט, אָנווייזנדיג אויפֿן גאָלדענעם זוים, וואָס אויפֿן מלבוש פֿון אַן ענגלישן פּרעלאַט: „ענגלאַנד איז אַן אמת'ער גן־עדן פֿון אוצרות; נאָר ווּעמען עס איז אַ סך געגעבן, פֿון דעם פֿאָדערט מען אַ סך“. העינריך III. האָט אויך ליב געהאַט פֿונאַנדערצוגעבן שטעלעס און הכּנסות צו אָנגעפֿאָרענע אויסלענדער, כבוד־זוכער און סתם שווינדלער.

די אַריסטאָקראַטיע, די סעניאָרן און באַראָנען, וואָס זײַנען באַזײַטיגט געוואָרן פֿון דער מאַכט, זײַנען געווען אומצופֿרידן פֿון אַזאַ מין פּירונג. ווען דער קיניג האָט זיך אונטערגענומען צו העלפֿן דעם פּויפּסט קעגן די שטויפֿער און איז אַרײַנגעקראָכן אין גרויסע חובֿות בײַ דער רוימישער קוריע, האָט די אַריסטאָקראַטיע זיך אויפֿגעקליבן אויף אַ באַוואָפֿנטן צו־זאַמענפֿאַר אין אָקספֿאָרד און אײַנגעגנצן באַגרעניצט די קיניגליכע מאַכט. אָט דער „דולער פּאַרלאַמענט“ האָט איבערגעגעבן די גאַנצע ממשלה אַ ראָט פֿון עטליכע באַראָנען; עס איז געבליבן, אַז מען זאָל אַלע יאָר בײַטן די שעריפֿן און אויפֿקלײַבן דעם פּאַרלאַמענט ניט ווייניגער ווי דרײַ מאָל אַ יאָר.

נאָר די באַראָנען זײַנען ניט געווען אימשטאַנד אָוועקצושטעלן זייער אייגענע פֿאַרוואַלטונג אָנשטאָט דער קיניגליכער. צו די שעריפֿן, וואָס זיי פֿלעגן באַשטימען, האָט מען געהאַט דיזעלביגע טענות, ווי צו די פֿריער־דיגע. איצט איז אַרויסגעטראָטן סימאָן דע־מאָנפֿאָר, דער זון פֿונם באַ־ רימטן פֿון די אַלביגענזער, אייגער פֿון יענע אויסלענדער, וואָס זײַנען גרויס געוואָרן אין ענגלישן דינסט. אין אָנהייב איז ער געווען העינריך III. אַ ידיד; נאָר דערנאָך האָט ער זיך צעקריגט מיטן קיניג, גענומען אין געפֿענגעניש אים צוזאַמען מיטן טראָנפֿאָלגער און געוואָרן אַפּוטרופּוס איבער זיי. מאָנפֿאָר האָט געזוכט שטיצע בײַ די ריטער און שטאָטלײַט. די ריטער, ד"ה די מיטעלע און קליינע פּריצים, האָבן געהאַט אַ גרויסע ווערדע אין די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די גראַפֿשאַפֿטן; זיי פֿלעגן קומען אין געריכט ווי געשוואוירענע, אינאיינעם מיטן שעריף האָבן זיי געהאַלטן אָרדענונג אין געגנד, אינאיינעם מיט אים פֿלעגן זיי פֿונאַנדער־טיילן און אײַנמאָנען די שטײַערן. פּונקט אַזאַ אָרט האָבן פֿאַרנומען די פֿאַרמעגליכע סוחרים אין די שטעט.

אין יאַנואַר 1265־טן יאָר האָט מאָנפֿאָר צונויפֿגערופֿן דעם גרויסן פּאַרלאַמענט. צום ערשטן מאָל זײַנען דאָ געזעסן, — אַחוץ די פּרע־לאַטן און באַראָנען, וואָס זײַנען פֿאַרבעטן געוואָרן נאָמענטליך — אויך געקליבענע פֿאָרשטייער פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון די גראַפֿשאַפֿטן, צו

צוויי ריטער פֿון איטליכער, און פֿון די שטעט. צום ערשטן מאָל זייַנען די קאָמונעס, ד"ה די קיבוצים פֿון די מיטעלע מענטשן, גערופֿן געוואָרן אויף אַ באַראַטונג וועגן מלוכה־ענינים; ביז יעמאָלט האָבן אויף דעם געהאַט צו שאַפֿן נאָר די גרויסע פּריצים. מאָנפֿאָר האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטן. דער זון פֿונם קיניג, עדואַרד, איז אַנטלאָפֿן פֿון דער געפֿענגעניש און האָט צעקלאַפּט מאָנפֿאָרן, וועלכער איז אומגעקומען אין שלאַכט. אַלע אָנהענגער מאָנפֿאָרס זייַנען דערקלערט געוואָרן פֿאַר מורדים; אַלע הנחות האָט דער קיניג צוגענומען צוריק.

§ 87. דעם קיניגס פשרה מיט די שטאַנדן. דער באַזיגער פֿון מאָנפֿאָרן עדואַרד I. (1272—1307) האָט געפֿירט עטליכע גרויסע מלחמות: ער האָט איינגענומען דעם מערב'דיגן טייל פֿונם אינזל, אועלס, וואו עס האָבן זיך ביז יעמאָלט געהאַלטן אין אומאָפּהענגיגקייט די בריטן, ער האָט באַצוואונגען שאָטלאַנד און אָנגעפֿאַלן אויף פֿראַנקרייַך. צוליב די גרויסע אויסווייניגסטע אונטערנעמונגען האָט ער געמוזט אָנקומען צום פּאַרלאַמענט.

אויף צו דינגען מיליטער און צאָלן שכירות האָבן שוין איצט ניט געקלעקט די סומעס, וואָס די „שוץ־געלטער" און די „צושטייַער" האָבן אַרייַנגעבראַכט אין קאַסע. מען האָט געמוזט צוציען צו די הוצאות די שטאָטלייַט אויך, און דאָ איז דווקא געווען וואָס צו נעמען, ווייַל דורכן האַנדל זייַנען אַ סך בירגער שטאַרק נתעשר געוואָרן. באַשטימען אַ שטייַער, ניט פֿרעגנדיג בייַם צאָלער, איז געווען ניט אַזוי גרינג. די סוחרים האָבן כסדר געהאַט טענות, אַז מען נעמט בייַ זיי סחורה פֿאַר דער קרוינישער קאַסע צו פֿיל אָדער צו אומגעריכט. זיי פֿלעגן זיך אַן אַנדערש מאָל שטעלן אַנטקעגן אויך, אָפֿטמאָל פֿלעגן זיי פֿאַרבאַהאַלטן סחורה, עס פֿלעגט ניט איינמאָל אַרויסקומען אַ גרויסע מהומה. עס איז געווען אַ סך גלייַכער צו פֿאַרבעטן די סוחרים אין פּאַרלאַמענט און רואיג זיך מיישב זייַן מיט זיי וועגן דער גרייס פֿונם שטייַער.

אין 1295־טן יאָר, דרייַסיג יאָר נאָך מאָנפֿאָרס גרויסן פּאַרלאַמענט, האָט דער קיניג צונויפֿגערופֿן אין וועסטמינסטערשן פּאַלאַץ אין לאָנדאָן פּונקט אַזאַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון די באַראָנען און פּרעלאַטן אינאיינעם מיט געקליבענע פֿאָרשטייער פֿון די גראַפֿשאַפֿטן און שטעט. אין צוויי יאָר אַרום האָט עדואַרד II. ווידער באַדאַרפֿט האָבן גרויסע סומעס אויף אַ מלחמה מיט פֿראַנקרייַך. בייַ דער גייַסטליכקייַט האָט ער געוואָלט צונעמען אַ העלפֿט פֿון איר פֿאַרמעגן. נאָר דווקא אין דער צייַט האָט

פּויפּסט באַניפֿאַציוס VIII. פֿאַרוועורט די גײַסטליכע צו צאָלן וועלכע עס איז שטײַערן דער מלוכה. דער קיניג איז געוואָרן אין כעס, געהייסן צו־נעמען דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פֿונם ערשטן אַרציביסקופּ פֿון ענגלאַנד און געוואָרפֿן אַן אומ'חן אויף דער גאַנצער גײַסטליכקײַט. אָבער נאָך די פּרעלאַטן האָבן די גרויסע סעניאָרן אויך גענומען ווידערשפּעניגן: זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן דעם קיניג אַ חיל און האָבן זיך באַוואָפֿנט קעגן אים. און ווען עדוואַרד האָט געפֿאָדערט זעלנער און לעבנסמיטל פֿון גאַנצן לאַנד און פֿאַרהאַלטן די גאַנצע וואָל, וואָס איז געווען אָנגע־לאָדן אין די האַפֿן־שטעט, האָבן זיך אַ הייב געטון די בירגער אויך.

עס האָט געהאַלטן בײַ אַ גרויסן קאָנפֿליקט. נאָר עדוואַרד I. האָט ניט דערפֿירט ביז אַן אויפֿשטאַנד, ווי זײַן זיידע יאָהאַן מיט 82 יאָר פֿריער. ער איז געגאַנגען אויף אַ פּשרה מיט די דרײַ שטאַנדן (די גרויסע און קליינע וואַסאַלן, די גײַסטליכקײַט און די שטאָטלײַט). דער פּאַרלאַמענט האָט אים צוגעזאָגט די אָפּצאָלונגען, אָבער בתנאי אַז דער קיניג זאָל באַ־שטעטיגן אַלע פֿריערדיגע פֿרײַהייטן און דערהויפּט יענעם פּונקט פֿון דער כאַרטיע, וואו עס שטייט געשריבן, אַז שטײַערן טאָר דער קיניג מאָנען ניט אַנדערש, ווי מיט דער הסכמה פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון קיניגרײַך. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איינמאָל אַ יאָר זאָל מען לייענען די כאַרטיע פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַרשעלטן אַלע אירע געגנער.

§ 88. **די מלחמות מיט פֿראַנקרייך.** עדוואַרד I. האָט געפֿירט די מלחמה מיט פֿראַנקרײַך, כדי צו הייבן די ענגלישע אינדוסטריע. ער האָט זיך געוואָלט אײַנשאַפֿן האַפֿנס אויפֿן קאָנטינענט און עפֿענען אַ פֿרײַען וועג קיין פֿלאַנדריע, וואָס איז דאַן געווען אַ וואַסאַלן־פֿירשטנ־טום בײַ פֿראַנקרײַך. ענגלאַנד האָט געליווערט וואָל פֿאַר די טוך־וואַר־שטאַטן פֿון פֿלאַנדריע; פֿאַר די ענגלענדער איז דעריבער געווען וויכטיג צו האַלטן אין זייערע הענט דעם טראַנספּאָרט פֿון סחורה איבערן קאַנאַל און צו האָבן אויף יענער זײַט לאַגערס. צוליב דעם איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמפּאַניע הענדלער־לאַג'ערלײַט. זיי פֿלעגן אַרויספֿירן פֿון ענגלאַנד וואָל און פֿעלן; צוריק קיין ענגלאַנד האָבן זיי גע־נומען אַרײַנפֿירן תבואה פֿון די באַלטישע לענדער. אָט דאָ הייבט זיך אָן די שיפֿערײַ פֿון די ענגלענדער; ביז דאַן איז דער ים־צופֿיר צו זיי גע־ווען אין פֿרעמדע הענט.

בײַ עדוואַרד I. איינִיקל, עדוואַרד III., זײַנען די אונטערנעמונגען מעבֿר־לים דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ענגלאַנד האָט זיך געמוזט אַרײַנלאָזן

אין לאַנגע מלחמות מיט פֿראַנקרייַך, וואָס טראָגן דעם נאָמען: די הונדערטיאָריגע מלחמה (1339—1459).

עדואַרד III., וואָס איז געווען לויט זיין גאַנצן כאַראַקטער אַ רירעוו־דיגער ריטער און אַ סעניאָר אָן אויסברעננגער, איז אַרויס מיט אַ תביעה אויפֿן פֿראַנצויזישן טראָן און עטליכע מאָל געקומען צו גיין מיט חיל אין צפֿון־פֿראַנקרייַך. זייַנע געדונגענע מחנות פֿון „יאָמענס" (פֿאַרמעגליכע פּויערים) אָדער אויסלענדער, פֿראַנצויזן און אירלענדער, זייַנען געווען גוט אייַנגעלערנט אין קריגסקונסט: די שווער־באַוועגליכע פֿראַנצויזישע ריטערשע קאַוואַלעריע האָט ניט געקאָנט בייַשטיין אַנטקעגן די לייַכטע שיסער פֿונם ענגלישן פּוספֿאָלק. אין צייַט האָט עדואַרד III. פֿאַרנומען כמעט גאַנץ מערב־פֿראַנקרייַך, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו הענריך II. אויך האָט ער פֿאַרכאַפּט די וויכטיגע שטאָט קאַלע, אַ לאַנגער־פּלאַץ פֿאַרן ענג־לישן מסחר, אויפֿן שמאָלסטן אָרט בייַם דורכגוס אַנטקעגן ענגלישן ברעג.

אָבער דער נייַער באַזיץ האָט קיין קיום ניט געהאַט. דער ענגלישער קיניג איז ניט געווען אימשטאַנד צו האַלטן תמיד גאַרניזאָנען אינם באַ־זעצטן לאַנד. עס פֿלעגט אויסקומען, צוליב דוחק אין מיטלען, איבער־צורייַסן די גינציג אָנגעהויבענע מלחמה און פֿונאַנדערצולאָזן די זעלנער; זיי פֿלעגן זיך דערבייַ פֿאַרוואַנדלען אין רויבערבאַנדעס. צום סוף פֿון קיניג עדואַרדס לאַנגער רעגירונג (1327—1377) זייַנען כמעט אַלע גע־ווינסן אין פֿראַנקרייַך ווידער געווען פֿאַרלוירן, אַחוץ קאַלע און באָרדאָ.

§ 89. **די פֿאַרשטאַרקונג פֿונם פּאַרלאַמענט.** ווען מען פֿלעגט דאַרפֿן האָבן מיטאַמאָל גרויסע סומעס, פֿלעגט דער קיניג ווענדן זיך צו די איטאַליענישע באַנקירן. ער איז געווען בייַ זיי אָן אייביגער בעל־חוב. דער שטענדיגער דוחק אין געלט האָט אים אויך גענייט כסדר אָנצוקומען צום פּאַרלאַמענט. אין עדואַרד III. צייַט ווערט שוין דער פּאַרלאַמענט אַ געוויינטליכע זאַך. פֿאַר די 50 יאָר פֿון זייַן הערשונג איז דער פּאַר־לאַמענט צונויפֿגערופֿן געוואָרן 70 מאָל.

דער פּאַרלאַמענט האָט זיך צעטיילט אויף צווי פּאַלאַטעס. אין דער ערשטער, דער אייבערשטער פּאַלאַטע, זייַנען געזעסן די פּרע־לאַטן, גרויסע סעניאָרן און באַראָנען (לאָרדן), וואָס פֿלעגן פֿאַרבעטן ווערן פּערזענליך פֿון קיניג. עס איז געוואָרן אַ מנהג צו רופֿן אַלע מאָל די־זעלבע לאָרדן, און נאָך זייער טויט האָט מען גענומען איבערטראָגן דעם כבוד אויף זייערע זין; אויף אַזאַ אופֿן איז דער ראַנג פֿון אַ לאָרד פֿון דער אייבערשטער פּאַלאַטע ביסלעכווייַז געוואָרן אַ ירושה־זאַך. אין דער

צווייטער, דער אונטערשטער פּאַלאַטע (אָדער די פּאַלאַטע פֿון די גע־מיינדעס, פֿון די קאָמונעס) האָט מען אַרויסגערופֿן די פֿאָרשטייער פֿון די גראַפֿנשאַפֿטן און שטעט. די געמיינדעס פֿלעגן דערלאַנגען אָנקלאָגן און בקשות (פּעטיציעס); זייערע פֿאָרשטייער פֿלעגן באַווילינגן שטייַערן נאָר אין דעם פֿאַל, אויב זיי פֿלעגן קריגן אַ תשובֿה אויף זייערע אָנקלאָגן, וואָס זייַנען געווען שייך צו פֿאַרשיידענע געביטן פֿון דער אינעווייניקסטער פֿאַרוואַלטונג. דער פּאַרלאַמענט פֿלעגט רופֿן צו זיך אויף משפּט די קיניגליכע באַאַמטע; דעם לעצטן יאָר פֿון עדוואַרד III. ממשלה זייַנען צוויי קיניגליכע הויפּט־יועצים פֿאַר'משפּט געוואָרן דורכן פּאַרלאַמענט און אַראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון זייערע שטעלעס.

§ 90. **די באַפֿרייאונג פֿון די פּויערים.** אין דער צייַט איז אין ענגלאַנד פֿאָרגעקומען די באַפֿרייאונג פֿון די פּויערים. אַ סך באַזיצער פֿון הויפֿן האָבן אין 13־טן י"ה אָנגעהויבן וואוינען אין די שטעט, בייַם קיניגליכן הויף, פֿאָרן אויף די פּאַרלאַמענטן. פֿאַר זיי איז געווען ניטבאַ־קוועם צו באַקומען פּראָדוקטן פֿון זייער באַלעבאַטישקייַט; אַ סך נייטיגער האָבן זיי געדאַרפֿט האָבן געלט. זיי האָבן דעריבער גענומען פֿאַרקויפֿן וואָל אין אויסלאַנד; און דער עיקר — זיי האָבן אָנגעהויבן אַריבערפֿירן זייערע ווילאַנען פֿונם שרהה־דינסט אויף געלט־אָפּצאָל.

דער דאָזיגער שינוי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער לאַגע פֿון די פּויערים. מען האָט שוין איצט ניט אַכטונג געגעבן פֿונם פֿריי־ציִשן הויף אויף זייַער אַרבעט; זיי האָבן זיך שוין ניט געמוזט אָפּרייַסן פֿון זייערע אייגענע פֿעלדער און געקאָנט צעטיילן זייער צייַט ווי זיי אַליין האָט זיך געגלוסט. וויבאַלד דער באַזיצער האָט גאָר געדאַרפֿט געלט, האָט שוין דער פּויער געמעגט אַוועקגעבן זיין ערד אין אַ ערענדע אַן אַנדערן און אַליין אויסקלייַבן אַן אַנדער באַשעפֿטיגונג; ער האָט שוין מער ניט געקאָנט זייַן צוגעשמידט צו דער ערד. אויך האָט דער פּויער געקאָנט מיט אַ גרויסער סומע אויסקויפֿן זיך איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿון אַ גע התחייבות'ן אָדער אָפּקויפֿן בייַם פּריץ די ערד, אויף וועלכער ער איז גע־זעסן. אָדער ווערנדיג פֿרייַ האָט דער פּויער געקאָנט מאַכן מיטן פּריץ אַ קאָנטראַקט („קאָפּי", דערפֿון נעמט זיך דער ענגלישער נאָמען פֿאַר די דאָזיגע פּויערים „קאָפּי־האָלדערס" — „קאָנטראַקט־האַלטער"), אז פֿאַר אַ געוויסן יאָריגן געצאָלט בלייַבט די ערד בייַם באַנוצער אויפֿן גאַנצן לעבן אָדער אויף עטליכע לעבנס (ד"ה בייַם אָפּמאַכער, ביי זיין זון און זייַן איניקל).

דורך דער באַפרייאונג פון די פויערים האָבן די פּריצים אָנגעוואוירן זייערע געצוואונגענע אַרבעטער. איצט, ווען זיי האָבן געדאַרפט עפּעס טון אין זייער באַלעבאַטישקייט, האָבן זיי געמוזט נעמען געדונגענע מענטשן. פאַר געלט פלעגן זיך פאַרדינגען דאָס רוב אַזוינע, וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט קיין ערד און געלעבט נאָר פון די שכירות.

די דאָזיגע שינוים זיינען פאָרגעקומען אַ לאַנגע צייט אומבאַמערקט, פון זיך אַליין, אין פאַרשיידענע „מענערס" (זעה § 49) פון ענגלאַנד. נאָר אין מיטן פון 14־טן י"ה איז געקומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס צווישן די האַרן און די דאָרפישע אַרבעטער. איבער גאַנץ אייראָפּע איז אַדורך אַ שרעקליכע מגפה, די פעסט, וואָס מען האָט גערופן „דער שוואַרצער טויט". אַ יאָר צייט האָט זי געווילדעוועט אין ענגלאַנד און פאַרלענדט טויזנטער מענטשן. גוואַלדיגע שטיקער ערד זיינען געבליבן פוסט און וויסט, ווייל עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי באַארבעטן; די צאָל אַרבעטער האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט. די וואָס זיינען איבער־געבליבן האָבן געוואָלט גיין אַרבעטן נאָר פאַר אַ סך אַ העכערן לוין, לכל־הפחות צווייטאָל העכער ווי פאַר דער מגפה. פיל פּריצים זיינען געבליבן אינגאַנצן אָן אַרבעטער.

צום פּאַרלאַמענט האָבן זיך אַ שאָט געטון אָנקלאָגן פון די פּריצים אויף דער הפקרות פון די אַרבעטער. קיין פאָרשטייער פון די פויערים זיינען אין פּאַרלאַמענט נאָך ניט געווען; פאַרקערט, די סעניאָרן און ריטער, וואָס זיינען דאָרט געזעסן, האָבן זיך געקאָנט אויפריידן, ווי אַזוי אַרויסצוטרעטן קעגן די אַרבעטער. בהסכם מיטן פאַרלאַנג פון פּאַרלאַ־מענט האָט קיניג עדוואַרד III. דעריבער אַרויסגעגעבן זייער שטרענגע תקנות וועגן אַרבעטער (אין 1349־טן יאָר). די תקנות האָבן שטרענג פאַרווערט אָפּצוזאָגן זיך פון דער פאָרגעלייגטער אַרבעט און איינגעשטעלט שכירות ניט העכער ווי פאַר דער פעסט. דער פּריץ האָט באַקומען דאָס רעכט מיט דער הילף פון פּאָליציי כאַפּן אויף אַרבעט איט־ליכן מענטשן, וואָס האָט ניט קיין ערד און איז ניט פאַרנומען אין מלאכה אָדער האַנדל. דערנאָך האָט מען נאָך צוגעגעבן צו די תקנות נייע האַרבע שטראָפן פאַר ניטפלייסיגע און אַנטלאָפענע אַרבעטער. פאַר אַנטלויפן פלעגט מען אַריינזעצן אויף יאָרן אין תפיסה, און אויפן שטערן פלעגט מען מיט אַ גליענדיגן אייזן אויסברענען דעם פאַרברעכער אַ צייכן.

§ 91. **דער פויערשער אויפשטאַנד.** עס האָט געהאַט אַ פּנים, ווי די פּריצים וואָלטן פון־דאָס־ניי וועלן צושמידן די אַרבעטער צו דער

ערד. צווישן די פּויערים האָט זיך דערוועקט אַ גרויסע אומצופֿרידנקייט, מען האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז די ערד דאַרף געהערן צו אַלעמען גלייך, ווייל אַלע ווערן געבוירן די־זעלבע יחסנים; און די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט ווינציג ערד אָדער געווען גאָר אָן ערד, האָבן זיך אָנגעצונדן פֿון אַזוינע רייד.

דרייסיג יאָר נאָכן שוואַרצן טויט האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד. דאָס איז געווען אונטער דער הערשונג פֿון עדוואַרד III.ס אייניקל, ריטשאַרד II. אויפֿגעפֿלאַקערט האָט דער אויפֿשטאַנד נאָכדעם, ווי צו די אַלע פֿריערדיגע שווערע אָפּצאָלן פֿון די ווילאַנען איז צוגעקומען נאָך אַ פֿרישע צאָלונג — דאָס קאָפּ־געלט, מיט וועלכן מען האָט געדאַרפֿט דעקן די הוצאות אויף דער מלחמה מיט פֿראַנקרייך. זומער 1381 האָבן זיך אין דרום־מזרח'דיגן טייל פֿון ענגלאַנד געזאַמלט קלייבן גרויסע מחנות באַוואָפֿנטע מענטשן. די שטייער־אויפֿמאָנער האָט מען געטייט און זייערע קעפּ אַרויפֿגעשטעקט אויף שטאַנגען; די ריכטער, וואָס דער קיניג האָט צוגעשיקט אויסצופֿאָרשן דעם ענין, האָבן געמוזט אַנטלויפֿן. די מורדים האָבן גענומען פֿונאַנדערשיקן בריוו צו די איינוואוינער פֿון אַנדערע געגנטן, רופֿנדיג זיי „צוזאַמען אויסצוקעמפֿן די פֿרייהייט און איבערצומאַכן די שלעכטע פֿירונגען פֿונם קיניגרייך".

מיט וואַט טיילער'ן אין דער שפּיץ זיינען די מורדים צוגעגאַנגען ביז לאָנדאָן. ניט ווייט פֿון דער הויפּטשטאָט, פֿון אַ הויכן אָרט, האָט זיך געשטעלט ריידן פֿאַר זיי דער גייסטליכער דזשאָן באָל, וואָס איז אָקאָרשט באַפֿרייט געוואָרן דורכן פֿאָלק פֿון תּפֿיסה. ער האָט געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זיינען אין אָנהייב געווען גלייך, נאָר די רשעים האָבן גענומען באַדריקן זייערע ברידער, און דערפֿון איז אַרויסגעקומען די קנעכטשאַפֿט, וואָס איז דערווידער דעם געטליכן ווילן. אָבער איצט איז געקומען די צייט אַראָפּצושלײַדערן די פֿילהונדערטיאָריגע פֿאַרקנעכטונג. מען דאַרף פֿאַרטיליגן די שררות, די ריכטער און די אַלע, וואָס ברענגען שאָדן דעם געמיינעם מאַן. מיט פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿאָנעם זיינען די פּויערים אַריין אין לאָנדאָן, און אַ סך איינוואוינער פֿון דער הויפּטשטאָט זיינען צוגעשטאַנען צו זיי; אינם שלאָס טאָוער (Tower) האָט מען געפּאַקט און געטייט אַ סך קיניגליכע יועצים, צווישן זיי דעם ערשטן אַרכיבּיסקופּ פֿון ענגלאַנד. דער קיניג איז געווען אין הוילע שרעק און צוגעזאָגט צו ערפֿילן אַלע פֿאָדערונגען, אָפּצושאַפֿן אַלע פֿאָרמען פֿון קנעכטשאַפֿט און אָפּהענגיגקייט, אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיינע שלעכטע עצה־געבער. נאָך אַזאַ נצחון איז דער גרעסטער טייל אויפֿגעשטאַנענע אַוועק צו זיך אַהיים. דער־

ווייל האָט דער קיניג גענומען אויפֿקלייבן פֿון אומעטום ריטער קעגן דעם אויפֿשטאַנד. ריטשאַרד II. האָט געהייסן אָנזאָגן די אָנפֿירער פֿונם אויפֿשטאַנד, אַז ער וויל זיך זעהן מיט זיי ביים שטאָטישן טויער, און דאָ האָט דער לאָנדאָנער שטאָט־ראש מעשה־פֿאַררעטער אין בייזיין פֿון קיניג דערהרג'עט וואָט טײַלערן. די ריטער האָבן געהאָלפֿן דעם קיניג צו צעטרייבן און אויסצוהרג'ענען די אויפֿגעשטאַנענע מחנות. דער קיניג האָט געבראָכן אַלע זײַנע צוזאָגן: מען האָט פֿונאַנדערגעשיקט איבער די גראַפֿשאַפֿטן ריכטער מיט אַפּטיילונגען פֿון רײַטער און געגעבן זיי אַ באַפֿעל — אומעטום צו צערייסן די פֿרײַהייטס־פּאַפּירן, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געהאַט באַקומען.

דער אויפֿשטאַנד האָט ניט דערגרייכט זיין ציל; אָבער די פּריצים האָט זיך אויך ניט אײַנגעגעבן אומצוקערן זיך צום פֿריערדיגן מצב. אין 15־טן י"ה זײַנען די פֿריערדיגע התחייבֿות'ן פֿון די פּויערים ביסלעכווייז בטל געוואָרן; און צוריק פֿאַרוואַנדלען די געדונגענע אַרבעטער און אַרענדאַרן אין לײַבקנעכט האָט זיך אויך ניט אײַנגעגעבן.

§ 92. **די מלחמה פֿון די רויזן.** וואָס מער ריווח עס האָט געבראַכט דער פֿאַרקויף פֿון וואָל אין אויסלאַנד, אַלץ מער האָבן די פּריצים אָנגעהויבן האָדעווען שאָף. די רײַכע פּריצים האָבן נאָך גענומען צוקויפֿן ערד אַרום זייער מאַיאָנטעק און אַרומצאַמען זייער באַזיץ. די אָרימע ריטער זײַנען געבליבן בײַ גאָרנישט; דעריבער האָבן זיי אַוועקגעוואָרפֿן די ערד, געזוכט נײַע פּרנסות, פֿאַרדונגען זיך אין קריגס־אונטערנעמונגען, אין דער קיניגליכער פֿאַרוואַלטונג אָדער בײַ די גרויסע סעניאָרן. בײַ די לאָרדן זײַנען אויף אַזאַ אופֿן צוגעקומען גרויסע סוויטעס פֿון „ליווערע־מענטשן", אָרימע ריטער, וואָס זײַנען געזעסן אויף קעסט בײַ זיי אין די שלעסער און געטראָגן די הערב־פֿאַרבן פֿון זייער לאָרד. אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 15־טן י"ה האָבן די דאָזיגע מאַסן אומבאַשעפֿטיגטע מענטשן געפֿונען פֿאַר זיך אַרבעט: די נײַע מלחמות פֿון די ענגלישע קיניגן אין פֿראַנקרײַך.

באַנײַט די דאָזיגע מלחמות האָט קיניג הענריך V. (אין 1415־טן יאָר). זײַן פֿאָטער, דער הערצאָג פֿון ל אַ נ ק אַ ס ט ע ר, פֿון אַ זײַטן־ליניע פֿון די פּלאַנטאַגענעטן, האָט געהאַט אַראָפּגעוואָרפֿן ריטשאַרד II. און מיטן הסכם פֿון פּאַרלאַמענט באַקומען די קרוין (אונטערן נאָמען הענריך IV.). הענריך V. האָט געפֿירט די מלחמה מיט גרויס ערפֿאָלג: אין אַ קורצער צײַט האָט ער אײַנגענומען האַלב פֿראַנקרײַך מיט דער שטאָט פּאַריז. נאָר

דער דריטער קיניג פון דער לאַנקאַסטערשער דינאַסטיע, הענריך VI., האָט ווידער אָנגעוואוירן די אַלע געווינסן, און מען האָט די ענגלענדער איני־גאַנצן אַרויסגעשטופּט פון קאָנטינענט. דאָ האָבן זיך די גרויסע מאַסן קריגסלייט אַ וואָרף געטון אין אַ היימישן קריג.

די הערצאָגן פון יאָרק זײַנען געקומען צו גיין מיט תּביעות אויפן טראָן; זיי האָבן פונקט ווי די לאַנקאַסטערס געשטאַמט פון עדוואַרד III. די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייען: איינע האָבן געהאַלטן מיט די יאָרקס (אַ ווייסע רויז אין הערב), די אַנדערע מיט די לאַנקאַסטערס (אַ רויטע רויז אין הערב). דרײַסיג יאָר האָט זיך געצויגן דער בלוטיגער בירגער־קריג. עס האָבן זיך אומגעקערט די אַלטע פעאָדאַלע צײַטן. די גרויסע סעניאָרן זײַנען ווידער געוואָרן אומ־באַגרעניצטע הערשער אין זייערע באַזיצונגען: זיי האָבן באַשטימט גע־שוואוירענע אין די גערימכטן, זיי האָבן געשיקט מענטשן אין פּאַרלאַמענט, די באַאַמטע זײַנען געווען אָפּהענגיג פון זיי. איינער אַ סעניאָר אוואָריק האָט געהאַט 63 שלעסער און געשפּײַזט אין זיי עטליכע טויזנט מענטשן. אוואָריק האָט עטליכע מאָל „געמאַכט קיניגן“ — דאָ פון איין דינאַסטיע, דאָ פון דער אַנדערער. אין קריג און אויפן עשאַפאָט זײַנען אומגעקומען אַלע פאָרשטייער פון ביידע דינאַסטיעס, און די פאָרשטייער פון די אַריס־טאָקראַטישע משפּחות האָבן זיך געגנזײַטיג אויסגעקוילעט. ענדליך, אין 1485־טן יאָר, איז די מלחמה אײַנגעשטילט געוואָרן, ווײַל עס איז שוין כמעט ניט געווען מער ווער עס זאָל זיך שלאָגן. די קרוין האָט באַקומען אַ ווײַטער קרובֿ פון די לאַנקאַסטערס, הענריך VII. טיודאָר.

12. פראַנקרייך און שפּאַניע.

§ 93. **פראַנקרייך איז אין 11־טן יאָרהונדערט** געווען אויף אַ דריטל קלענער ווי הײַנט. אויף מזרח האָט זי געגרייכט נאָר ביז דער מאַאַס און ביז דער ראָנע, און איר יבשה־גרעניץ איז געגאַנגען כמעט אין אַ גראָדער ליניע פון דער לעפּצונג פון דער שעלדע ביז דער לעפּצונג פון דער ראָנע; אירע הײַנטיגע מזרחדיגע געגנדן, וואָס זײַנען שוין דאַן געווען ראָמאַניש לויט זייער שפּראַך, האָבן באַלאַנגט צו דער דײַטשער אימפּעריע (אויף צפון־זײַט) און צום קיניגרײַך בורגונדיע (אויף דרום). אָבער אַפילו אין דעם באַשטאַנד איז פראַנקרײַך אויך ניט געווען געאייניגט. די קיניג־ליכע מאַכט איז געווען שוואַך און נישטיג, זי האָט נאָר לויטן נאָמען אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. אין דער אמתן איז דער קיניג געווען

נאָר איינער פֿון עטליכע גרויסע סעניאָרן. די אַנדערע סעניאָרן האָבן זיך גערעכנט פֿאַר זייַנע וואַסאַלן, נאָר באמת זייַנען זיי געווען אומאָפּהענגיג פֿון אים: דער גראַף פֿון טולוזע אויף דרום און דער הערצאָג פֿון נאָרמאַנדיע (דערהויפּט ווען ער איז אין 1066־טן יאָר געוואָרן קיניג אין ענגלאַנד) זייַנען געווען שטאַרקער פֿאַר זייער סיוזערן. דער דרום איז געווען אינגאַנצן אָפּגעטיילט; דאָ האָט מען גערעדט אויף אַ באַזונדער ראָמאַנישער שפּראַך (פּראָוואַנסאַליש, אָדער ל אַ נ ג ע ־ ד ׳ אָ ק); אין 12־טן י״ה איז דער דאָזיגער געגנט געוואָרן אַלביגענזיש און האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דער קאַטוילישער קירך.

§ 94. **די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די קאַפּעטינגער.** אין 10־טן י״ה איז אָנשטאָט דעם לעצטן קאַראָלינגער אין פֿראַנקרייַך געקומען אַ קיניג, וואָס די וואַסאַלן האָבן אויסגעקליבן פֿון צווישן זיך: דאָס איז געווען גראַף הוגאָ קאַפּעט. די אייגענע באַזיצונגען פֿון זייַנע נאָכפֿאָלגער, וואָס האָבן געהייסן ק אַ פּ ע ט י נ ג ע ר (987—1328), האָבן זיך געפֿונען בייַ דער מיטלסטער סענע (מיט פּאַריז) און בייַ דער מיטלסטער לואַרע (מיט דער שטאָט אָרלעאַן); און די דאָזיגע באַזיצונגען זייַנען נאָך אויך געווען דורכגעשניטן פֿון פֿרעמדן באַזיץ, און אינעווייניג זייַנען נאָך געשטאַנען בורגן פֿון ניט־געהאָרכזאַמע וואַסאַלן. אין משך פֿון 11־טן י״ה האָבן די קיניגן צו־ביסלעך פֿאַרגרעסערט זייער אייגנס דורך רויבן און קויפֿן, געפֿירט קריג מיט די וואַסאַלן, וואָס זייַנען געזעסן בייַ זיי, און צוגענומען זייערע שלעסער.

אין 11־טן י״ה איז אין פֿראַנקרייַך געווען זייער לעבעדיג. אַ סך ריטער זייַנען אַוועק אויף קרייץ־צוגן; ווייַט אויף מזרח האָבן זיך אויסגעשפּרייט די פֿראַנצויזישע קאָלאָניעס, און ס׳האָט דאָרט גענומען קלינגען די פֿראַנצויזישע שפּראַך. די קרייץ־צוגן האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער מסחר פֿון די דרום׳דיגע שטעט, וואָס בייַם מיטלענדישן ים, איז אַ סך לעבעדיגער געוואָרן. גלייַכצייַטיג האָבן זיך אין צפֿון־פֿראַנקרייַך גענומען הייבן די קאָמונעס מיט דער רייַכער סוחרים׳שאַפֿט און דער זעלבשטענדיגער מלאָכה. אין פּאַריזער אוניווערסיטעט האָבן זיך אַרויסגערוקט די גרעסטע געלערנטע פֿון אייראָפּע. אין די שטעט פֿון צפֿון־פֿראַנקרייַך איז אויך אויפֿגעקומען די נייַע קאָמפּליצירטע און געהויבענע בויקונסט, די ג אָ ט י ק.

די קיניגן פֿון דער צייַט זייַנען געווען פֿרעמד דעם גייַסטיגן אויפֿשטייַג פֿון פֿאָלק: זיי זייַנען געווען קריגסלייַט און געלטקלייַבער. נאָר זיי האָבן אויף אַ קונציגן שטייגער אויסגענוצט די אַלע טובֿות, וואָס פֿראַנק־

רײַכס מעמד האָט זיי געקאָנט געבן. זיי האָבן געשטיצט די אויפֿשטאַנדן פֿון די קאָמונעס קעגן די סעניאָרן און בישאָפֿן. ווען די קרייץ־צוגן קיין מזרח האָבן אויפֿגעהערט, האָבן די קיניגן אַרײַנבאַקומען אין זייערע הענט די פֿרײַע קריגסמאַכט, און זיי האָבן זי גענומען אָנווענדן, כּדי צו פֿאַרכאַפּן די נאָרמאַנדיע און דורכצושלאָגן זיך אַ וועג צום ים; ווײַטער האָבן זיי זיך אַ רוק געטון אויף דרום, כּדי אײַנצונעמען דעם רײַכן מיטלענדישן ברעג מיט זײַן אויסגעשפּרייטן מסחר.

קיניג פֿיליפּ II. אָגיוסט (1180—1223) האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם קאָנטינענטאַלן באַזיץ פֿון די פּלאַנטאַגענעטן, אויסנוצנדיג די שוואַכקייט פֿון הענריך II. זין. ער האָט צוגענומען בײַ יאָהאַן אָן־אַ־לאַנד די נאָרמאַנדיע, און נאָך דער גרויסער שלאַכט בײַ בווין איז דער נײַער באַזיץ געבליבן בײַ אים, כאָטש די ענגלענדער זײַנען געקומען ניט איינע אַליין, נאָר זיי האָבן נאָך געבראַכט צו הילף דעם דײַטשן קיסר אָטאָן IV. און דעם גראַף פֿון פֿלאַנדריע, וואָס איז געקומען צו גיין מיט די חילות (מיליציעס) פֿון די רײַכע פֿלאַנדרישע שטעט. פֿיליפּ האָט פֿון זײַן זײַט צונויפֿגערופֿן חילות פֿון די פֿראַנצויזישע קאָמונעס און אַרויסגעשטעלט אַ סך גערונגענע זעלנער. איצט האָט ער געהאַט דורכן טײַך סענע אַן אויסגאַנג צום ים. אַ ביסל שפּעטער זײַנען מיט צפֿון־פֿראַנקרײַך פֿאַראייניגט געוואָרן אויך די באַפֿעלקערטע און רײַכע געגנדן פֿון דרום, לאַנגעדאָק; די צפֿון־פֿראַנצויזישע ריטער האָבן אײַנגענומען דאָס לאַנד אין זייער קרייץ־צוג קעגן די אַלביגענזער. די פֿירער פֿון די קרייצטרעגער האָבן חרובֿ געמאַכט דאָס לאַנד, אויסגעהרג'עט אַ סך מענטשן, פֿונאַנדערגעגעבן פֿעאָדומס צו די קריגסלײַט, נאָר זיי האָבן ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די ממשלה און האָבן אָוועקגעגעבן אַלע רעכט אויף די פֿאַרנומענע לאַנדשאַפֿטן דעם פֿראַנצויזישן קיניג.

איצטער איז שוין דער ירושה־באַזיץ פֿון קיניג געווען אין אַ מאָל פֿינף גרעסער, איידער וועלכע עס איז אַנדערע גרויסע סעניאָריע אין פֿראַנקרײַך, און די באַציאונג פֿון די סעניאָרן צום קיניג האָט זיך געביטן. די קאַפּעטינגער האָבן אײַנגעאָרדנט די פֿאַרוואַלטונג פֿון זייער ירושה־באַזיץ אַנדערש, איידער דאָס איז געווען אָנגענומען בײַ די פֿעאָדאַלן. די קיניגן האָבן ניט אויסגעטיילט קיין בענעפֿיציומס די באַראָנען און ניט איבערגעגעבן זיי קיין אַמטן בירושה, נאָר באַשטימט באַלי'ען (פּלאַצהאַלטער) און אונטער זיי פּרעוואָ'ען (עלטסטע) אויף אַ געוויסער צײַט; דער קיניג פֿלעגט אָפֿט בײַטן די באַאַמטע, כּדי צו האַלטן זיי אין אָפּהענגיגקײַט.

§ 95. דער קיניגליכער געריכט ביי לודוויק IX. דער אייניקל פֿון פֿיליפּ II., לודוויק IX. דער הייליגער (1226—1270) האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פֿרומקייט און זיין רעליגיעזער התלהבות. אין דער צייט ווען אַלע זיינען שוין געווען אָפּגעקילט צו די קרייץ־צוגן, איז ער צווייטמאָל געגאַנגען אין קאַמף לויטן רוף פֿון די פּויפּסטן, און דעם צווייטן מאָל האָט ער באַצאָלט מיטן לעבן. צוויי מאָל אַ טאָג האָט ער געהערט די תּפֿילות אין קלויסטער, געגאַנגען פֿאָרויס אין די פּראָצעסיעס, געוואַשן די פֿיס פֿון אָרימעלייט און ענו׳דיג אויסגעהערט שטראָף־רייד פֿאַר זיינע זינד. לודוויק האָט גענומען אונטער זיין ספּעציעלן שוץ די דאָמיניקאַנער די אינקוויזיטאָרן און בכּלל די בעטלערשע מאָנאַכן; דאָס זיינען געווען אי זיינע גייסטליכע פֿריינד, אי די רעוויזאָרן, וואָס ער פֿלעגט שיקן אַכטונג געבן אויף דער פֿאַרוואַלטונג.

נאָך איין סאָרט מענטשן האָבן נושא חן געווען ביים קיניג: דאָס זיינען געווען די לעגיסטן, ד״ה די קענער פֿון געזעץ, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם אוניווערסיטעט. דאָס זיינען געווען טיילווייז גייסטליכע, טיילווייז קליינע ריטער; אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן זיי געהאַט פֿון קיניג, און דערפֿאַר זיינען זיי געשטאַנען פֿאַר אים שטאָל און אייזן. מיט זיי פֿלעגט לודוויק IX. פֿאַרפֿולן דעם פּאַרלאַמענט. אי פֿראַנקרייך האָט געהייסן פּאַרלאַמענט ניט, ווי אין ענגלאַנד, דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די וואַסאַלן, נאָר די געריכטס־פּאַלאַטעס ביים קיניגליכן הויף.

לודוויק IX. פֿלעגט זיך אַריינמישן אינם געריכט פֿון די סעניאָרן, כּדי אויסצעוואָרצלען דעם אַלטן שטייגער פֿון פֿאַרענטפֿערן אַ סכסוך דורך אַ דועל. איינמאָל האָט דער קיניג פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן אַ סעניאָר, וואָס האָט געהייסן טייטן דריי סטודענטן, ווייל זיי זיינען געגאַנגען אויף געיעג אין זיין פּריצישן וואַלד. אַנדערע סעניאָרן, וואָס זיינען ביינגעווען אין קיניגליכן געריכט, האָבן געפֿאָדערט, אַז מען זאָל געבן דעם באַשולדיגטן די מעגליכקייט, לויט ווי עס פֿירט זיך, צו פֿאַרטיידיגן זיך דורך אַ דועל. דער קיניג האָט געענטפֿערט ניין, מחמת „אין אַזוינע זאַכן, וואָס זיינען נוגע אָרימע מענטשן אָדער דער קירך, אָדער מענטשן וואָס עס איז אויף זיי אַ רחמנות, טאָר קיין דועל ניט געמאָלט זיין״. די צערייצטע סעניאָרן זיינען אַוועק פֿון געריכט, און לודוויק האָט אָן זיי אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין. לודוויק האָט פֿאַרווערט אויפֿן גאַנצן שטח פֿון זיין ירושה־באַזיץ געריכטס־קאַמפֿן צווישן צוויי מענטשן, וואָס זיינען

אין אַ סכסוך. אויך האָט ער פֿאַרווערט פּריוואַטע מלחמות צווישן די ריטער. אין די באַציִונגען פֿון אַנדערע סעניאָרן האָבן די צעקריגטע צדדים געמוזט אָפּהיטן אַ פֿערציג־טאָגיגע צײַט פֿון וואָפֿנרו פֿונם טאָג פֿון שטרייט ביזן אָנהייב פֿון דער מלחמה, בכדי דער געריכט זאָל זיך קאָנען אַרײַנמישן. דער וואָס איז געווען ניט צופֿרידן פֿונם שררה׳ס פּסק־דין, האָט געמעגט אַפּעלירן צום איבערשטן סעניאָר, ד״ה צום קיניג. לודוויק פֿלעגט אַליין צונעמען אָנקלאָגן פֿון אַלע מיני מענטשן און פֿלעגט אָפֿט משפּט׳ן ביי די טויערן פֿון זײַן פּאַריזער פּאַלאַץ אָדער אונטערן דעמב אין וואַנסענער וועלדל.

§ 96. די פֿינאַנסן פֿון פֿיליפּ IV. און דער צוזאַמענשטויס מיטן פּויפּסט.

נאָך מער איז דאָס פֿראַנצויזישע קיניגרײַך געשטאַרקט געוואָרן אין דער צײַט פֿון פֿיליפּ IV. דעם שיינעם (1285—1314). דער דאָזיגער קיניג האָט פֿאַרנומען צוויי וויכטיגע געגנדן אויף מזרח און צפֿון: די שאַמפּאַניע, וואו עס פֿלעגן זינט די קרייץ־צוגן פֿאָרקומען גרויסע אַלגעמיין־איראָפּעאישע ירידן, און די רײַכע באַפֿעלקערטע פֿלאַנדריע, דעם הויפּטצענטער פֿון וואָל־אויסאַרבעטונג אין איראָפּע. מען גיט איבער, אַז בעת די פֿראַנצויזישע קיניגין האָט געוויילט אין בריגע, איז זי אַזוי נתפּעל געוואָרן פֿון די שיינע קליידער פֿון די שטאָטישע פֿרויען, אַז זי האָט אויסגעשריען: „ביי אונז איז איין קיניגין, און דאָ זײַנען זעקס־הונדערט!״ אין די שטעט בריגע, גענט א. אז. וו. איז די גאַנצע דעה געווען בײַ די גרויסע טוכמאַכער, ד״ה בײַ די סוחרים, וואָס פֿלעגן פֿונאַנדערגעבן די קליינע מײַסטערס מאַטעריאַל און אָפּנעמען בײַ זיי פֿאַרטיגע סחורה פֿאַרן הורט־פּאַרקויף. אין אָנהייב האָט די פּוס־מיליציע פֿון די פֿלאַמאַנדישע וועבער צעקלאַפּט פֿיליפּס ריטערשע קאַוואַלעריע. אָבער דערפֿאַר האָט דער גענועזישער פֿלאָט, וואָס פֿיליפּ האָט געדונגען, באַזיגט די פֿלאַמאַנדישע שיפֿן בײַ דער לעפּצונג פֿון דער שעלדע.

אויף דער מלחמה אין פֿלאַנדריע האָט דער קיניג געדאַרפֿט האָבן גרויסע געלט־מיטלען. נאָר די מלוכה־קאַסע האָט קיין נאָרמאַלע גרויסע הכנסות ניט געהאַט. פֿיליפּ IV. האָט באַשלאָסן צו באַשטײַערן די גרויסע קירכליכע באַזיצונגען, וואָס האָבן ביז דאַן געצאָלט נאָר אין רוים. פּויפּסט באָניפֿאַציוס VIII. האָט מכריז ומודיע געווען אין אַ ספּעציעלער בולע (הודעה), אַז אָן זײַן צושטימונג טאָר מען ניט מאָנען בײַ דער גײַסטליכקייט קיין שום שטײַערן לטובת דער מלוכה. דער פּויפּסט האָט אָקאָרשט (אין 1300־טן יאָר) געהאַט געפּײַערט אין רוים דעם יובל, דעם נײַעם

יום־טוב, וואָס ער האָט געהאַט באַשטימט און וואָס האָט זיך געדאַרפֿט איבער׳חזר׳ן אַלע הונדערט יאָר. טויזנטער פּוליגרימען זײַנען זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע עקן וועלט אויף דעם יום־טוב. דער פּויפּסט האָט זיך באַוויזן פֿאַר זיי מיט גרויס גלאַנץ, אָנגעטון מיט אַלע סימנים פֿון קייזער־ליבער מאַכט: פֿאַר אים האָט מען געטראָגן אַ שווערד, און ער אַליין האָט זיך גערופֿן צעזאַר. דעם קיניג פֿון פֿראַנקרײַך האָט ער געלאָזט וויסן: „דורך דעם וואָס גאָט האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אונז די משא פֿון אַפּאָסטאָלשן דינסט, האָט ער אונז דערהייבט איבער די הערשער, בכדי אין זײַן נאָמען צו צעשטערן, צו פֿאַרניכטן, צו פֿאַרטיליגן, צו בויען און צו פֿלאַנצן״.

אַלס ענטפֿער אויף דער הודעה האָט דער קיניג אַרויסגעשטעלט די פֿאַרטיידיגער פֿון זײַן מאַכט. עטליכע לעגיסטן האָבן אָנגעשריבן ווערק מיט שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויף דעם פּויפּסטס פּרעטענזיעס; די מחברים האָבן געשריבן, אַז העכער פֿונם קיניג איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, און *דעם קיניגס ווילן איז געגליכן צו אַ געזעץ*. כדי צו געפֿינען שטיצע אין לאַנד, האָט פֿיליפּ IV. צונויפֿגערופֿן אין פּאַריז אַ *גרויסע פֿאַרזאַמלונג* פֿון פּרעלאַטן, סעניאָרן, באַראָנען און שטאָט־עלטסטע פֿון עטליכע קאָמונעס פֿון צפֿון און דרום. די באַראָנען און שטאָטלײַט האָבן זיך בפֿירוש געשטעלט אויפֿן צד פֿונם קיניג; די גײַסטליכקייט איז געבליבן ניט אַהין, ניט אַהער, וואַקלענדיג זיך צווישן דעם ווילן פֿון קיניג און פֿון פּויפּסט.

די קיניגליכע לעגיסטן האָבן אונטער די אויגן גע׳משפּט דעם פּויפּסט, דערקלערט אים פֿאַר אַ הערעטיקער און אַ פֿאַרברעכער, אַראָפּגעזעצט אים פֿון זײַן שטול, און איינער פֿון זיי, ריטער נאָגאַרע, איז אַוועק קיין איטאַליע אויספֿירן דעם פּסק־דין. צו די פֿראַנצויזישע לעגיסטן זײַנען צוגעשטאַנען צו איטאַליענישע באַראָנען, וואָס זײַנען אויך געווען שונאים דעם פּויפּסט; אינם שטעטל אַנאַני, אין די אַפּענינער בערג, זײַנען זיי אָנגעפֿאַלן אויף באָניפֿאַציוסעס פּאַלאַץ און באַשאָטן דעם פּויפּסט מיט שטעכווערטער און זלזולים; באָניפֿאַציוס איז פֿון דעם געוואָרן אַזוי צעטראָגן, אַז ער איז איינגיכן געשטאָרבן. אויפֿן פּויפּסטליכן שטול איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פֿראַנצויזישער פּרעלאַט אונטערן נאָמען קלעמענס V.; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן קיין רוים און באַזעצט זיך אין דרום־פֿראַנקרײַך, אין דער שטאָט אַוויניאָן. אויף אַזאַ אופֿן האָט פֿיליפּ IV. אָפּגעהאַלטן אַ פֿולקומען נצחון אין זײַן סכסוך מיטן פּויפּסט, און פֿון יענער צײַט הייבט זיך אָן בכלל די אָפּשוואַכונג פֿונם פּויפּסטנטום.

§ 97. **די גענעראַל־שטאַטן.** דעם קיניג האָט זיך נאָך איינ־געגעבן אַריינצובאַקומען אין זיינע הענט די גוואַלדיגע עשירות'ן פֿון די. טאַמפּליערן, וואָס האָבן זיך נאָכן חורבן פֿון ירושלים'ער קיניגרייך (זעה § 66) אַריבערגעקליבן אין זייערע אייראָפּעאישע באַזיצונגען. פֿיליפּ האָט זיי באַשולדיגט אין אַפּיקורסות און כישוף־מאַכעריי; דער פּויפּסט, אַ גע־האָרכזאַם געצייג אין דעם קיניגס הענט, האָט פֿאַרשאָלטן דעם אָרדן און פֿאַרמאַכט אים. דער מייסטער פֿון אָרדן און 150 ריטער זיינען פֿאַר־ברענט געוואָרן, ווי הערעטיקער, אינם גאָרטן פֿון קיניגליכן פּאַלאַץ, און דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון אָרדן איז צוגענומען געוואָרן אין דער קיניג־ליכער קאַסע („קאָנפֿיסקירט געוואָרן”).

וועגן דעם ענין פֿון די טאַמפּליערן האָט פֿיליפּ IV. אויך צונויפֿ־געררופֿן, ווי בשעת'ן קאָנפֿליקט מיטן פּויפּסט, אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון סעניאָרן, פּרעלאַטן און פֿאָרשטייער פֿון די שטעט. פּונקט ווי אין ענגלאַנד, איז דאָס דאָ אויך געווען אַ פֿאָרטזעצונג פֿונם אַלטן צונויפֿפֿאָר פֿון די וואַסאַלן ביים הויף פֿון סיוזערען. נאָך פֿון פֿיליפּס צייט איז געוואָרן אַ מנהג צו פֿאַרבעטן, צוזאַמען מיט קריגס־לייט און גייסטליכע, נאָך פֿאָרשטייער פֿון יד שטעט אויך. עס איז געווען דערזעלביגער שינוי, וואָס איז דורכ־געפֿירט געוואָרן אין ענגלאַנד דורך סימאָן דע־מאָנפֿאָרן, בעת ער האָט צונויפֿגערופֿן דעם גרויסן פּאַרלאַמענט. נים אַזוי ווי אין ענגלאַנד האָט זיך די פֿראַנצויזישע פֿאַרזאַמלונג געטיילט אויף דריי פּאַלאַטעס, לויט די שטאַנדן (états, שטאַטן). אַלע קריגסלייט, גרויסע און קליינע, סעניאָרן און ריטער, האָבן געבילדעט איין שטאַנד פֿון „אַדל־לייט”, און זיי פֿלעגן פֿירן זייערע זיצונגען באַזונדער; פֿאַר זיך פֿלעגן אויך האַלטן זייערע ישוב־הדעת'ן די גייסטליכע, און פֿאַר זיך די שטאָט־לייט, וואָס האָבן זיך גע־רעכנט פֿאַרן נידעריגסטן, פֿאַרן ד ר י ט ן ש ט אַ נ ד. בלויז אויף צו ענטפֿערן דעם קיניג פֿלעגן זיך אַלע דריי שטאַטן אויפֿקלייבן אינאיינעם; דאַן האָט די פֿאַרזאַמלונג געהייסן ג ע נ ע ר אַ ל ־ ש ט אַ ט ן (états généraux).

די פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿיליפּ IV„ דערהויפּט זיין רייסן געלט, האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אומצופֿרידענקייט אין לאַנד. די סעניאָרן זיינען געווען אומצופֿרידן, וואָס פֿיליפּ האָט ביי זיי צוגענומען דאָס רעכט צו שלאָגן אייגענע געלט. אַ סך שטאָטישע קאָמונעס האָט פֿיליפּ IV. אַריינגעבראַכט אין די גרעסטע חובות מיט זיינע שטענדיגע פֿאָדערונגען, און דערנאָך האָט ער צוגענומען זייער זעלבשטענדיגקייט. נאָך זיין טויט האָט אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד. אָבער פֿיליפּס זין

האָבן זיך גרינג מיט אים אָפּגעפּאַרטיגט, אַרויסגעבנדיג עטליכע סעניאָרן און שטעט באַזונדערע פּריווילעגיעס. די אויפֿגעשטאַנענע האָבן זיך צע־קריגט צווישן זיך און ניט געקאָנט געבן קיין ווידערשטאַנד.

אין ענגלאַנד האָבן די שטאַנדן שוין אין 1215־טן יאָר געפֿירט זייערע באַראָטונגען אינאײנעם און געטון אינאײנעם. אין פֿראַנקרײַך זײַנען נאָך מיט הונדערט יאָר שפּעטער די שטאַנדן געגאַנגען יעדערער פֿאַר זיך און יעדערער געטראַכט נאָר וועגן זײַן אייגענער טובֿה. דעריבער האָט פֿראַנקרײַך באַקומען שווערע קלעפּ בעת דעם צוזאַמענשטויס מיט ענגלאַנד אין 14־טן יאָרהונדערט.

§ 98. **די פּאַריזער שטאַטן און די זשאַקעריע.** דער הויפּט־שטרײַט פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך איז געגאַנגען וועגן דער אינדוסטריעלער פֿלאַנדריע. די פֿלאַמאַנדישע שטעט, וואָס פֿלעגן אײַנקויפֿן ענגלישע וואָל, האָבן אַוועקגעשיקט קיין ענגלאַנד דעם רײַכן גענטער סוחר יאַקאָב אַרטעוועלדע און פֿאָרגעלייגט עדוואַרדן III. די קרוין פֿון פֿראַנקרײַך. אין דער צײַט האָט אין פֿראַנקרײַך אָנגעהויבן הערשן די דינאַסטיע וואַלואַ, אַ ייִנגערע ליניע פֿון די קאַפּעטינגער (זי האָט געקיניגט פֿון 1328 ביז 1589). עס האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע אַזוי־גערופֿענע הונדערט־יאָריגע מלחמה, וואָס האָט זיך געצויגן מיט הפֿסקות פֿון 1339 ביז 1459 (זעה § 89).

דער ענגלישער חיל איז געווען שטאַרקער פֿאַרן פֿראַנצויזישן, הגם אין צאָל איז ער געווען קלענער. אַמאָל איז די שווערע ריטערשע קאַוואַלעריע געווען אומבאַזיגליך; נאָר איצט זײַנען בײַ די ענגלענדער אַרויס אין פֿעלד די שיסער און די שפּיז־טרעגער צו־פֿוס, וואָס האָבן געקאָנט פֿירן געמיינזאַמע אָפּעראַציעס, ניט יעדערער באַזונדער. אין 1356־טן יאָר איז אין דער שלאַכט בײַ פּואַטיע גענומען געוואָרן אין געפֿענגעניש דער פֿראַנצויזישער קיניג יאָהאַן דער גוטער, און צוזאַמען מיט אים אַ סך ריטער. די ענגלענדער האָבן געפֿאָדערט פֿאַר די געפֿאַנגענע גוואַלדיגע אויסלייז־געלט. דער יונגער דאָפֿען (דאָס איז געווען דער טיטול פֿונם טראָנפֿאָלגער, זינט די פֿראַנצויזישע קיניגן האָבן דאָ ניט לאַנג געהאַט דערוואָרבן דעם געגנט דאָפֿינע אין דרום־מזרח־פֿראַנקרײַך) איז געווען געצוואונגען צונויפֿצורופֿן די שטאַטן אין פּאַריז. אין דער פֿאַר־זאַמלונג זײַנען געווען ווינציג סעניאָרן און ריטער, און די אייבערוואָג האָבן געהאַט די פֿאָרשטייער פֿון דריטן שטאַנד. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט דער עלטסטער פֿון די פּאַריזער סוחרים עטיען מאַרסעל,

ער איז שאַרף אָנגעפֿאַלן אויף דעם קיניגס יועצים; כדי צו צווינגען דעם דאָפֿען זיך אָפּצוזאָגן פֿון זיי, האָט ער געהייסן די צעכן אָפּשטעלן די אַרבעט און נעמען זיך צום געווער.

דער דאָפֿען קאַרל האָט געמוזט אונטערשרייַבן דעם גרויסן אָר־דאָנאַנס (באַפֿעל): אַז אַלע יאָר צווייִמאָל וועלן זיך אויפֿקלייַבן די שטאַטן, אומאָפּהענגיג פֿון דעם קיניגס אייַנלאַדונג; בלויז די שטאַטן קאָנען באַשטימען שטייַערן. דעם דאָפֿען האָט מען גענייט אַרייַנצונעמען אין קיניגליכן ראָט נייַע מענטשן, וואָס די שטאַטן האָבן אויסגעקליבן. קאַרל האָט פֿונאַנדערגעלאָזן דעם ראָט: האָט דער סוחרים־עלטסטער באַוואָפֿנט די פּאַריזער און געבראַכט זיי צום קיניגליכן פּאַלאַץ. פֿאַר קאַרלען אין די אויגן האָט מאַרסעל געהייסן טייטן אַלע יועצים. קאַרל אַליין האָט זיך געראַטעוועט נאָר דורך דעם, וואָס מאַרסעל האָט אים אָנגעטון אויפֿן קאָפּ זייַן היטל מיט די רויט־בלויע פּאַריזער פֿאַרבן. דעם זעלביקן אָוונט איז דער דאָפֿען אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט, און אַרום אים האָבן זיך אָנגע־הויבן קלייַבן די אַלע, וואָס זייַנען געווען אומצופֿרידן מיט דער מֶמשָלָה פֿון די פּאַריזער סוחרים, דערהויפּט — פּריצים און גייַסטליכע.

מאַרסעל האָט געזוכט צו פֿאַרבינדן זיך מיט די פּויערים, וואָס זייַנען אויפֿגעשטאַנען אין צפֿון־פֿראַנקרייַך. דער פּויערשער אויפֿשטאַנד, אָדער די זשאַקעריע (אַזוי האָט זיך גערופֿן די באַוועגונג, ווייל די פּריצים האָבן מיט פֿאַראַכטונג גערופֿן דעם פּויער „זשאַק דער געמיינער") איז אַרויס־גערופֿן געוואָרן דורך די שרעקליכע אומגליקן פֿון דער מלחמה. פֿון די דערפֿער איז געוואָרן אַ תֵּל, ווייל סייַ די פֿרעמדע זעלנער, סייַ די אייגענע פֿלענן ראַבירן און צונעמען אַלצדינג. די פֿעלדער זייַנען געוואָרן פֿאַרלאָזן, און עס האָט אויסגעבראָכן אַ הונגער. צו אַלע צרות איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס די ענגלענדער האָבן געפֿאָדערט גרויסע אויסלייז־סומעס פֿאַר די געפֿאַנגענע, וואָס זיי האָבן גענומען בייַ פּואַטיע, און דעם גרעסטן טייל פֿון די געלטער האָבן געמוזט דעקן די פּויערים. עס האָט איצט אַרויסגעפּלאַצט די גאַנצע שִׂנאָה צו די סעניאָרן, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אין משך פֿון הונדערטער יאָרן פֿאַר זייער אַכזריות, פֿאַר זייער באַרייַסן, פֿאַר די געיעגן, פֿאַר די אייַנקוואַרטירונגען פֿונם קיניג מיט זייַן סוויטע. מאַסנווייַז האָבן זיך אויפֿגעקליבן די „זשאַקעס", צעשטערט די פּריצישע שלעסער, געשלאָגן און געטייט די באַזיצער און זייער הויזגעזינד.

נאָר די ריטערשע אָפּטיילונגען זייַנען באַלד בייַגעקומען די אויפֿ־געשטאַנענע, און דאַן האָט מען זיך אָנגעהויבן אָפּרעכענען מיט די פּויערים מיט דערזעלבער גרויזאַמקייַט; די ענגלישע ריטער זייַנען דאָ געגאַנגען

האַנט־בײַ־האַנט מיט די פֿראַנצויזישע פּריצים. דערווײַל האָט קאַרל צו־
נויפֿגערופֿן אַ באַזונדערע פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטאַטן אויסער פּאַריז און
צוגעגאַנגען צו דער הויפּטשטאָט מיט אַ באַוואָפֿנטער קראַפֿט. עטיען
מאַרסעל איז אומגעקומען אין גאַסן־קאַמף, און דער דאָפֿען האָט מְבַטל
געווען אַלע הַנָחות, וואָס מען האָט בײַ אים געהאַט אַרויסגעריסן.

ביסלעכווײַז איז דער ערפֿאָלג אין דער ענגליש־פֿראַנצויזישער מלחמה
אַריבער צו די פֿראַנצויזן. פּאַמעליך, איינע נאָך דער אַנדערער, האָבן
זיי אָנגעהויבן צונעמען צוריק אַלע פֿעסטונגען, וואָס די ענגלענדער האָבן
געווען פֿאַרכאַפּט אין צפֿון־ און מערבֿ־פֿראַנקרייך. בײַ די באַלעגערונגען
האָט מען דאָס ערשטע מאָל אָנגעווענדט פֿײַער־אַרטילעריע: דאָס
זײַנען געווען ניט קיין גרויסע שטייסלען, אָנגעפֿילט מיט פּולווער, וואָס
האָבן געשלײַדערט אין דער הייך שטיינער און קוילן.

§ 99. דער סוף פֿון דער הונדערטיאָריגער מלחמה און דער אויסלאַז פֿון די שטאַטן. די קאַפּעטינגער האָבן געקליבן זייער באַזיץ
בהדרגה, שטיק פֿאַר שטיק און מיט גרויסע שוועריקײַטן. נאָר בײַ זיי
איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז זייער פּריוואַט־אייגנס; און דעריבער פֿלעגן
די קיניגן, וואָס האָבן געהאַט אַ סך זין, צעטיילן צווישן זיי דעם באַזיץ.
אַזוי האָבן זיך אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון פֿראַנקרייך געבילדעט באַזונ־
דערע פֿירשטנטומען. די פֿירשטן זײַנען אַפֿילו געווען דעם קיניגס קרובֿים,
נאָר געפֿירט האָבן זיי זיך, ווי זעלבשטענדיגע הערשער: זיי פֿלעגן שליסן
אָפּמאַכן מיט אויסלענדישע מדינות, קריגן זיך מיטן קיניג און צווישן זיך.
דער שטאַרקסטער פֿון די אַלע פֿירשטן איז געווען דער הערצאָג פֿון בור־
גונדיע. זײַנע באַזיצונגען האָבן נאָר טיילווײַז (די אמת'ע בורגונדיע) באַ־
לאַנגט צו פֿראַנקרייך. אַחוץ דעם האָט ער נאָך דערוואָרבן די רײַכע
אינדוסטריעלע נידערלאַנדן, ד"ה פֿלאַנדריע און האָלאַנד, די געגנדן,
וואָס בײַם אונטערשטן שטראָם פֿון דער שעלדע, פֿון מאַאַס און פֿון ריין
(די הײַנטיגע בעלגיע און האָלאַנד). צוליב האַנדלס־אינטערעסן האָט פֿאַר
די הערצאָגן פֿון בורגונדיע געלוינט צו האַלטן זיך נאָהענט מיט ענגלאַנד.

שטיצנדיג זיך אויף דער גוט־פֿרײַנדשאַפֿט פֿון די בורגונדער, האָט
דער ענגלישער קיניג הענריך V. באַנײַט די אָנפֿאַלן פֿון עדואַרד III.
(זעה § 92). ער האָט אויך צעקלאַפּט, ווי יענער, די פֿראַנצויזישע אַרמײ;
ער איז אַרײַן אין פּאַריז און געפֿייט, אַז מען זאָל אים אָנערקענען פֿאַרן
יורש פֿון דער פֿראַנצויזישער קרוין; דער קיניג קאַרל VI., וואָס איז אַראָפּ
פֿון זינען, האָט באַזייטיגט זײַן זון און אָנערקענט הענריכן פֿאַרן יורש פֿון

פֿראַנצויזישן טראָן. פֿראַנקרײַך איז אינגאַנצן, ווי זי שטייט און גייט, פֿאַראייניגט געוואָרן מיט ענגלאַנד (אין 1421־טן י׳). נאָך הענריך V. איז באַלד געשטאָרבן. צפֿון־פֿראַנקרײַך האָט אָנערקענט זײַן זון; אָבער אין דרום־ און מזרח־פֿראַנקרײַך האָט זיך ווי עס איז געהאַלטן מיט זײַן אַרמיי דער דאָפֿען קאַרל, דער זון פֿונם דולן קיניג. די ענגלענדער האָבן באַלעגערט אָרלעאַן, די גרעסטע שטאָט אין פֿראַנקרײַך נאָך פּאַריז.

אין שווערע געפֿעכטן לעבן דער באַלעגערטער שטאָט האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצושטויסן די ענגלענדער. דעם דאָזיגן ערפֿאָלג האָט מען אויסגעטײַטשט מיט די איבערנאַטירלעכע כוחות פֿון דער „אָרלעאַנער יונגפֿרוי“. דאָס איז געווען אַ יונגע מיידל, פֿון פּויערשן שטאַנד, מיטן נאָמען זשאַנע ד׳אַרק. זי האָט זיך געשלאָגן מיטן הסכם פֿונם דאָפֿען אין די פֿראַנצויזישע רייען, און זי האָט דאָס אַזוי באַגײַסטערט אירע מיטשטרײַטער. דערנאָך האָט זיך איר נאָך אײַנגעגעבן דורכצופֿירן דעם דאָפֿען קיין ריימס, אויסמײַדנדיג די ענגלישע חילות, און דאָרט איז ער געקרוינט געוואָרן פֿאַר אַ קיניג אונטערן נאָמען קאַרל VII. נאָך דערנאָך איז זשאַנע אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿענגעניש צו די בורגונדער, און זיי האָבן זי אַרויסגעגעבן אירע ביטערסטע שונאים, די ענגלענדער: זשאַנע איז אַלס כישוף־מאַכערין פֿאַרברענט געוואָרן אין רואַן אויף אַ שײַטערהויפֿן.

די פֿראַנצויזישער מאָנאַרכיע האָט איצט געהאַט מער מזל. די ענגלענדער האָבן ניט געקאָנט האַלטן קיין סך סאָלדאַטן אין פֿרעמדן לאַנד. זייער פֿאַרבינדעטער, דער הערצאָג פֿון בורגונדיע, איז דורכגעקומען מיט קאַרל VII. אַלע יאָר פֿלעגט דער קיניג צונויפֿרופֿן די גענעראַל־שטאַטן און זיך מיישב זײַן מיט זיי וועגן די שטײַערן און וועגן דער קריג־פֿירונג. אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטאַטן אין אָרלעאַן אין 1439־טן יאָר איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַוויליגן דעם קיניג אַ דירעקטן שטײַער (taille), אין דער הייך פֿון 1 200 000 ליוור (פֿונט). דער קיניג פֿלעגט דערנאָך אַלע יאָר אײַנמאָנען אַזאַ אָפּצאָל, שוין ניט פֿרעגנדיג בײַ די שטאַטן. אויף אַזאַ אופֿן איז דער אָפּצאָל פֿון אַ צײַטליכן פֿעאָדאַלן צושטײַער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיגן שטײַער. די פֿאָרשטייער פֿון די שטאַנדן האָבן ניט געשטעלט קיין תנאַי, אַזוי ווי אין ענגלאַנד, אַז דער קיניג זאָל זיך ווענדן צו זיי וועגן איטליכער סומע; זיי האָבן זיך ניט אויסגענומען דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן דעם קיניגס הוצאות און זײַן פּאָליטיק. פֿון יעמאָלט אָן פֿלעגן שוין די קיניגן אָנקומען צו די שטאַטן זעלטן, נאָר אין גאָר שווערע פֿאַלן, ווען זיי האָבן שוין קיין שום אַנדער ברירה ניט געהאַט.

נאָך 20 יאָר האָט זיך געצויגן די מלחמה. סוף־כל־סוף האָבן די

ענגלענדער פֿאַרלוירן גאָר זייערע באַזיצונגען אין פֿראַנקרײַך, נאָר קאַלע איז געבליבן בײַ זיי.

§ 100. **די פֿאַראייניגונג פֿון פֿראַנקרייך.** דער אמת'ער פֿאַר־אייניגער פֿון פֿראַנקרײַך איז געווען קאַרל VII. זון, לודוויק XI. (1461 ביז 1483), וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די גרויסע טייל־פֿירשטנטומען. ווען ער איז אַרויף אויפֿן טראָן, איז דער ירושה־באַזיץ פֿון קיניג, צוליב די כּסדר'דיגע טיילענישן, געווען קלענער ווי אַ העלפֿט פֿון גאַנצן קיניג־רײַך. די פֿירשטן האָבן געבילדעט אַנטקעגן דעם קיניג „אַ בונד פֿון כּלֶלישן וואויל" און האָבן אים שטאַרק געדריקט. דער מעכטיגסטער פֿון זיי, קאַרל פֿון בורגונדיע („קאַרל אָן זינען" האָט מען אים גערופֿן) האָט אַ צײַט געהאַלטן דעם קיניג בײַ זיך אין געפֿענגעניש. נאָר לודוויק XI. האָט אומעטום אויפֿגעהויבן שונאים קעגן קאַרלען, אויף צפֿון האָט ער געשטיצט די מהומות אין די פֿלאַמאַנדישע שטעט, אויף דרום האָט ער געשטיצט מיט געלט קאַרלס שכנים, די שטאָטלײַט און פויערים פֿון שווייצער בונד. דאָס שווייצער פֿוספֿאָלק האָט דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד צעקלאַפּט די בורגונדער ריטער. אין דעם לעצטן געשלעג מיט די שווייצער איז אומגעקומען קאַרל אַליין. בורגונדיע איז באַלד פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך לודוויק XI.; די נידערלאַנדן האָט באַקומען, צוזאַמען מיט קאַרלס טאָכטער, מאַקסימיליאַן דער האַבסבורגער, דער שפּעטערדיגער דײַטשער קיסר. נאָך דעם נצחון איז שוין גרינגער געווען צו באַצווינגען די אַנדערע סעניאָרן. טייל זײַנען גענומען געוואָרן איבערגוואַלד און זײַנען אומגעקומען דורכן פּסק־דין פֿון פֿאַלשע ריכטער, וואָס האָבן מורא געהאַט פֿאַרן קיניג אָדער וואָס דער קיניג האָט זיי געהאַט אַוועקגעגעבן אַפֿריער אַ טייל פֿאַרמעגן פֿון די באַשולדיגטע; אַנדערע האָבן נאָכגעגעבן מיט גוטן.

לודוויק XI. האָט נאָך דערוואָרבן די פּראָוואַנס, אַ געגנט צווישן דער אונטערשטער ראָנע און די אַלפּן, מיט דער שטאָט מאַרסעל, וואָס איז שוין דאַן געווען דער וויכטיגסטער פּאָרט בײַם מיטלענדישן ים. דער קיניג האָט געהאַט בדעה אויסצובויען אַ גרויסן האַנדלס־פּלאַץ פֿאַר די באַציאונגען מיט דער לעוואַנטע. אין ליאָן האָט ער אײַנגעאָרדנט אַ זײַדנס־מאַנופֿאַקטור און געפֿאָדערט, אַז די ליאָנער בירגער זאָלן אויף זייער אייגענעם חשבון אַראָפּברענגען אויסלענדישע מײַסטערס און זײַדנס־אַרבעטער.

נאָר דער פֿאַראייניגער פֿין פֿראַנקרײַך איז פֿונדעסטוועגן פֿאַרבליבן

אין זכָרון פֿון פֿאָלק מיטן ערגסטן שם. און עס איז קיין חידוש ניט: ער איז געווען אַ קרענקליכער מענטש און אַ פּחדן. די לעצטע יאָרן האָט ער ממש אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויפֿן גאַנצן לאַנד: מיט אַ פּאָר מקורבים פֿונם נידעריגסטן סאָרט מענטשן האָט ער זיך באַזעצט אין אַ קליינעם פֿאַרוואָרפֿענעם שלאָס, צווישן זומפּן, אַרומגערינגלט פֿון פֿרעמדע שאָט־לענדער שומרים, און אויף די ביימער אַרום שלאָס האָבן זיך געשאָקלט די קערפּער פֿון די קרבנות, וואָס ער האָט געהייסן אויפֿהענגען פֿאַר פֿאַרשיידענע כלומרשטיגע פֿאַרברעכנס.

§ 101. **די מדינות פֿון פּירענעאישן האַלבאינזל.** אין משך פֿון פֿערטהאַלבן יאָרהונדערטער האָט דער גרעסטער טייל פֿון פּירענעאישן האַלבאינזל באַלאַנגט צו די מוסולמענער. ווען דער קאָרדאָווער כאַליפֿאַט איז צעפֿאַלן געוואָרן אויף קליינטשינקע באַזיצונגען, האָבן די קריסטן פֿון די צפֿונ׳דיגע בערג אָנגעהויבן רוקן זיך פֿאָרויס. אין זייערע אָנפֿאַלן פֿלעגן זיי פּונקט אַזוי חרוב מאַכן די באַאַרבעטע ערד, ווי די טערקישע נאָמאַדן אין מזרח־אייראָפּע און אַזיע. אָבער אין 11־טן י״ה זײַנען פֿון אַפֿריקע געקומען צו גיין נײַע מאַסן רעליגיעז־געשטימטע מוסולמענער (די אַלמאָראַווידן, זעה § 64), און די קריסטן זײַנען ווײַטער אָפּגעשטופּט גע־וואָרן צוריק. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פֿאַר אַ קרייצטרעגער־מלחמה פֿון די קריסטן קעגן די מוסולמענער — אין דערזעלבער צײַט, ווי די קרייץ־צוגן קיין מזרח. צום פּירענעאישן האַלבאינזל האָבן זיך אויך אַ לאָז געטון פֿרעמדע קאָלאָניסטן און ריטער, דערהויפּט פֿראַנצויזן; נאָר דאָ איז דער ערפֿאָלג געווען אַ גרעסערער, ווי אויפֿן מזרח. צום מיטן 13־טן י״ה איז כמעט דער גאַנצער האַלבאינזל געווען בײַ די קריסטן אין די הענט. די מחמדאַנער האָבן נאָר געהאַלטן נאָך דעם געגנט האַרט בײַם דורכגוס אויפֿן עקסטן דרום, ג ר אַ נ אַ ד ע.

גייענדיג אויף דרום, האָבן די קריסטן געשאַפֿן עטליכע מלוכות. פּ אָ ר ט ו ג אַ ל און אַ ר אַ ג אָ נ י ע, בײַם מערבֿ׳דיגן און בײַם מזרח׳דיגן ים־ברעג, זײַנען געווען האַנדל־ און שיפֿעריי־מדינות. די מיטלסטע מלוכה פֿון האַלבאינזל, די שטאַרקסטע, ק אַ ס ט י ל י ע (דאָס איז דער טײַטש: „דאָס שלעסערלאַנד״) איז געווען דער הויפּט־פּלאַץ פֿון קאַמף קעגן די מוסולמענער, און דאָ זײַנען די קאַמפֿן געווען אַם־מערסטן קאָנטיג. אין משך פֿון די אַלע מלחמות איז צווישן די ביידע שטרײַטנדיגע צדדים גע־בליבן אַ גרויסער פּאַס ערד, פֿון קיינעם ניט באַאַרבעט, אַן אמת׳ע וויסטעניש. צוליב די כסדר׳דיגע פֿאַרוויסטונגען איז די ווירטשאַפֿט שטאַרק געפֿאַלן;

ווען די מאַווערן זײַנען אַרויסגעשטופּט געוואָרן, האָט מען פֿאַרוואָרפֿן זייער באַוואַסערונג־סיסטעם אויך. די הויפּט־באַשעפֿטיגונג איז געוואָרן ניט ערד־אַרבעט, נאָר פֿיך־האָדעווען. צוליב האָדעווען שאָף פֿלעגן מען פּטר'ן אַ סך ערד. עס האָט זיך געפֿירט אַזוי, אַז צוויי מאָל אַ יאָר דאַרפֿן די ערד־באַזיצער דורכלאָזן דורך זייערע באַזיצונגען די גוואַלדיגע טשערעדעס, וואָס פֿלעגן דורכגיין פֿון די צפֿונ'דיגע געגנדן קיין דרום און צוריק.

אין די קאַמפֿן קעגן די מוסולמענער איז אויפֿגעקומען אַ גרויסער אַדל, די הידאַלגאָ'ס. זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין שום מלאָכה און אַרבעט. דורך דער מלחמה איז באַשאַפֿן געוואָרן בײַ זיי אַ באַזונדער מין שטאָלץ: דער גרעסטער יחוס איז געווען, אויב צווישן די זיידעס און עלטער־זיידעס איז ניט געווען קיין איין ייד און קיין איין מחמדאַנער. די שטעט, וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון די פֿעסטונגען, זײַנען געווען אומאָפּהענגיג אין זייער פֿאַרוואַלטונג און קריגעריש אין זייער גײַסט; אין זייערע מלחמות קעגן די סעניאָרן פֿלעגן זיי בילדן הערמאַנדאַדעס, ד"ה ברידערליכע קריגס־בונדן. די הויפּט־רײַכקײַטן זײַנען געווען בײַ דער גײַסטליכקײַט אין די הענט. די ביסקופֿן האָבן זיך געהאַלטן הויפֿן, ווי פֿירשטן. זעער גרוים איז אויך געווען די צאָל מאָ־נאַסטירן און מאָנאַכן; זיי האָבן געשפּײַזט בײַם פֿאָלק די בלינדע שנאה צו מוסולמענער און יידן. דער קיניג איז געווען באַגרעניצט דורך אַ צו־נויפֿפֿאָר (קאָרטעס) פֿון זײַנע וואַסאַלן. אָן דעם הסכם פֿון די קאָרטעס האָט דער קיניג ניט געטאָרט נעמען קיין שטײַערן; די קאָרטעס פֿלעגן באַשטעטיגן דעם טראָנפֿאָלגער און געבן אים די שבועה, נאָכדעם ווי ער פֿלעגט זיך מחייב זיין אָפּצוהיטן די פֿרײַהײַטן פֿון קיניגרײַך.

§ 102. **די פֿאַראייניגונג פֿון שפּאַניע.** אין 15־טן י"ה איז דער גרעסטער טייל פֿון פּירענעאישן האַלבאינזל פֿאַראייניגט געוואָרן אונטער דער שליטה פֿון איין דינאַסטיע: דער קיניג פֿון אַראַגאָניע, פֿערדינאַנד (1479—1516) האָט חתונה געהאַט מיט דער יורש'טע פֿון קאַסטילישן קיניגרײַך איזאַבעלע. די פֿאַראייניגטע חיילות האָבן באַלד אײַנגענומען גראַנאַדע (אין 1492־טן יאָר), און אויף אַזאַ אופֿן איז דער גאַנצער האַלבאינזל געווען אָפּגערייניגט פֿון מוסולמענער. עס האָט זיך געבילדעט די הײַנטיגע שפּאַניע. לויט איר פֿאַרוואַלטונג האָט זי זיך נאָך לאַנג געטיילט אויף צוויי באַזונדערע מדינות, אַ מזרח'דיגע און אַ מיטלסטע: יעטווידער מדינה האָט געהאַט אירע קאָרטעס און אירע אייגענע מיניסטאָרן.

ביז פֿערדינאַנדן און איזאַבעלען זײַנען אין שפּאַניע כסדר פֿאָרגעקומען מהומות, וואָס זײַנען ענליך אויף דער מלחמה פֿון די צוויי רויזן אין ענגלאַנד (זעה § 92): די גרויסע שררות (גראַנדן) האָבן זיך געשמוצט אויף די גרויסע סוויטעס פֿון זייערע הידאַלגאָס. כדי צו צעברעכן זייער ווידערשטאַנד, האָט דער קיניג זיך פֿאַראייניגט מיט די שטאָטלײַט. די שטאָטישע הערמאַנדאַדעס זײַנען פֿאַראייניגט געוואָרן דורך איין הנהָגה און איין קאָמאַנדע. וואו נאָר מען האָט געהערט וועגן גזילות, מוטווילן און אָנפֿאַלן, האָבן זיי געמוזט קומען צו־הילף; מיט די געכאַפּטע אומרואיגע מענטשן פֿלעגט מען ניט מאַכן קיין שהיות. נאָר ווען די גרויסע הערמאַנדאַדע האָט אָפּגעטון איר אַרבעט און באַפֿרייט דאָס לאַנד פֿון די מהומות, האָט דער קיניג זי פֿונאַנדערגעלאָזן, ווײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל זיך ניט פֿאַרמעסטן קעגן אים אַליין.

פֿערדינאַנד און איזאַבעלע האָבן גע׳רודפֿ׳ט מיט דער גרעסטער אַכזריות אַלעמען, ווער עס האָט, לויט זייער מיינונג, געקאָנט ווערן געפֿערליך פֿאַר זייער מאַכט, און דערבײַ האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער קירך. בכדי צו באַקומען איר פֿולע מיטהילף, האָבן זיי זיך אומעטום אַרויסגעשטעלט פֿאַר געטרײַע דינער פֿון דער אֱמונה, און דער פּויפּסט האָט זיי דערפֿאַר געגעבן דעם טיטול: „די קאַטוילישע הערשער“. אין שפּאַניע איז אײַנגעפֿירט געוואָרן די היילינגע אינקוויזיציע כלומרשט אויף אויסצוראָטן די אַפּיקורסות און דערהויפּט די, וואָס זײַנען נוטה צו יידישקײַט, וואָרום נאָך דעם, ווי די אַראַבער זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן, זײַנען אין לאַנד איבערגעבליבן אַ סך יידן. אָבער די אינקוויזיציע האָט גע׳משפּט און פֿאַר׳משפּט אַ סך מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שייכות צום יידנטום ניט געהאַט, נאָר די רעגירונג האָט צוליב וועלכן עס איז טעם געוואָרפֿן אויף זיי אַן אומ׳חן. [באַזונדערס האָט זיך קונה־שם געוועזן דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ. ענדליך, דעם 2־טן אויגוסט פֿון 1492־טן יאָר זײַנען אַלע יידן און אַזעלכע וואָס מען האָט חושד געווען, אַז זיי זײַנען יידן, פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שפּאַניע. 200000 מענטשן האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן זייער היים, איבערלאָזנדיג זייער גאַנצע האָב און גוטס. זיי זײַנען אַוועק קיין מאַראָקאָ, איטאַליע, אין דער טערקײַ. דער פּירענעאישער האַלבאינזל איז אָפּגעליידיגט געוואָרן פֿון יידן, און פֿון יעמאָלט אָן האָבן זיך יידן אַהין ניט אומגעקערט. — מ. וו.]

§ 103. **די שטאַנדן־מאָנאַרכיע.** אין 15־טן י״ה זעהען מיר אויפֿן עקסטן מערבֿ פֿון אייראָפּע דרײַ גרויסע מדינות — ענגלאַנד, פֿראַנק־

רייך און שפּאַניע — וואָס זײַנען לויט זייער אײַנאָרדענונג ענליך צווישן זיך. איטליכע פֿון זיי האָט אַרומגענומען אַ גרויסע נאַציע, וואָס האָט זיך געבילדעט פֿון לכתחילה פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן, נאָר אויסגעאַרבעט בײַ זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך. אין יעטווידער מדינה אינעווייניג זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן אַלגעמיינע שטײַערן און אַן אייבערשטער געריכט; די סעניאָרן און באַראָנען האָבן פֿאַרלוירן זייער אומאָפּהענגיגקײַט. די מַמשָלָה איז געווען אין די הענט פֿון קיניג און זײַנע נאָהענטסטע יועצים, נאָר די קיניגליכע רעגירונג פֿלעגט מוזן אָנקומען צו דער פֿאַרזאַמלונג פֿון גאַנצן לאַנד (פּאַרלאַמענט, שטאַטן, קאָרטעס). אין די פֿאַרזאַמלונגען האָבן זיך שאַרף אָפּגעצייכנט די שטאַנדן: די גײַסטליכקײַט, דער גרויסער אַדל, דער קליינער אַדל, די שטאָטלײַט. אַזאַ מין אָרדענונג רופֿן מיר שטאַנדן־מאָנאַרכיע.

אָן אַנדער מַזל האָבן געהאַט צוויי אַנדערע לענדער פֿון מערבֿ־אייראָפּע: איטאַליע און דײַטשלאַנד. די איטאַליענישע און די דײַטשע נאַציעס האָבן זיך ניט פֿאַראייניגט אין קיין גרויסע מלוכות. אין איטאַליע זײַנען אויפֿגעקומען עטליכע קליינע מדינה׳לעך; דײַטשלאַנד האָט זיך אַפֿילו נאָך אַלץ גערופֿן אימפּעריע און געהאַט אַ קיסר מיט אַ רײַכסטאַג (זעה § 69); נאָך אין דער אמת׳ן איז דאָס לאַנד געווען צעשפּליטערט אויף אַ סך זעלבשטענדיגע געגנדן און געמיינדעס.

13. דײַטשלאַנד. די קירכליכע באַוועגונג פֿון 14־טן און 15־טן יאָרהונדערט.

§ 104. **די דײַטשע קאָלאָניסטן אויף מזרח.** אין 13־טן און 14־טן י״ה האָט זיך דאָס דײַטשע פֿאָלק שטאַרק פֿאַרשפּרייט און פֿאַרנומען אַ שטח, וואָס איז געווען אין צווייען גרעסער ווי פֿריער. אויף צפֿון האָבן זיך דײַטשע קריגסלײַט און הענדלער גערוקט פֿאָרויס פּאַזע ברעג פֿון באַלטישן ים. דער טײַטאָנישער ריטער־אָרדן האָט פֿאַרנומען דאָס לאַנד פֿונם ליטווישן שבֿט פֿון די פּרײַסן צווישן ווײַסל און ניעמען, און דער ליוואָנישער אָרדן (אָדער די שווערד־ריטער) האָבן אײַנגענומען דעם געגנד פֿון די ליוואָנער און לעטן בײַם אונטערשטן שטראָם פֿון דער מערבֿ׳דיגער דווינע. אויך זײַנען באַזעצט געוואָרן די פּליינען בײַ די טײַכן עלבע און אָדער, וואו עס זײַנען געזעסן סלאַווישע שבֿטים; דאָס גרעסטע דײַטשע פֿירשטנטום, וואָס איז דאָ אויפֿגעקומען,

איז געווען בראַנדענבורג. אין די אַלע געגנדן זײַנען די דײַטשע קאָלאָניסטן געקומען צו גיין ווי אייבערהאַרן און געמאַכט דינען צו זיך די אַלטגעזעסענע באַפֿעלקערונג.

אַנדערש איז געגאַנגען דאָס איבערוואַנדערן קיין דרום, איגם פּאַס פֿון די מיטלאייראָפּעאישע הייכֿונגען: (בעהמישע בערג, סודעטן, קאַר־פּאַטן): דאָ זײַנען די דײַטשע קאָלאָניסטן פֿרידליך אַרײַנגעדרונגען אין די גרויסע סלאַווישע מלוכות, בעהמען (טשעכֿיע) און פּוילן, און אין דער האַלב־סלאַווישער אונגאַרן.

די דאָזיגע דרײַ מדינות זײַנען אויפֿגעקומען אַרום 900־טן יאָר. אין 10־טן י״ה האָבן זיי אָנגענומען דעם קריסטליכֿן גלויבן דורך פּריידיגער פֿון דער רוימישער קירך. זייערע פֿירשטן האָבן געזעהן צו באַקומען דעם קיניג־טיטול פֿון די אייבערהאַרן פֿון מערבֿ, ד״ה פֿון קיסר און פֿון פּויפּסט. דער בעהמישער קיניג איז אַפֿילו געוואָרן אַ וואַסאַל (און דווקא פֿון די גרעסטע) בײַם קיסר און האָט זיך אָנגעהויבן רעכֿענען פֿאַר אַ דײַטשן פֿירשט. די בעהמישע, פּוילישע און אונגאַרישע קיניגן האָבן געוואָלט פֿאַרגרעסערן זייער הכֿנסה, געדאַג׳עט וועגן האַנדל און אינדוסטריע און דעריבער גערופֿן צו זיך דײַטשע בעלי־מלאָכֿות און אַרבעטער. אין פּוילן האָבן די שטעט, וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן דורך דײַטשע קאָלאָ־ניסטן, אָנגענומען די מאַגדעבורגער געזעצן. די שטאָטישע איינ־אָרדענונג אין פּוילן האָט מען דעריבער אַ נאָמען געגעבן דאָס מאַגדע־בורגער רעכֿט.

נאָר אין דער צײַט ווען די דײַטשע שפּראַך איז אַרײַנגעדרונגען ווײַט אויף מזרח, ביז דער פּייפּוס־אָזערע, ביז דער דווינע, ניעמען און ווײַסל, ביז די קאַרפּאַטן — אין דערזעלבער צײַט האָט דײַטשלאַנד כמעט ווי אויפֿגעהערט צו זײַן אַ מלוכֿה.

§ 105. די איינאָרדענונג פֿון דייטשלאַנד זינט דעם סוף פֿון 13־טן י״ה. נאָך דעם ווי די דינאַסטיע פֿון די שטויפֿער האָט זיך איבערגעהאַקט, האָט מען 18 יאָר נאָכאַנאַנד קיין קיניג ניט געקליבן (1254—1272). די פֿירשטן און די שטעט האָבן זיך אײַנגעוויינט צו לעבן און צו טון אַלצדינג גאַנץ זעלבשטענדיג. ווען די וויכֿטיגסטע דײַטשע פֿירשטן זײַנען סוף־כּל־סוף דורכֿגעקומען וועגן דער פּערזאָן פֿון רודאָלף פֿון האַבסבורג, וואָס האָט געהאַט זײַנע באַזיצונגען אין דרום־דײַטשלאַנד, האָט מען אים געשטעלט אַזוינע תנאָים, אַז ער האָט פּאַקטיש קיין שום דעה ניט געהאַט. ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון

װעלכע עס איז פּרעטענזיעס אויף איטאַליע און אַפֿילו פֿונם גאַנג קיין רוים. פֿון דעם אַלטן קייזערליכן ירושה־באַזיץ מיט זײַנע רײַכע מאַיאָנטקעס, שלעסער און לאַגערס איז קיין זאַך ניט געבליבן: אַלצדינג איז פֿונאַנדערגעגעבן געוואָרן די באַאַמטע אָדער צעראַבירט געוואָרן אין דער צווישנצײַט. קיין קייזערליכע הכּנָסות זײַנען שוין מער ניט געווען. דער קיסר האָט ניט געקאָנט שאַפֿן קיין באַוואָפֿנטע מאַכֿט פֿון דער אימפּעריע, ניט געקאָנט מאָנען קיין שטייער, ניט געטאָרט אַרויסגעבן קיין אַלגעמיינע פֿאַראָרדענונג, אויב ער האָט ניט געהאַט דערויף פֿריער דעם הסכּם פֿון די פֿירשטן, וואָס האָבן אים אויסגעקליבן („קורפֿירשטן“ האָבן זיי זיך גערופֿן, פֿונם אַלטן דײַטשן וואָרט „קור“ — וואַל, קלײַבונג).

די פֿירשטן האָבן אַליין געהאַט צו שאַפֿן איבער זייערע הכנסות, זיי האָבן געהאַלטן די גאָלדגרובן און געשלאָגן געלט, גענומען מֶכֶס פֿון די יריד׳ן, פֿאַר אַריבערגיין איבער אַ טײַך און פֿאַר פֿאָרן אויף די וועגן; זיי האָבן געמעגט בויען פֿעסטונגען און זיי זײַנען געווען די אייבערשטע ריכֿטער אויף זייערע באַזיצונגען. דערהויפּט האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַרויסרוקן די זיבן קורפֿירשטן, וואָס האָבן פֿון סוף 13־טן י״ה געקליבן דעם קיסר. דאָס זײַנען געווען דרײַ גרויסע באַזיצער אויף מזרח — די פֿירשטן פֿון בראַנדענבורג, פֿון זאַקסן און דער קיניג פֿון בעהמען — און פֿיר אויף מערבֿ: די אַרציבּיסקופּן פֿון קעלן, מײַנץ און טריר און דער פֿאַלצגראַף פֿון ריין.

בײַם קלײַבן אַ קיסר פֿלעגן די קורפֿירשטן קודם־כּל האָבן אין זינען, אַז ער זאָל ניט ווערן צו שטאַרק און אַז ער זאָל ניט קאָנען איבערגעבן זײַן מאַכֿט בירושה צו זײַן פֿאַמיליע. דעריבער האָבן זיי עטליכע מאָל בכיוון געביטן די דינאַסטיע. צום סוף 13־טן י״ה האָט מען געקליבן די האַבסבורגער (1272—1308), אָנהייב 14־טן י״ה זײַנען אויף זייער אָרט געקומען די לוקסענבורגער: צו זיי האָט געהערט פֿריער דער געגנט לוקסענבורג אין מערבֿ־דײַטשלאַנד, דערנאָך בעהמען און בראַנדענבורג. די לוקסענבורגער האָבן פֿאַרנומען דעם טראָן, מיט הפֿסקות, 120 יאָר (1308—1437), און דערנאָך זײַנען זיי ווײַטער פֿאַרביטן געוואָרן דורך די האַבסבורגער. די קיסרים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דעה אין דער אימפּעריע, האָבן גע׳דאַג׳עט נאָר וועגן פֿאַרגרעסערן זייער פֿירשטליכן באַזיץ, וואָס זיי פֿלעגן איבערגעבן בירושה. אַזוי האָט רודאָלף פֿון האַבסבורג צוגענומען בײַם בעהמישן קיניג אָטאָקאַר די לאַנדשאַפֿטן וואָס בײַם מיטלסטן דונײַ און בײַ די מזרח׳דיגע אַלפּן; דער געגנט האָט אַמאָל געבילדעט די „מִזרַח׳דיגע מאַרק“ בײַ קאַרל דעם גרויסן. דאָס איז גע־

ווען דער אָנהייב פון עסטרײַך („עסטרײַך“ איז טאַקע דער טײַטש: מזרח'דיגע מדינה). בעהמען גופא האָבן פאַרנומען די לוקסענבורגער, נאָכדעם ווי דאָרט האָט זיך איבערגעהאַקט די פריערדיגע סלאַווישע דינאַסטיע, צו וועלכער אָטאָקאַר האָט אויך באַלאַנגט.

ווען דײַטשלאַנד איז צעברעקלט געוואָרן, האָבן מאַנכע געגנדן אָנגעהויבן פירן זיך אינגאַנצן אומאָפּהענגיג פון דער אימפּעריע.

§ 106. **דער שווייצער בונד.** אינם מיטלסטן טייל פון די אַלפּן האָט זיך געבילדעט אַ זעלבשטענדיגער בונד פון די קליינע בערגיגע געמיינדעס און האַנדל־שטעט. דער פאַרקער דורך די אַלפּן איז אָנגעקומען זייער שווער: וואַנדערער און סחורה־טראַנספּאָרטן האָבן געמוזט גיין טריט בײַ טריט דורך די שמאָלע טאָלן פון די טײַכן און איבער די הויכע בערג־גאַנגען, פון איין מאָנאַסטיר צום צווייטן אָדער צו אַ שלאָס ערגעץ אין וועג. די בערג־אײַנוואוינער האָבן אײַנטיילגענומען אין אַריבערפירן און אָפּהיטן די מענטשן און די סחורה; נאָר גלײַכצײַטיג פלעגן זיי נעמען אַ היפּשן מכס פאַר דורכלאָזן די טראַנספּאָרטן. דערהויפּט האָט געלוינט דער עסק פאַר די אײַנוואוינער פון די פיר וואַלד־קאַנטאָנען (געמיינדעס), וואָס ליגן אַרום דער אָזערע, וואו עס פלייצט אַדורך דער טײַך רייס, אַראָפּפאַלנדיג פון סאַן־גאָטהאַרד (אַזוי הייסט דאָס טאַקע: „די פירוואַלד־שטעטער אָזערע“). די האַבסבורגער זײַנען געוועזן בעלנים צו באַקומען די שליטה איבער דעם וועג; זיי האָבן געזעהן צו באַקומען די געריכטליכע מאַכט איבער די אײַנוואוינער פון די אַלפּן־וועגן, וואָס פירן צום סאַן־גאָטהאָרד.

כדי אָפּצושטופּן די סכנה, האָבן די אײַנוואוינער פון דרײַ וואַלד־קאַנטאָנען געשלאָסן אין 1291־טן יאָר אַן אייביגן פאַרטיידיגונגס־בונד: דער עיקר ציל איז געווען — ניט דערלאָזן צו זיך קיין פרעמדע ריכטער און אָפּהיטן די אייגענע געריכטליכע מנהגים. די לעגענדע דערציילט, אַז דער שיסער ווילהעלם טעל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן זיך פאַרן הוט פון האַבסבורגישן פלאַצהאַלטער, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטאַנג: פון דעם זאָל זיך האָבן אָנגעהויבן דער באַפרייאונגס־קאַמף פון די בערג־לײַט[1]

דער קאַמף האָט זיך פאַרצויגן. ווען מען האָט אין אָנהייב 14־טן י"ה אויפגעהערט קלײַבן די האַבסבורגער פאַר קיסרים, האָבן זיך די שווייצער

---

[1] פרידריך שילער, דער גרויסער דייטשער דיכטער, האָט געמאַכט טעל'ן פאַר אַ העלד פון איינער פון זיינע גרעסטע דראַמעס. (מ. וו.)

דערשלאָגן זייערס: די לוקסעמבורגער האָבן אָנערקענט, אַז די בערג־אײנוואױנער זײַנען אומאָפּהענגיג פֿון װעלכע עס איז סעניאָרן און זײַנען שײך נאָר צו דער אימפּעריע. אַזױ װי די אימפּעריע האָט ניט געהאַט ניט קײן באַאַמטע, ניט קײן מיליטער, האָט דאָס געהײסן, אַז מען האָט זײ אָנערקענט פֿאַר פֿרײַ. באַלד זײַנען צוגעשטאַנען צװײ גרױסע שטעט, צ י ר י ך און ב ע ר ן, װאָס ליגן אױפֿן װעג צום טאָל פֿון רײן. אָט די דאָזיגע פֿאַראײניגונג פֿון די בערגיגע געמײנדעס מיט די אינדוסטריעלע שטעט האָט געשאַפֿן דעם יסוד פֿון ש װ ײ י צ ע ר ב ו נ ד (דער נאָמען שװײץ נעמט זיך פֿון אײן קאַנטאָן מיטן נאָמען ש װ ײ ץ; אָט דעם נאָמען האָט מען אַריבערגעטראָגן אױפֿן גאַנצן לאַנד).

צװײמאָל האָבן די האַבסבורגער אַראָפּגעבראַכט ריטער קעגן דעם בונד, נאָר די קאַװאַלעריע האָט ניט געקאָנט באַשטײן אַנטקעגן די שפּיזן פֿון שװײצער פֿוספֿאָלק, און דער בונד איז געבליבן אומאָפּהענגיג. אַ סך אַ גרעסערער בונד, הגם ניט אַזאַ פֿעסטער, איז אױפֿגעקומען אין צפֿון־דײַטשלאַנד.

§ 107. **די גרױסע דײטשע האַנזע.** אַרום דעם 1000־טן יאָר האָבן נאָר די נאָרמאַנען פֿון סקאַנדינאַװישן האַלבאינזל און פֿון דענע־מאַרק געשיפֿט זיך איבערן צפֿונדיגן און באַלטישן ים. מיט 200 יאָר שפּעטער האָבן זיך אַ לאָז געטון זײ אַנטקעגן די האַנדלס־שיפֿער פֿון די דרומדיגע ברעגעס פֿון די דאָזיגע ימ'ען. אין פֿראַנקרײַך און אין דײַטש־לאַנד האָט זיך פֿאַר דער צײַט געהױבן די אינדוסטריע. די מיטל־אײראָ־פּעאישע סוחרים האָבן געפֿירט אױף צפֿון און אױף דרום, קײן פּױלן און רוסלאַנד, זאַלץ, אױסאַרבעטונגען פֿון זײער מלאכה, װאָלענע שטאָפֿן, לײַװנט, געטראַנקען (װײַן און ביר), און אױך דרומדיגע סחורה, װאָס פֿלעגט קומען פֿון יענער זײַט אַלפּן. די סחורה פֿלעגן זײ דאָרט אױס־בײַטן אױף רױכװאַרג און פֿעל, אױף געהילץ, װאָס זײ האָבן געדאַרפֿט האָבן צום שיף־בױ, אױף קופּער און אײַזן, אױף פֿיש, שמאַלץ, װאַקס, האָניג, פֿלאַקס א. אז. װ.

די דײַטשע סוחרים, װאָס האָבן געהאַלטן אין זײערע הענט דעם מסחר מיטן צפֿון, פֿלעגן זיך אין דער פֿרעמד פֿאַראײניגן אין האַנזעס (זעה § 60). אױפֿן מערב, אין לאָנדאָן און בריגע, איז די האַנזע באַ־שטאַנען פֿון ק ע ל נ ע ר סוחרים; אױף מזרח איז דער מיטלפּונקט פֿון האַנדל געװען די שטאָט װ י ס ב י אױפֿן אינזל גאָטלאַנד, װאָס האָט גע־האַט קאַנטאָרן אױך אין די רוסישע שטעט נאָװגאָראָד און סמאָלענסק.

מער ווי אַלץ האָט געדאַג'עט וועגן דער פֿאַראייניגונג פֿון דער גאַנצער דײַטשער סוחרים'שאַפֿט די שטאָט ליבעק. ליבעק איז געווען דער פֿאַר־מיטלער צווישן דעם ראַיאָן פֿון צפֿונ'דיגן ים און די באַלטישע לענדער: אָנשטאָט צו פֿאָרן מיטן שיף אַרום און אַרום פֿאַזע ברעג פֿון יוטלאַנד פֿלעגט מען אַראָפּלאָדן די סחורה אויף דער יבשה און אַריבערפֿירן די סחורה פֿון ליבעק ביז האַמבורג אָדער צוריק איבערן לאַנד־האַלז. די שטאָט האַמבורג האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, ווײַל זי שטייט בײַם אויסגאַנג פֿון דער עלבע. אין מיטן פֿון 14־טן י"ה האָט ליבעק געבראַכט צו אַ פֿאַראייניגונג פֿון אַלע שטעט, וואָס האָבן געהאַנדלט מיטן צפֿון. אָט דער בונד איז געווען די גרויסע דײַטשע האַנזע.

דער הויפּטציל פֿונם פֿאַרבאַנד איז געווען — בײַצוקומען דער פֿרעמדער קאָנקורענץ. קיין איין סוחר, וואָס האָט ניט באַלאַנגט צו דער האַנזע, האָט ניט געקאָנט קומען מיטן ים־וועג קיין נאָווגאָראָד. אַ גרויסע מניעה פֿאַר דער האַנזע איז געווען דענעמאַרק, וואָס ליגט צווישן ביידע ימ'ען. קיניג וואַלדעמאַר IV. האָט פֿאַרנומען דרום־שוועדן, גענומען גאָטלאַנד, צעשטערט וויסבי. דאַן האָבן זיך אין קעלן אויפֿגע־קליבן פֿאָרשטייער פֿון 77 שטעט, כדי זיך צו פֿאַרטיידיגן אינאיינעם. די פֿאַרבינדעטע האָבן אַרויסגעשטעלט אַ גרויסן פּלאַט; אין דער שפּיץ איז געשטאַנען דער ראש פֿון ליבעק. די עסקאַדרע האָט אײַנגענומען די הויפּטשטאָט פֿון דענעמאַרק קאָפּענהאַגען, די דענישע אינזלען, דעם דרומ'דיגן טייל פֿון שוועדן, און נאָך באַצוואונגען דעם קיניג פֿון נאָרוועגיע, וואָס האָט געהאַט געהאָלפֿן די דענער. דאָס איז געווען אין 1370־טן יאָר. די האַנזע האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון איר מאַכט. אירע סוחרים האָבן באַקומען אַלע זכיות אין די סקאַנדינאַווישע לענדער; אַפֿילו דעם טראָן פֿלעגט די האַנזע איבערגעבן, רעכענענדיג זיך מיט אירע אינטערעסן. די האַנזע האָט געשלאָסן אַ גאַנצע ריי לווינענדיגע האַנדלס־אָפּמאַכן מיט אַלע לענדער פֿון פֿינלאַנד ביזן פּירענעאישן האַלבאינזל. בײַ די האַנזע־לײַט איז געגאַנגען אַ ווערטל: „מיר קויפֿן בײַ די ענג־לענדער אַ פֿוקס פֿאַר אַ גראָשן און פֿאַרקויפֿן זיי אַ פֿוקסענעם עק פֿאַר אַ גולדן".

אין דער האַנזע זײַנען אַרײַנגעטראָטן אַלע ברעג־שטעט פֿון דײַטשן צפֿון: אויף מזרח זײַנען די עקסטע מיטגלידער פֿון בונד געווען רעוועל און נאַרווע בײַם פֿינישן אויסגוס, אויף מערב — אַמסטערדאַם. אויך יבשה־שטעט האָבן באַלאַנגט צום בונד, אויב זיי זײַנען געלעגן בײַ גרויסע שיפֿיגע טײַכן, וואָס פֿלייצן אויף צפֿון: דהיינו ברעסלוי, קעלן,

מאַגדעבורג. די האַנזע האָט פֿאַרוואַנדלט די ישובֿים פֿון די דײַטשע סוחרים אין אויסלאַנד אין אירע קאַנטאָרן, ד"ה אָפּטײלונגען, און האָט געגרינדעט נײַע קאַנטאָרן. דערהויפּט זײַנען געווען וויכטיג דער שטאָל־הויף אין לאָנדאָן, דער הויף פֿון הײליגן פּיאָטר אין נאָווגאָראָד און דער ישובֿ אין בערגען, אין נאָרוועגיע.

§ 108. די רעגירונג און די געלערנטע קעגן דער רוימישער קירך. דאָס צעבערקלטע דײַטשלאַנד איז אין 14־טן און 15־טן י"ה געווען דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך אָנגעקליבן די גרעסטע אומצופֿרידנקײַט קעגן דער רוימישער קירך.

אין 13־טן י"ה איז די רוימישע קירך געוואָרן אַ גוואַלדיגע מלוכה איבער אַלע מלוכות, מיט די רײַכסטע הכּנסות און מיט זעער פֿיל באַאַמטע. אין אָנהייב פֿלעגט דער פּויפּסט טענה'ן, אַז מען דאַרף דאָס אַלצדינג האָבן צוליב הויכע צילן, פֿאַר קרייץ־צוגן און פֿאַר דער פֿאַרטיידיגונג פֿונם הײליגן פּעטרוסעס ירושה. נאָר אין 14־טן י"ה האָבן שוין אַלע דערזעהן באַשײַמפּערליך, אַז די פּראַכט און די מאַכט פֿון דער רוימישער קירך איז פֿאַראַן נאָר צוליב דעם, כּדי דער פּויפּסט דער מאָנאַרך מיט זײַנע קאַרדינאַלן זאָל קאָנען לעבן און זיך לאָזן וואוילגיין. דער אמת'ער פּנים פֿון דער רוימישער קירך האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אין דער אינדולגענציע. דאָס איז געווען די מעגליכקײַט צו קויפֿן פֿאַר געלט די פֿאַרגעבונג פֿון אַלע זינד. איינגעפֿירט האָט דאָס פּויפּסט באָניפֿאַציוס VIII., און עס איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע לערע אויף צו באַגרינדן דאָס. מען האָט אויפֿגעוויזן, אַז די קירך פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור מעשים טובים בירושה פֿון קריסטוסן און אַלע הײליגע; דער פּויפּסט איז אימשטאַנד אַריבערצוטראָגן די מצוות אויף די זינדיגע, אויב ער וויל נאָר.

וואו דער קיניג איז געווען שטאַרק, האָט ער געזעהן ניט דערלאָזן, אַז קיין אויסלאַנד זאָלן אַוועקגיין אַזעלכע גרויסע סומעס געלט. אין אָנהייב פֿון 14־טן י"ה האָט פֿיליפּ דער שיינער געוואָלט צונעמען אַ טייל פֿון די קירכליכע הכּנסות פֿאַר זיך; זײַנע לעגיסטן האָט ער אויפֿגעגעבן צו דערווײַזן, אַז דער פּויפּסט האָט אומגעזעצליך פֿאַרכאַפּט פֿאַר זיך אַ צו גרויסע מאַכט. באַלד האָט זיך געמאַכט אַן אַנדער געלעגנהײַט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם פּויפּסטנטום. דער פּויפּסט יאָהאַן XXII., וואָס איז געזעסן אין אַוויניאָן, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיגן פֿאַר אַ דײַטשן קיסר דעם בײַערישן קיניג לודוויק, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך

די קורפֿירשטן; נאָך מער, דער פּויפּסט האָט אַרויפֿגעלייגט אויף גאַנץ דײַטשלאַנד אַן אינטערדיקט (1324). לודוויק האָט ניט נאָכגעגעבן און געפֿלײַסט זיך צונויפֿצורופֿן אַ קאָנציל, וואָס זאָל פֿאַר׳משפּט׳ן דעם פּויפּסט; און צוליב דעם האָבן זיך גענומען אײַנזאַמלען בײַ זײַן הויף די טאַלענטירטסטע און שאַרפֿסטע געגנער פֿונם פּויפּסטנטום.

צווישן זיי זײַנען געווען די פֿראַנציסקאַנער, די אָנהענגער פֿון אַן אָרימער קירך, וואָס האָבן פֿײַנט געהאַט די קוריע פֿאַר איר לוקסוס און איר אויסגעלאַסנקײַט; דערזעלבער פּויפּסט יאָהאַן XXII. האָט דערקלערט, אַז די פֿראַנציסקאַנער זײַנען הערעטיקער, ווײַל זיי לערנען, אַז קריסטוס און די אַפּאָסטאָלן האָבן קיין פֿאַרמעגן ניט געהאַט און אַז דאָס אמת׳ע קריסטנטום הייסט אָפּזאָגן זיך פֿון עולם־הזה. שאַרפֿער פֿאַר אַלעמען איז אַרויסגעטראָטן דער געלערנטער איטאַליענישער יוריסט מאַרסיליוס פֿון פּאַדוע, וואָס האָט געשריבן: „די געלערנטע און די הערשער דאַרפֿן אינאיינעם קעמפֿן קעגן דעם שאָדן, וואָס קומט אַרויס פֿון דער פּויפּסט־ליכער לערע״. מאַרסיליוס האָט געהאַלטן, אַז אין אמונה־זאַכן טאָר קיין שום צוואַנג ניט זײַן; מען קאָן ניט איבערגוואַלד אַרײַנפֿירן אַ זינדיגן אין גן־עדן. די פּויפּסטליכע מאַכט, האָט ער געזאָגט, איז שוין אַריבער אַלע גרעניצן, און דער פּויפּסט איז גאָרניט דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוסעס יורש: פֿון עוואַנגעליום איז ניט צו זעהן, אַז פּעטרוס איז ווען עס איז געווען אין רוים. די גײַסטליכע דאַרפֿן געקליבן ווערן דורכן פֿאָלק, און דאָס פֿאָלק האָט די אייבערשטע דעה אין קירכליכע ענינים.

אויף דעם פּויפּסטס טענות האָבן די קורפֿירשטן געענטפֿערט, אַז קלײַבן אַ קיסר איז זייער זאַך, און זייער אויסדערוויילטער נײַטיגט זיך ניט אין דעם פּויפּסטס הסכּמה. קיסר קאַרל פֿון לוקסענבורג, וואָס איז געקומען נאָך לודוויק פֿון בײַערן, האָט באַשטעטיגט דעם דאָזיגן באַשלוס פֿון די קורפֿירשטן אין אַ באַזונדער כּתבֿ, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען די גאָלדענע בולע (אין 1356־טן יאָר).

אין דערזעלבער צײַט אַן ערך האָט אין ענגלאַנד דער קעניג עדואַרד III. צוזאַמען מיטן פּאַרלאַמענט פֿאַרווערט, בײַ דער האַרבסטער שטראָף, צו אַפּעלירן צום פּויפּסט (זעה § 71); מען האָט אויפֿגעהערט שיקן קיין רוים דעם יאָריגן צינז, וואָס יאָהאַן אָן־אַ־לאַנד האָט בשעתו צוגעזאָגט. פֿאַרטיידיגן די באַשלוסן פֿון פּאַרלאַמענט איז אַרויסגעגאַנגען דער פּראָפֿעסאָר פֿון אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט דזשאָן אואיקליף, אַליין אַ גײַסטליכער. לויט אואיקליפֿס מיינונג האָט די קירך זיך אינגאַנצן אָפּגעקערט פֿון קריסטוסעס לערע: בײַ דער גײַסטליכקײַט דאַרף מען צונעמען גאָר איר

האָב און נוטס; דער פּויפּסט מעג נעמען פֿון די גלויביגע מער ניט ווי נְדָבוֹת. אויך האָט ער ניט קיין באַזונדער כּוח צו אַסר'ן אָדער צו באַשטימען דעם ווילן פֿון מענטשן. דערמיט וואָס ער דערקלערט זיך און די גײַסטליכקײַט העכֿער פֿון זינד, באַגייט ער דווקא די גרעסטע זינד פֿאַר גאָט.

דער פּויפּסט האָט צוגעשיקט אַ פֿאָדערונג, מען זאָל אויקליפֿן משפּט'ן פֿאַר זײַנע העזה'דיגע רייד. אָבער די רעגירונג האָט אים ניט געוואָלט אַרויסגעבן; און ווען אין לאָנדאָן האָבן זיך פֿאָרט צונויפֿגעקליבן ביסקופּן צו משפּט'ן אים, האָט זיך אויף דער זיצונג אַרײַנגעריסן אַ המון שטאָטלײַט און אים באַפֿרײַט. איצטער האָט אויקליף שוין גענומען באַטראַכֿטן די עצם יסודות פֿון דעם גלויבן, וואָס די קאַטוילישע קירך האָט געלערנט. אומזיסט, האָט ער געזאָגט, האַלטן זיך די גײַסטליכע פֿאַר פֿאַרמיטלער צווישן גאָט און די מענטשן; זיי פֿאַרמאָגן ניט קיין שום איבערנאַטירליכע קראַפֿט; זיי זײַנען מערניט ווי לערער. דער מענטש קאָן אַליין דערגיין און אויסגעפֿינען דעם וועג צו ראַטעווען די נשמה; מען דאַרף ניט האָבן קיין אינדולגענציעס, מען דאַרף ניט אַכפּערן קיין הייליגע. דער איינציגער יסוד פֿון גלויבן דאַרף זײַן די הייליגע שריפֿט, די ביבל. כּדי אַלע זאָלן קאָנען פֿאַרשטיין די ביבל, האָט אויקליף זי איבערגעזעצט פֿון לאַטיין אויף דער פֿאָלקסשפּראַך, אויף ענגליש. ער האָט אָנגעהויבן פֿונאַנדערשיקן זײַנע תּלמידים, „די אָרימע גײַסטליכֿע“, איבערן לאַנד, זיי זאָלן פֿאַרשפּרייטן די אמת'ע לערע פֿון דער ביבל און מיט זייער לעבן געבן אַ בײַשפּיל פֿון קריסטליכֿער עניוות.

די אָרימע גײַסטליכֿע זײַנען געווען נאָהענט צום פֿאָלק און האָבן גענומען אַ היפּשן אײַנטייל אין אוֹאָט טײַלערס אויפֿשטאַנד (זעה 91 §). די העכֿערע גײַסטליכקייט האָט פֿאַר'משפּט אויקליפֿן, ווי אַ הערעטיקער, נאָר אים אַליין האָבן זיי ניט אָנגערירט, און ער איז געשטאָרבן אַן אַלטער מאַן; ביז דער לעצטער מינוט האָט ער געאַרבעט און געשריבן.

§ 109. די גרויסע שפּאַלטונג און די פֿאָדערונג פֿון אַ רעפֿאָרם.

גאַנץ אייראָפּע האָט גערעדט אין איין קול, אַז די קירך איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן, און אַז מען דאַרף זי לײַטערן, אָדער אויסבעסערן (רעפֿאָרמירן). נאָר וואָס און ווי אַזוי איבערבײַטן — ווענן דעם איז מען זיך שטאַרק פֿונאַנדערגעגאַנגען.

די פּרעלאַטן אין פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד און דײַטשלאַנד זײַנען געווען

ניט צופֿרידן, וואָס זיי זײַנען אַזוי שטאַרק אָפּהענגיג פֿונם פּויפּסט, וואָס זיי מוזן פֿאָרן קיין רוים, וואָס די קוריע באַרײַסט זיי אַזוי שטאַרק. דאָס רובֿ האָבן געהאַלטן, אַז אַלע ביסקופּן זײַנען גלײַך צווישן זיך; הייסט עס, די אַלגעמיינע קירכלעכע באַשלוסן טאָרן אָנגענומען ווערן נאָר אויף אַלגעמיין־קריסטליכע קאָנצילן. דער קאָנציל איז העכער פֿאַרן פּויפּסט; דער פּויפּסט קאָן נאָר ערפֿילן דעם ווילן פֿון קאָנציל. דערהויפּט האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק ריידן אַזעלכע רייד, ווען עס איז פֿאָרגעקומען די גרויסע שפּאַלטונג פֿון פּויפּסטנטום. נאָכדעם ווי די פּויפּסטן זײַנען אָפּגעווען 70 יאָר אין אַוויניאָן (די צײַט רופֿט זיך דער גלות בבל פֿון דער קירך) האָט זיך די קאָלעגיע פֿון די קאַרדינאַלן צעשפּאָלטן. אַנדערע זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אין רוים, אַנדערע זײַנען געבליבן אין אַוויניאָן, און איטליכער טייל האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיך אַ פּויפּסט (אין 1378־טן יאָר). צווישן די ביידע פּויפּסטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת; ביידע האָבן זיך געווענדט צו דער גאַנצער קאַטוילישער וועלט מיט זייערע אויפֿרופֿן, פֿאַרשאָלטן און אַרײַנגעלייגט אין חרם איינער דעם אַנדערן. די שפּאַלטונג האָט זיך געצויגן לאַנגע יאָרן. אין 1393־טן יאָר האָט די סאָרבאָנע פֿונאַנדערגעשיקט איבער גאַנץ אייראָפּע אַן אָנפֿרעג, ווי אַזוי מען וואָלט געקאָנט מאַכן אַ סוף צו דער שפּאַלטונג. עס זײַנען אָנגעקומען ביז 10000 תשובות, און אויף זיי בויענדיג האָט די סאָרבאָנע אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג, אַז ביידע פּויפּסטליכע געגנער זאָלן זיך אָפּזאָגן און דער סכסוך זאָל פֿאַרענטפֿערט ווערן דורך אַן אַלגעמיין־קריסטליכן קאָנציל.

די דאָזיגע קרענק פֿון דער קירך האָט זיך אַלעמען געוואָרפֿן אין די אויגן. נאָר אין דער געזעלשאַפֿט זײַנען געווען מער אַנטשיידענע שטימען, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ניט נאָר דאָס פּויפּסטנטום איז קראַנק, נאָר די גאַנצע גײַסטליכקייט. דער גרעסטער טייל פּרעלאַטן האָבן געלעבט, ניט וויסנדיג פֿון אַרבעט און מי, ניט פֿירנדיג אַפֿילו קיין גאָטסדינסט; דאָס האָט מען איבערגעלאָזן פֿאַר געדונגענע נישטיגע גײַסטליכע. די אינדוסטריעלע שטאָטלײַט, די קליינע ריטער און די ערדאָרימע פּויערים האָבן ניט פֿאַרגונען די גרויסע גלחים זייער וואוילטאָג און עשירות; עס איז אויפֿגעשוואומען דער געדאַנק וועגן פֿונאַנדערטיילן דעם באַזיץ פֿון דער קירך. נאָך אַ טעם איז געווען, פֿאַרוואָס דאָס פֿאָלק איז געווען אומצופֿרידן פֿון די גײַסטליכע: אַ סך מענטשן האָבן געוואָלט באַקומען בײַ זיי בילדונג, אויפֿקלערונג, און דאָס רובֿ גײַסטליכע און מאָנאַכן זײַנען געווען עמי־הארצים, וואָס האָבן אַליין קיין זאַך ניט געוואוסט. די קירך־

פֿלעגט ערלויבן די ביבל נאָר אויף לאַטיין, און אַ פּשוט'ער בּשר־וָדם האָט בּכלל ניט געטאָרט לייענען די ביבל. אַ סך מענטשן האָבן ניט געוואָלט גיין זיך מתוודה זײַן צו גײַסטליכע, וואָס פֿירן אַזאַ אויסגעלאַסענעם לעבן. אין צײַטן פֿון שווערע פֿאָלקס־אומגליקן, למשל אין דער צײַט פֿון אַ פּעסט, פֿלעגן זיך צונויפֿנעמען חבֿרותאס פֿון פֿלאַגעלאַנטן (ד"ה אַזעלכע, וואָס שמײַסן זיך אַליין, זעלבסטפּײַניגער). שטאַרק אויפֿגערעגטע זײַנען זיי געגאַנגען גרופּעסווײַז איבער די גאַסן פֿון די שטעט, פֿאַרויסגעזאָגט, אַז אָט־אָט גייט אונטער די וועלט, און אָנגעטון זיך די גרעסטע ענוים, כדי אײַנצושטילן גאָטס גרימצאָרן. פֿאַרן פֿײַנינן פֿלעגן זיי זיך אויף אַ קול מתוודה זײַן איינער פֿאַרן אַנדערן.

אַ סך מענטשן האָבן אַליין געזוכט צו דערגיין דעם אמת אין אמונה־זאַכן, דעריבער זײַנען אין פֿאָלק געווען פֿאַרשפּרייט איבערגעזעצטע ביבלען אויף ראָמאַניש, דײַטש, ענגליש, בעהמיש (טשעכיש). צווישן די לעזער פֿון דער ביבל פֿלעגט גרינג אָנגענומען ווערן דער געדאַנק, אַז וועלטליכע מענטשן קאָנען געגליכן זײַן צו גײַסטליכע: ווער עס טוט נאָך קריסטוסן אין זײַנע מעשׂים, דער איז דער אמת'ער גײַסטליכער.

אין דער צײַט פֿון דער גרויסער שפּאַלטונג האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסע פֿאָלקס־באַוועגונג אין טשעכיע.

§ 110. **די הוסיטישע באַוועגונג.** אין 14־טן י"ה האָבן אין טשעכיע געוועלטיגט די לוקסענבורגער. קאַרל IV., „אַ פֿאָטער פֿאַר טשעכיע, אַ שטיף־פֿאָטער פֿאַר דער אימפּעריע", האָט אין 1349־טן יאָר געגרינדעט אין פּראָג אַן אוניווערסיטעט, דעם ערשטן אין דײַטשלאַנד. דאָס האָט צוגעצויגן קיין טשעכיע אַ סך דײַטשן. זיי האָבן באַקומען אַן איבערוואָג סײַ אין אוניווערסיטעט, סײַ אין פּראָגער שטאָטראָט. גלײַכצײַטיג האָט זיך אין לאַנד אײַנגעפֿונדעוועט די שליטה פֿון דער גרויסער און רײַכער גײַסטליכקייט: דער אַרציבּיסקופּ פֿון פּראָג האָט פֿאַרמאָגט 10 שטעט און 400 דערפֿער.

די נײַע בילדונג האָט באַשאַפֿן בײַ די טשעכן אַ געהויבענעם צושטאַנד. אין פּראָג האָבן זיך אויפֿגעקליבן פֿעאיגע פּריידיגער און שרײַבער. דער ריטער שטיטני האָט דער ערשטער גענומען שרײַבן אויף טשעכיש פֿילאָסאָפֿישע ווערק: „דער איבערשטער — האָט ער געזאָגט — האָט ליב די טשעכישע שפּראַך ניט ווינציגער ווי די לאַטיינישע". אין אָנהייב פֿון 15־טן י"ה האָט זיך צווישן די פּריידיגער אויסגעצייכנט יאַן הוס, אַ פּראָפֿעסאָר און רעקטאָר פֿון אוניווערסיטעט. פֿאַר אים זײַנען גע־

שטאַנגען די טשעכישע האַנטווערקער, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די דײַטשישע שטאָטלײַט די נגידים, און די פּויערים, וואָס האָבן פֿײַנט געהאַט די קירך פֿאַר איר לוקסוס. קיניג ווענצעסלאַוו, קאַרל IV. אַ זון, וואָס האָט געוואָלט געפֿינען שטיצע בײַם פֿאָלק, האָט זיך אין דער פֿראַגע פֿון אוניווערסיטעט געשטעלט אויפֿן צד פֿון די טשעכן; ער האָט דערלאָזן, מען זאָל איבערבײַטן די תקנות אויף אַזאַ אופֿן, אַז אויף להבא זאָלן די דײַטשן האָבן אין אוניווערסיטעט אָנשטאָט דריי פֿערטל שטימען ניט מער ווי איין פֿערטל. מלא־חמה זײַנען די דייטשע פּראָפֿעסאָרן און סטודענטן אינגאַנצן אַוועק פֿון פּראָג און האָבן געגרינדעט אַ נײַעם אוניווערסיטעט אין לייפּציג.

אין דער צײַט האָבן טשעכישע סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט אין אָקספֿאָרד, געבראַכט צו פֿירן אוּאיקליפֿס שריפֿטן. יאַן הוס האָט אָנגענומען אייגעם פֿון די וויכטיגסטע פּונקטן פֿונם ענגלישן רעפֿאָר־מאַטאָרס לערע: די גײַסטליכע דאַרפֿן לערנען דעם פֿאָלק קריסטוסעס ווערטער, ניט קיין פֿאַלשע נסים; איטליכער קריסט דאַרף זיך פֿאַרטיפֿן אין דער ביבל, ווײַל דאָס איז דער גאַנצער יסוד פֿון דער אמונה. ווען אין פּראָג איז אָנגעקומען דעם פּויפּסטס בולע, אַז מען זאָל פֿאַרברענען אַלע כתבֿים פֿון אוּאיקליפֿן, האָט דער גרעסטער טייל פֿון אוניווערסיטעט דאָס בשום־אופֿן ניט דערלאָזן. דער פּויפּסט האָט אַרײַנגעלייגט הוסן אין חרם, דער פּראָגער אַרציבּיסקופּ האָט אים פֿאַרשאָלטן, נאָר דער קיניג האָט אים ניט אַרויסגעגעבן. דערווײַל איז הוס אין זײַן פּריידיגן געגאַנגען ווײַטער: ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די אינדולגענציעס, ער האָט דערקלערט, אַז די לערע וועגן דעם פּויפּסטס אומפֿאַרזינדליכקײַט איז אַ חילול־השם; דער פּויפּסט איז דער אַנטיקריסטוס אַליין. דער פּויפּסט האָט אים קיין זאַך ניט געקאָנט טון, בפֿרט נאָך ווײַל די שפּאַלטונג איז גע־גאַנגען אַלץ טיפֿער און מען האָט געוואַרט אויף די החלטות פֿון דעם קאָנציל.

§ 111. די גרויסע קאָנצילן פֿון 15־טן יאָרהונדערט. אין משך פֿון די ערשטע 40 יאָר פֿון 15־טן י"ה זײַנען פֿאָרגעקומען דרײַ קאָנצילן אויף צו רעפֿאָרמירן די קירך. דער ערשטער (אין פּיזע) האָט ניט געבראַכט צו קיין שלום; ער האָט נאָר אַראָפּגעזעצט ביידע שטרײַטנ־דיגע פּויפּסטן און אויסגעקליבן אַ דריטן; נאָר די ביידע פֿריערדיגע בעלנים האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט, און עס זײַנען געוואָרן דרײַ פּויפּסטן אָנשטאָט צוויי. דעם צווייטן קאָנציל האָט צונויפֿגערופֿן קיסר סיגיזמונד, אַ זון פֿון

קאַרל IV. און אַ ברודער פֿונם טשעכישן ווענצעסלאַוו. דער קאָנציל איז פֿאָרגעקומען אין קאָנסטאַנץ, ביי דער באָדענער אָזערע. עס זיינען זיך צונויפֿגעפֿאָרן די פּרעלאַטן פֿון די פֿינף הויפּט־מדינות פֿון אייראָפּע, פֿון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, שפּאַניע און איטאַליע, און געשטימט האָט מען לויט די נאַציעס. די צונויפֿגעקליבענע האָבן באַשלאָסן, אַז דער קאָנציל איז העכער פֿאַרן פּויפּסט: אַלע דריי פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך געריסן פֿאַרן פּויפּסטליכן שטול, האָט מען אָפּגעשאַפֿט, און דער ניי־אויסגעקליבענער פּויפּסט האָט זיך מתחייב געווען אויפֿצורופֿן די קאָנצילן כּסדר אַלע פֿינף יאָר.

די מיטגלידער פֿונם קאָנציל האָבן געוואָלט פֿאַרענטפֿערן אַלע פֿראַגן וועגן דער קריסטליכער לערע. נאָר דיזעלבע פּרעלאַטן און סאָרבאָנע־פּראָפֿעסאָרן, וואָס זיינען געווען אַזוי דרייסט ביים באַגרעניצן די שליטה פֿון די פּויפּסטן, האָבן אין אמונה־זאַכן אַרויסגעוויזן דיזעלבע האַרטקייט, דעמזעלבן דעספּאָטיזם, ווי פֿריער די פּויפּסטן. זיי האָבן פֿאַרשאָלטן אואיקליפֿס נאָמען און גענומען משפּט'ן הוסן, וואָס איז אַליין געקומען צו פֿאָרן אין קאָנסטאַנץ, נאָכדעם ווי דער קיסר האָט אים געגעבן זיין וואָרט, אַז קיינער וועט אים ניט רירן. דער קאָנציל האָט ניט געוואָלט באַטראַכטן דעם תּמצית פֿון הוס'עס שיטה און נאָר געפֿאָדערט, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זיין לערע. הוס ווידער האָט געפֿאָדערט, מען זאָל אים ברענגען ראיות פֿון דער ביבל, אַז ער איז ניט גערעכט. מען האָט אים געענטפֿערט: „אויב דער קאָנציל וועט פּסק'ענען, אַז דו האָסט איין אויג, דאַרפֿסטו אויך זאָגן יאָ“. הוס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, און דאַן האָט מען אים, ווי אַ הערעטיקער, וואָס וויל קיין תּשובֿה ניט טון, „איבערגעגעבן דער וועלטליכער מאַכט“. דעמזעלביקן טאָג האָט מען הוסן, ניט געקוקט אויפֿן קיסר'ס צוזאָג, פֿאַרברענט אויפֿן שייטערהויפֿן (אין 1415־טן יאָר).

דער טויט פֿון יאַן הוסן האָט אַרויסגערופֿן אַן אויפֿשטאַנד אין טשעכיע. דאָס פֿאָלק האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אין גוואַלדיגע מחנות אויף די פֿעלדער און פּראַווען דאָרט דעם גאָטס־דינסט לויטן נוסח פֿון הוסן. די הוסיטן האָבן אַרויסגעשטעלט די פֿיר פּראָגער אַרטיקלען, אין וועלכע זיי האָבן געפֿאָדערט: מען זאָל מעגן פֿריי פּריידיגן גאָטס וואָרט; די אייכאַריסטיע אויף ביידע שטייגערס, ד"ה מיט ברויט און מיט וויין; מען זאָל צונעמען ביי דער קירך איר פֿאַרמעגן און אַזוי אַרום אומקערן זי צו איר אַמאָליגער ריינקייט; מען זאָל באַשטראָפֿן די גייסטליכע פֿאַר זייערע עוולות. די מורדים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען

סיגיזמונדן פֿאַר זייער קיניג, און ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַנטקעגן זיי קרייצטרעגער פֿון דײַטשלאַנד.

דאָ האָבן זיך אין טשעכיע אויף גיך אָנגעהויבן בילדן קריגערישע מחנות, וואָס האָבן געטראָגן אויף זייערע פֿאָנעס דאָס געמעל פֿון אַ בעכער. דער אָנפֿירער פֿון די הוסיטן, דער ריטער זשיזשקאַ, האָט אומעטום צעקלאַפּט די דײַטשע קרייצטרעגער. צווישן די הוסיטן זײַנען פֿון אָנהייב אָן געווען צוויי שיטות. דער אוניווערסיטעט, די מעניאָרן, די רײַכע בירגער פֿון פּראָג זײַנען גרייט געווען צו גיין אויף אַ פּשרה מיט דער קירך, אויב זי וועט מושווה ווערן אויף דעם, אַז וועלטליכע מענטשן זאָלן אויך טאָרן נעמען די אייכאַריסטיע מיטן בעכער (בעכער הייסט אויף לאַטײַן calix, דעריבער האָט מען זיי גערופֿן „קאַליקסטינער‟). אַ סך ווייטער פֿון די קאַליקסטינער זײַנען געגאַנגען די קליינע ריטער, די פּויערים, די בעלי־מלאָכות: זיי האָבן געפֿאָדערט, אַז די איצטיגע גײַסטליכקײַט זאָל באַזײַטיגט ווערן און די נײַע גײַסטליכע זאָלן געקליבן ווערן דורכן פֿאָלק (מען האָט זיי דערנאָך אַ נאָמען געגעבן „טאַבאָריטן‟ לויט דער שטאָט טאַבאָר וואָס זיי האָבן געגרינדעט; „טאַבאָר‟ הייסט אויף טשעכיש אַ באַפֿעסטיגטער מיליטערישער לאַגער). צווישן זיי זײַנען געווען באַגײַסטערטע פּריידיגער, וואָס האָבן פֿאָרויסגעזאָגט, אַז דער סוף פֿון דער וועלט קומט אָן, און געפֿאָדערט, מען זאָל פֿונאַנדערטיילן די ערד, און דאָס גאַנצע אייגנטום זאָל געהערן צום כלל.

דער קאָנציל אין קאָנסטאַנץ האָט אַפֿילו די מעסיגע מענטשן ניט באַפֿרידיגט. דער פּויפּסט, וואָס איז דאָרט אויסגעקליבן געוואָרן, האָט ניט צונויפֿגערופֿן די צוגעזאָגטע קאָנצילן און ניט געטראַכט גאָר וועגן רעפֿאָרמירן די קירך, לויט ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אין קאָנסטאַנץ, „פֿון קאָפּ ביז די פֿיס‟ („capite membrisque‟ ד"ה אייגנטליך „אין קאָפּ און אין די גלידער‟). דעריבער האָבן די אָנהענגער פֿון שינויים געפֿאָדערט, און סוף־כל־סוף גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל צונויפֿרופֿן אַ נײַעם קאָנציל אין באַזעל (1431). קיסר סיגיזמונד און דער באַזעלער קאָנציל זײַנען דורכגעקומען מיט די קאַליקסטינער און דערלאָזן אין טשעכיע די אייכאַריסטיע מיט ווײַן און דאָס פּריידיגן אויף דער פֿאָלקסשפּראַך. די רײַכע און מעסיגע הוסיטן האָבן אָנגענומען די פּשרה, ווײַל זיי זײַנען געווען אָנגעשראָקן פֿון די ראַדיקאַלע פֿאָדערונגען פֿון די טאַבאָריטן. די מעסיגע האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון די טאַבאָריטן און אַליין געהאָלפֿן דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד; דער טאַבאָריטישער חיל מיט זײַנע אָנפֿירער איז אויסגעהרג'עט געוואָרן.

דער באַזעלער קאָנציל האָט זיך צעקריגט מיטן פּויפּסט און קיין ער־פֿאָלג ניט געהאַט. ווען די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך גענומען צום אָפּשאַפֿן די גרויסע הַכְנָסוֹת פֿון דער רוימישער קירך, האָט דער פּויפּסט דערקלערט דעם קאָנציל פֿאַר פֿונאַנדערגעלאָזן. ער האָט געזעהן אַריבערצוציען די פּרעלאַטן אויף זײַן אייגענעם קאָנציל, וואָס ער האָט אויפֿגעקליבן אין פֿלאָרענציע וועגן פֿאַראייניגן די גריכן מיט דער מערבֿ'דיגער קירך.

די סַכָּנה פֿאַר דער פּויפּסטליכער מאַכֿט איז געווען באַזײַטיגט. פּויפּסט פּיאוס II. האָט דערקלערט, אַז די לערע וועגן דעם, אַז די קאָנ־ צילן שטייען העכֿער פֿאַרן פּויפּסט, איז אפּיקורסות; אויף האָט ער מבַטל געווען די פּשרה, וואָס דער באַזעלער קאָנציל האָט געמאַכט מיט די מעסיגע הוסיטן. די גרויסע אַלגעמיינע רעפֿאָרמאַציע פֿון דער קירך, נאָך וועלכער מען האָט אַזוי געגאַרט צום אָנהייב יאָרהונדערט, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

§ 112. **דער אָנהייב פֿון בוכֿדרוקערײַ.** אַזוי ווי די גײַסטליכ־ קייט האָט נאָך אַלץ קנאַפּ וואָס באַפֿרידיגט דעם דאָרשט פֿון פֿאָלק נאָך בילדונג, האָבן אַ סך מענטשן געזוכֿט און געפֿונען זייער אייגענעם וועג. אין די נידערלאַנדן איז אויפֿגעקומען די ברודערשאַפֿט פֿון געמיינזאַמען לעבן, וואָס פֿלעגן איבערשרײַבן ביכֿער און פֿאַרקויפֿן זיי פֿאַר אַ וואָלוועלן מקח. דערהויפּט האָבן זיי פֿאַרשפּרייט די „ביבל פֿון די אָרימעלײַט“. דאָס איז געווען מער אַ זאַמלונג פֿון בילדער, איידער אַ בוך. די וויכֿטיגסטע ערטער פֿון אַלטן און פֿון נײַעם טעסטאַמענט זײַנען געווען צונויפֿגעשטעלט אינאיינעם אין געמעלן, און אונטן פֿלעגט נאָר גיין אַ קורצער פּירוש. געמעלן פֿון דער ביבל, בילדער פֿון די הייליגע (אויך מיט קורצע פּירושים) פֿלעגט מען אויך מאַכֿן אויף באַזונדערע בלעטער. היות עס איז געווען אויף זיי אַ גרויסער נאָכֿפֿרעג, האָט מען זיך דער־ טראַכֿט אויסצואַרבעטן דאָס אויף אַ מעכֿאַנישן וועג: דעם געמעל און דעם טעקסט פֿלעגט מען אויסשנײַדן אויף אַ הילצערנעם טאָוועלע, און די ערטער, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַרויסגיין אויפֿן פּאַפּיר, פֿלעגט מען אויסשניצן אַ ביסל העכֿער. דערנאָך פֿלעגט מען די בולט'ע שטעלן אָנ־ שמירן מיט פֿאַרב און צוקוועטשן צו דעם דאָס פּאַפּיר. אָט דאָס איז גע־ ווען דער אָנהייב פֿון דרוקערײַ.

אין די 30־ער יאָרן פֿון 15־טן י"ה איז דער גאָלדשמיד און שניצער גוטענבערג, אַ געבוירענער פֿון מײַנץ, געפֿאַלן אויפֿן שכֿל, אַז איידער שניצן פֿון האָלץ גאַנצע זײַטן, איז גלײַכֿער אויסשניצן איינצלנע

אותיות און צונויפֿשטעלן זיי לויט ווי מען באַדאַרף. אויך האָט גוטענ־בערג אָנגעהויבן ניצן פֿאַר זײַנע אַרבעטן אַ פּרעס. דאָס ערשטע בוך, וואָס איז אַרויס אין 1546־טן יאָר פֿון דער דאָזיגער טיפּאָגראַפֿיע, איז געווען אַ לאַטײַנישע ביבל. דערנאָך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן קיסר יוס־טיניאַנס „קאָרפּוס יורים" (זעה § 9).

דאָס דרוקן האָט מעגליך געמאַכט אָנצוגרייטן אַ סך עקזעמפּלאַרן מיט אַ מאָל, און דורך דעם איז דאָס בוך בעוואָרן אָן אַ שיעור ביליגער. די צווייטע זאַך, וואָס האָט וועלוועלער געמאַכט דאָס בוך, איז געווען דאָס, וואָס מען האָט אויסגעפֿונען דאָס פּאַפּיר. פֿריער פֿלעגט מען שרײַבן און דרוקן אויף פּאַרמעט, וואָס האָט געקאָסט זעער טײַער; איצטער האָט מען גענומען אויסאַרבעטן פּאַפּיר פֿון שמאַטעס. אויף אַזאַ אופֿן איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ נײַער מעכטיגער מיטל איבערצוגעבן געדאַנקען און צו פֿאַרשפּרייטן קענטעניש צווישן דעם ברייטסטן עולם.

14. איטאַליע. די נייע אויפֿקלערונג.

§ 113. נאָכדעם ווי די שטויפֿער זײַנען געפֿאַלן, צום סוף פֿון 13־טן י"ה, האָבן אויפֿגעהערט די וואַנדערונגען פֿון די דײַטשע קיסרים קיין איטאַליע, און איר פֿאַרבינדונג מיט דער אימפּעריע האָט זיך איבערגעריסן. אין דער צײַט זײַנען אין צפֿון־איטאַליע אויפֿגעקומען עטליכע שטאַרקע שטעט, וואָס איטליכע איז געווען אַ רעפּובליק פֿאַר זיך; די וויכטיגסטע פֿון זיי זײַנען געווען די דריי האַנדלס־ און ים־שטעט, ווענעציע, פּיזע און גענוע, און די צוויי יבשה־שטעט מילאַן און פֿלאָרענציע.

§ 114. **ווענעציע און גענוע.** קיין אַחדות צווישן די מדינות איז ניט געווען. גענוע האָט צוגענומען בײַ די פּיזאַנער קאָרסיקע און סאַרדיניע, צעשטערט זייער פֿלאָט, צעשטערט דעם האַפֿן און אָפּגעשלאָגן די קונים. ווענעציע און גענוע האָבן כמעט אָן אויפֿהער געפֿירט מלחמות. ווענעציע האָט געהאַט גוואַלדיגע טובות פֿון דעם, וואָס די קרייצטרעגער האָבן אײַנגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1204־טן יאָר (§ 66); פֿאַרקערט, די גענועזער האָבן געהאָלפֿן די קיניגן פֿון קליין־אַזיע, די פּאַלעאָלאָגן, אַרויסצוטרײַבן אין 1261־טן יאָר די קרייצטרעגער פֿון ביזאַנץ; פֿאַר אַ דאַנק האָבן זיי באַקומען כיאָס און לעסבאָס. דאַן האָבן די ווענעציאַנער אָנגעהויבן העלפֿן די טערקן אַנטקעגן ביזאַנץ. צום סוף פֿון 13־טן י"ה האָט דער ווענעציאַנישער פֿלאָט אין אַ ים־שלאַכט געהאַט פֿון די גענועזער אַ שווערע מפּלה. מיט הונדערט יאָר שפּעטער איז די איבערוואָג ווידער

אַריבער צו װענעציע. זי האָט איצט געװעלטיגט אין אַדריאַטישן ים. װע־נעציע האָט פאַרנומען די יאָנישע אינזלען, קרעטע, שפּעטער קיפּראָס; אין ים־האַנדל איז קײנער ניט געװען גלײַך צו איר.

אין בײדע רעפּובליקן האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אַריסטאָקראַטישע מלוכה־אָרדענונג. בײַ די שװערע און ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, אין די ים־שלאַכטן און אין די האַנדלס־אױפטוען האָבן זיך אױסגעצײכנט עט־ליכע ענערגישע משפּחות, װאָס זײַנען שטאַרק רײַך געװאָרן און אָנגעהױבן געװעלטיגן איבער דער איבעריגער באַפעלקערונג. אין װענעציע איז דער גרױסער ראָט באַשטאַנען פון נאָבילן (ד״ה יחוס׳דיגע), װאָס פלעגן איבערגעבן זײער אַמט בירושה. אין אָנהײב פון 14־טן י״ה איז דאָרט געגרינדעט געװאָרן דער ראָט פון צעהן, אַ מין אינקװיזיציע, װאָס פלעגט צונעמען געהײמע מסירות און אַכטונג געבן אױפן דאָדזשע (הער־צאָג), אױף די נאָבילן און אַלע אַנדערע בירגער; מענטשן, װאָס מען פלעגט פאַקן אָדער חושד זײַן, אַז זײ האָבן אין זינען אַרױסצוטרעטן קעגן דער רעגירונג, פלעגט מען באַלד איבערגעבן צום תּלין אין די הענט.

§ 115. **פלאָרענציע.** די פלאָרענטינער מײַסטער האָבן אױס־געאַרבעט זײַדנס און איבערגעאַרבעט אױף פײַנע סאָרטן די גראָבע װאָלענע שטאָפן, װאָס מען פלעגט ברענגען פון די ירידן פון שאַמפּאַניע (זעה § 96). פאַרשפּרײטנדיג די דאָזיגע סחורה, האָבן די פלאָרענצער פאַר־קניפּט באַציאונגען מיט אַלע לענדער פון אײראָפּע און זײַנען געװאָרן געלט־פאַרמיטלער צװישן איטאַליע און די לענדער פון יענער זײַט אַלפּן. דעם גרעסטן געלט־אױסקער אין אײראָפּע האָט געמאַכט די רױמישע קור־יע; די פלאָרענטינער האָבן ביסלעכװײַז אַרױסגעשטופּט בײַ דער קוריע אַלע קאָנקורענטן און זײַנען געװאָרן אירע הױפּטבאַנקירן. די פלאָרענצער האָבן די ערשטע אָנגעהױבן שלאָגן גאָלדענע מטבעות (פלאָרינען).

אין 13־טן י״ה האָבן אין פלאָרענציע (איטאַליעניש: „פירענצע") גע־װעלטיגט די נאָבילן, ד״ה די ריטער פון די טאָסקאַנישע שלעסער: זײ זײַנען געװען גיבעלינען, געשטאַנען פאַר די שטױפער, װײַל דער קיסר איז געװען זײער שוץ קעגן די אױפשטײַגנדיגע סוחרים און די פּױפּסטליכע באַנקירן. פאַרקערט, די אינדוסטריעלערס און סוחרים זײַנען געװען גװעלפן, אַ פּױפּסטליכע פּאַרטײ; צו זײ זײַנען צוגעשטאַנען אױך די בעלי־מלאָכות, װײַל זײ זײַנען געװען אָפּהענגיג פון די סוחרים, װאָס האָבן פאַרקױפט זײערע אױסאַרבעטונגען (זעה § 71). צום סוף פון 13־טן י״ה, װען די פּױפּסטן האָבן ענדגילטיג מנצח געװען די קיסרים, האָט אין פלאָרענציע

אויך געזיגט די פּויפּסטליכע פּאַרטיי: זי האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די נאָבילן און אײַנגעשטעלט אַ נײַעם סדר (אין 1292־טן יאָר). דער העכסטער שטאָט־ראָט, די סיניאָריע, איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿון די פּריאָרן, ד״ה פֿון די עלטסטע פֿון די צעכן, וואָס פֿלעגן אויסגעקליבן ווערן דורך די באַזיצער פֿון די קאַנטאָרן, קראָמען און וואַרשטאַטן. 6 מאָל אַ יאָר פֿלעגט דער ראָט באַנײַט ווערן. אויף די נאָבילן האָט מען אַרויפֿגעלייגט דרײַפֿאַכע שטײַערן; אין די דערפֿער האָט מען אָפּגעשאַפֿט די לײַבקנעכטשאַפֿט, און די פּריצים האָבן פֿאַרלוירן די אומזיסטע אַרבעטער. די ערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו די נאָבילן, האָבן צום גרעסטן טייל צוגענומען די אינדוסטריעלע שטאָט־לײַט. אַ סך אַלטע יחוס׳דיגע משפּחות זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שטאָט.

איינער פֿון די פֿאַרטריבענע גיבעלינער, דער פּאָעט דאַנטע אַליגיערי, האָט באַוויינט די אַלטע פֿלאָרענציע. אין זײַן פּאָעמע „די געטליכע קאָמעדיע“ משפּט דאַנטע די מענטשן פֿון זײַן צײַט. דאָס איז אַ דערציילונג וועגן זײַנע דמיונות: אין דמיון באַזוכט ער דעם גיהנום, דעם „לײַטער־בראַנד“ (איטאַל. purgatorio) און דעם גן־עדן. אין גיהנום האָט ער געזעהן די פּויפּסטן: איינער פֿון זיי איז געווען ביזן האַלז אין אַ געלטזאַק. ער האָט געזעהן די פֿלאָרענצער באַנקירן, וואָס קומען דאָרט אָפּ פֿאַר נעמען פּראָצענט. די גרעסטע רשעים זײַנען בײַם שׂטן צווישן די ציינער: דאָס זײַנען — יהודה איש־קריות, וואָס האָט פֿאַרראָטן קריסטוסן, און ברוטוס מיט קאַסיוסן, די מערדער פֿון צעזאַרן, וואָס איז דאָ צוגעגליכן צו קריסטוסן. דער טעם איז, וואָס צעזאַר איז אַזוי צו זאָגן דער ערשטער צווישן די קיסרים, און די קייזערליכע מאַכט איז פֿאַר דאַנטען אַ סימבאָל פֿון דער גוטער אַלטער צײַט, וואָס די פּויפּסטן מיט די גוועלפֿן האָבן פֿאַראומווערדיגט.

§ 116. **די מעדיטשי׳ס.** ביסלעכווײַז האָבן זיך אין פֿלאָרענציע אַרויסגערוקט עטליכע גאָר רײַכע באַנק־הײַזער. וואָס רײַכער אַזאַ באַנק איז געווען, אַלץ מער האָט זי געהאַט בעלי־חובֿות צווישן די הענדלער און מײַסטער; אַלץ אַ גרעסערע השפּעה האָט זי געהאַט בײַ די וואַלן אין דער סיניאָריע, און אַלץ מער האָט געקאָנט שטײַגן איר וואָג און ווערדע אין דער רעפּובליק. אַרום 1400־טן יאָר איז דאָס רײַכסטע הויז געוואָרן די באַנק פֿון דער פֿאַמיליע מעדיטשי.

אין די 30־ער יאָרן פֿון 15־טן י״ה האָבן זייערע שונאים דערשלאָגן זיך אַ גירוש־באַפֿעל קעגן דעם ראש פֿון דער פֿאַמיליע, קאָזימאָ מעדיטשי.

נאָר פֿון דעם קלאַפּ האָט זיך פֿאַר קאָזימאָ'ן אויסגעלאָזן אַ נצחון: מען האָט אים צוגענומען אין ווענעציע און אין אַנדערע ערטער, ווי אַ הערשער, ווייל אומעטום זיינען אין די געשעפֿטן געווען אַריינגעלייגט גוואַלדיגע קאַפּיטאַלן פֿון דער פֿירמע מעדיטשי. אָבער פֿלאָרענציע גופֿא האָט זיך אויך ניט געקאָנט באַגיין אָן דעם פֿאַר'משפּט'ן באַנקיר. אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן פֿאַר אים, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין דער סי־ניאָריע. איצט האָט מען פֿאַרטריבן די געגנער, די משפּחה פֿון די אַל־ביצי'ם מיט זייערע מקורבים, און קאָזימאָ מעדיטשי האָט מען מיט אַ טרי־אומף אומגעקערט צוריק; פֿון דעמאָלט אָן איז ער ביזן סוף פֿון זיין לעבן געווען אין פֿלאָרענציע אַן אמת'ער הערשער (1434—1464).

קאָזימאָ האָט פֿונדעסטוועגן געלעבט ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן און געהאַלטן זיך מעשה־ענוו. אַלע פּאָסטנס, אַלע פֿאַרזאַמלונגען זיינען גע־בליבן ווי פֿריער; נאָר עס האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז עמיצער זאָל פֿאַרנעמען אַ שטעלע קעגן דעם ווילן פֿון די מעדיטשיס. נאָך קאָ־זימאָס טויט איז די מאַכט אָן שום טענות אַריבער צו זיין זון. קאָזימאָס אייניקל, לאָרענצאָ מעדיטשי, האָט זיך אָנגעהויבן רופֿן „דער פּרעכטיגער" — דערזעלבער טיטול, ווי „מאַיעסטעט". די מעדיטשיס זיינען געווען ליבהאָבער פֿון ליטעראַטור און קונסט. זיי האָבן אויסגעבויט אין פֿלאָ־רענציע קלויסטערס און בנינ'ים אין נייעם סטיל, גערעם און ליכטיג. קאָ־זימאָ פֿלעגט צאָלן גרויסע סומעס פֿאַר יקר־המציאות'ן און האָט אויפֿגע־קליבן ביי זיך אין פּאַלאַץ אַ גרויסע ביבליאָטעק פֿון כתבֿ־יד'ן.

§ 117. **די טיראַני.** די ממשלה פֿון די מעדיטשיס איז אַ ביי־שפּיל, ווי אַזוי די רעפּובליק ווערט מגולגל אין אַ טיראַניי. אין 15־טן י"ה האָבן זיך כמעט אין אַלע איטאַליענישע שטעט, אַחוץ ווענעציע, איינ־געפֿונדעוועט טיראַנען. אָפֿטמאָל, ווען די סכסוכים צווישן רייך און אָרים פֿלעגן זיך פֿאַרציען שוין צו־לאַנג, פֿלעגן ביידע צדדים אויסקלייבן אַ שליש מיט אַן אומבאַגרעניצטער מאַכט, ער זאָל מאַכן אָרדענונג (אַזוינעם האָט מען גערופֿן capitano del popolo — ראש פֿון פֿאָלק); דער שליש פֿלעגט זיך שאַפֿן אַ וואַך און איינהאַלטן די מאַכט ביי זיך אין די הענט. אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט אַריינכאַפּן די מאַכט אַ קאָנדאָטיערע, אַן אָנפֿירער פֿון דעם געדונגענעם חיל, וואָס האָט פֿאַרביטן די אַלטע שטאָ־טישע מחנות. אין מילאַן האָט דער קאָנדאָטיערע ספֿאָרצאַ אַפֿילו באַ־גרינדעט אַ דינאַסטיע: נאָך אים האָבן געוועלטיגט זיינע זין.

די טיראַנען האָבן זיך געקאָנט איינהאַלטן אַדאַנק זייער סיסטעם פֿון

שפּיאָנאַזש, אַדאַנק זייערע אומ'ברחמנות'דיגע רדיפות קענען אַלע אמת'ע אָדער כלומרשטיגע געגנער. דער טיראַן פלעגט זעהן שליסן אַ בונד מיט די שכנ'ישע הערשער, אויפקלייבן אַרום זיך אַ הויף פון אָנהענגער, אַריבערציען צו זיך דאָס פאָלק דורך פרעכטיגע יום־טובים מיט סעודות און דורך שיינע בנינים.

צו די איטאַליענישע טיראַנען פון דער צווייטער העלפט פון 15־טן י"ה דאַרף מען צורעכענען די פּויפּסטן אויך. נאָך די קאָנצילן אין קאָנסטאַנץ און באַזעל זיינען זיי ווידער געוואָרן פעסט אין זייער מאַכט. זיי האָבן זיך עוסק געווען נאָר מיט וועלטליכע זאַכן און געשטרעבט צו פאַרגרעסערן די באַזיצונגען פון זייערע נעפּאָטן (קרובים). די פּויפּסטן פון סוף 15־טן י"ה, סיקסטוס IV. און אַלעקסאַנדער VI. באָרדזשיאַ, זיינען געווען פאַרדאָרבענע, אויסגעלאַסענע מענטשן; ביי זיי האָט ניט אויסגעמאַכט אַרופצולייגן אַן אינטערדיקט אויף דעם אָדער אויף יענעם געגנד, כדי אָנצושרעקן די באַפעלקערונג און מאַכן דאָרט זייערע זין פאַר הערשער. פריער פלעגן די פּויפּסטן רופן צו קרייץ־צוגן קעגן די „אומגלויביגע" טערקן; איצט האָבן זיי געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די סולטאַנען, געחנפ'עט זיי, כדי אויפצוהעצן די טערקן קעגן ווענעציע. פּויפּסט אַלעקסאַנדער VI. פלעגט אַרויסגיין אויף דער גאַס, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך פון געדונגענע מערדער; ביי זיין טיש האָט מען פאַרסמ'ט קאַרדינאַלן, וואָס מען האָט חושד געווען, אַז זיי קאָנען מיט וואָס עס איז שאַדן דער פּויפּסטליכער פּאָליטיק.

§ 118. **די נייע בילדונג.** אַלע איטאַליענישע רעגירונגען, סיי די טיראַנען, סיי די פּויפּסטן, סיי די רעפּובליקאַנישע סיניאָריעס האָבן גענדאַרפט האָבן געבילדעטע באַאַמטע, וואָס זאָלן קאָנען האַלטן אַ פען אין האַנט און אַרויסריידן אַ וואָרט. די שטעט און די פירשטן פלעגן כסדר שיקן איינע צו די אַנדערע שלוחים: ביים קבלת־פּנים פלעגן די געקומענע האַלטן לאַנגע רעדעס, און די אָרטיגע פלעגן זיי אויך ענטפערן באַריכות. דעם שכן אָדער דעם פאַרבינדעטן פלעגט מען שיקן אַ פיינעם כתב, אָנגעשריבן מיט אַ מליצה'דיגער שפּראַך; פאַר אַ גרויסן בריה אויף די זאַכן האָט זיך גערעכנט דער קאַנצלער פון דער פלאָרענטינער רעפּובליק סאַלוטאַטי. די טיראַנען האָבן געזוכט שרייבער, וואָס זאָלן קאָנען שילדערן זייערע מעלות און פאַרשוואַרצן זייערע געגנער. די פּויפּסטן האָבן אויך געהאַט קעגן זיך אַ וועלט מיט שונאים, האָבן זיי דעריבער אויך גענדאַרפט האָבן געניטע שרייבער. אַן ערך אין דער צייט פון באַזעלער קאָנציל האָט

לאָרענצאָ וואַלאַ, וואָס האָט געדינט בײַם קיניג פֿון נעאַפּאָל, דערוויזן, אַז „קאָנסטאַנטינס געשאַנק‟ איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ ליגן פֿון די פּויפּסטן. („קאָנסטאַנטינס געשאַנק‟ האָט זיך גערופֿן דער כתבֿ, וואו קאָנסטאַנטין דער גרויסער זאָל כלומרשט האָבן געשריבן, אַז ער גיט איבער די פּויפּסטן די ממשלה איבער דער מערבֿדיגער אימפּעריע). די פּויפּסט־ליכע קוריע האָט דערקענט דעם געפֿערליכן געגנער און אַריבערגעצויגן לאָרענצאָ וואַלאַ'ן צו זיך אין דינסט.

מוסטערן פֿון שיינע רייד און מליצה האָט מען געזוכט בײַ די גרויסע רעדנער און שרײַבער פֿון רוימישן אַלטערטום. נאָר זייערע ווערק זײַנען כמעט אינגאַנצן געווען פֿאַרלוירן. אין אָנהייב 14־טן י"ה האָט מען גע־קענט כמעט נאָר איין ווערגיליוסן. שילדערנדיג זײַנע זעהונגען אויף יענער וועלט, קלײַבט זיך דאַנטע אויס פֿאַר אַ וועגווײַזער דווקא ווערגיליוסן, וואָס פֿירט אים צו ביז דער שוועל פֿון גן־עֵדן. די מענטשן פֿונם דור, וואָס נאָך דאַנטען, האָבן שוין אויסגעזוכט און דערקענט די ווערק און רעדעס פֿון ציצעראָנען. פּעטראַרקע, אַ פֿלאָרענצער פּאָעט פֿון דער ערשטער העלפֿט 14־טן י"ה, האָט געהאַלטן ציצעראָנען פֿאַרן גרעסטן שרײַבער פֿון אַלע צײַטן און פֿעלקער.

אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער פֿאַרלאַנג צו דערגיין די לאַטײַנישע שפּראַך אין אירע אָריגינעלע „מקורים‟, און דעריבער האָט מען גענומען זוכן מיט אַלע כוחות די אַלטע מאַנוסקריפּטן, אין וועלכע עס האָבן זיך אויפֿגעהיט זייערע ווערק. אָפֿטמאָל זײַנען זיי געלעגן פֿאַרוואַלגערט ערגעץ אין אַ העק אָדער בײַ גרויסע עם־הארצים אין די הענט. דער דריטער פֿלאָרענצער פּאָעט, באָקאַטשיאָ, וואָס איז געווען אַ ביסעלע ייִנגער פֿון פּעטראַרקע'ן, אַ פֿלײַסיגער זוכער פֿון אַלטערטימליכקײַטן, דערציילט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו פֿאָרן אין מאָנאַסטיר מאָנטעקאַסינאָ, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זײַן רײַכער זאַמלונג פֿון כתבֿ־ידן. ווען ער האָט געבעטן, מען זאָל אים עפֿענען די ביבליאָטעק, האָט מען אים געוויזן אַ טרעפּ אין אַ ניטפֿאַרשלאָסענעם אַלטן טורעם; דאָרט זײַנען עס געלעגן די ביכער, פֿונ־אַנדערגעוואָרפֿן אָן אַ סדר, באַדעקט מיט שטויב. פֿון אַ סך טײַערע עקזעמפּלאַרן זײַנען געווען אָפּגעריסן בלעטער, און די מאָנאַכן האָבן אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿון פּרנסה וועגן וואַשן זיי אַראָפּ די אַלטע טינט, שרײַבן אָן אויף די פּאַרמעט קאַפּיטלעך תהילים, און די בלעטער פֿאַר־קויפֿן זיי דערנאָך פֿאַר געלט.

אויך האָט מען אין איטאַליע מיט גרויס אינטערעס אָנגעהויבן קוקן אויף די איבערגעבליבענע דענקמאָלן פֿון אַלטערטום, אויף די רעשטן פֿון

רוימישע בנינים און סקולפטורן. אין דער צײַט ווען די פויפסטן זײַנען געזעסן אין אַוויניאָן, אין מיטן פֿון 14־טן י"ה (§ 96) האָט דער יונגער אַדוואָקאַט קאָלאַ די־ריענצי גערופֿן די רוימער, זיי זאָלן אויפֿשטעלן צוריק די אַלטע רוימישע רעפובליק; און אַ הויפטמיטל פֿון זײַן אַגיטאַציע זײַנען געווען רעדעס און שמועסן וועגן די שטיינער און חורבֿות פֿון דעם אַמאָליגן רוים. אַ ביסל שפעטער האָט מען אָנגעהויבן שטודירן און זוכן די ווערק פֿון די אַלטע גריכישע שריפֿטשטעלער. די ערשטע ידיעות פֿון זיי האָבן געבראַכט קיין איטאַליע די גריכן, וואָס זײַנען געקומען צו לויפֿן אַהין, ראַטעווענדיג זיך פֿון די טערקן. דערהויפט זײַנען געקומען פֿיל גריכישע געלערנטע אין דער צײַט פֿון פֿלאָרענצער קאָנציל, וואָס איז אויפֿגערופֿן געוואָרן (אין 1439־טן יאָר), כדי צו פֿאַראייניגן די מזרח'דיגע קירך מיט דער לאַטײַנישער.

§ 119. **די נייע געזעלשאַפֿט.** די פֿעאיגקייט צו ריידן און שרײַבן שיין, אין גײַסט פֿון די רוימישע און גריכישע שרײַבער, האָט מען אָנגערופֿן מיט אַ וואָרט, וואָס איז געווען אָנגענומען שוין בײַ די רוימער — הומאַניטעט (humanitas), ד"ה די השלמה, די האַרמאָנישע אויסבילדונג פֿון אַ מענטשן (שפעטער, אין 16־טן י"ה, האָט מען אין דײַטשלאַנד געמאַכט דערפֿון אַ נײַעם נאָמען פֿאַר די געלערנטע — הומאַניסטן). דעם גרעסטן אינטערעס צום הומאַניזם האָט מען אַרויסגעוויזן אין די דרײַ גרויסע שטעט פֿון איטאַליע: אין ווענעציע צווישן אירע נאָבילן, אין רוים — בײַ דער פויפסטליכער קוריע, דערהויפט אין דער צײַט פֿון ניקאָלאַאוס V. (אין מיטן פֿון 15־טן י"ה), וואָס איז אַליין געווען אַ שרײַבער, געגרינדעט אַ ביבליאָטעק בײַם פויפסטליכן פאַלאַץ, בײַם וואַטיקאַן, און געצאָלט גרויסע געלטער פֿאַר איבערזעצונגען פֿון גריכיש. נאָר מער ווי אומעטום האָט געבליט דער הומאַניזם אין פֿלאָרענציע. איין קרײַז פֿון פֿלאָרענטינער געלערנטע לײַט פֿלעגט זיך אויפֿקלײַבן אינם „גן־עדן־הויז" פֿונם רײַכן אַלבערטי, הינטערן שטאָט; אַנדערע פֿלעגן זיך באַגעגענען אינם שטילן „מאָנאַסטיר פֿון הייליגן גײַסט"; פֿרײַנד פֿון דער אַלטער ליטעראַטור פֿלעגן נאָך קומען צו גיין צום אומפֿאַרמאַטערליכן זאַמלער, דעם סוחר ניקאָלי. אַ סך כתבֿ־ידן, וואָס זײַנען געווען בײַ ניקאָלי'ן, האָט ער איבערגעשריבן מיט זײַן אייגענער האַנט: ער פֿלעגט מיט פֿרייד פֿאַרבעטן צו זיך אין ביבליאָטעק, געבן אַלע דערקלערונגען, און דאָס גרעסטע גליק איז געווען פֿאַר אים, ווען ער פֿלעגט נאָך אַ מענטשן קלאָר מאַכן די פראַכט פֿון דער אַנטיקער ליטעראַטור. אויף

זײַן קאָלעקציע פֿון יקר־המציאות׳ן, וואָס איז געווען זעער גרויס פֿאַר יענער צײַט — ביז 800 מאַנוסקריפּטן — האָט ניקאָלי אויסגעגעבן זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן און געבליבן אַן אָרימאַן: דאַן האָט קאָזימאָ מעדיטשי געעפֿנט פֿאַר אים אַן אומבאַגרעניצטן קרעדיט בײַ זיך אין באַנק. קאָזימאָ האָט אויך געגעבן מיטלען אויף אײַנצואָרדענען אַ שול, וואו מען זאָל שטודירן פּלאַטאָנען; דער זון פֿון זײַן דאָקטאָר פֿיטשינאָ האָט קאָזימאָ ספּעציעל געלאָזט אויסבילדן, כּדי ער זאָל קאָנען איבערזעצן און אויסטײַטשן פֿאַר אים פּלאַטאָנס ווערק.

נאָך איין זאַך איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער נײַער בילדונג: זי האָט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט די פֿרויען. אין דער ריטערליכֿער געזעלשאַפֿט האָבן שוין די פֿרויען אויך פֿאַרנומען אַ חשובֿן אָרט; נאָך מער אינם שטאָט־ און הויף־לעבן פֿון איטאַליע. דאָס רירעווודיגע לעבן האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פֿריערדיגער אָפּגעצאַמטקײַט זייערער; אַ סך פֿרויען האָבן גענומען אַן אײַנטייל אין די געשעפֿטן, אין די גרויסע אויפֿנאַמעס און יום־טובֿים, אין די געלערנטע געשפּרעכֿן און שטודיעס. עס האָט דעריבער געמוזט פֿון זיך אַליין אויפֿקומען דער געדאַנק, אַז די פֿרוי איז בטבֿע פּונקט אַזוי פֿעאיג ווי דער מאַנסביל און זי האָט דאָס זעלבע רעכֿט אויף בילדונג.

דער געדאַנק איז אויסגעדריקט בײַ באָקאַטשיאָ׳ן אין זײַן בוך „דעקאַמעראָן“. דאָס איז אַ זאַמלונג פֿון הונדערט נאָוועלעס. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ שילדערונג פֿון אַ געזעלשאַפֿט פֿון צעהן יונגע דאַמען און הערן, וואָס זײַנען בשעת דער פּעסט אַוועקגעפֿאָרן פֿון פֿלאָרענציע אויף אַ זומער־ווילע. אָנגעקומען דאָרט, קלײַבן זיי אויס פֿון זיך אַ „קיניגין“. אָנשטאָט צו פֿאַרווײַלן זיך מיט פּוסטע שפּילן, לייגט די קיניגין פֿאָר, אַז יעדערער זאָל זאָגן אַ דערציילונג. און אַזוי איז געווען ניט נאָר אין די ביכֿער. אין די געלערנטע געשפּרעכֿן בײַ אַלבערטי׳ן פּלעגן פֿרויען אויך אַרויסווײַזן די גרעסטע קענטעניש און די גרעסטע חריפֿות. אײנער אַ פֿילאָסאָף האָט זיך בעת אַ וויסנשאַפֿטליכן שטרײַט אַרויסגעכֿאַפּט מיט אַזוינע ווערטער: „איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז די פֿלאָרענטינערינס זײַנען אַזוי קלאָר אין פֿילאָסאָפֿיע, אַז זיי זײַנען אַזוי באַהאַוונט אין רעטאָריק און לאָגיק“.

§ 120. **די נײַע קונסט.** דער שטייגער לעבן און די השגות פֿון 15־טן י״ה האָבן באַשאַפֿן אַ נײַעם מין קונסט. די נאָבילן, די רײַכע סוחרים, די באַנקירן און פֿאַבריקאַנטן, די טיראַנען און פּרעלאַטן, וואָס פּלעגן

געבן גרויסע געזעלשאַפֿטן, האָבן ניט געקאָנט באַנוגענען זיך מיט די אַלטע ענגע הײַזלעך, וואו די צימערן זײַנען געווען קליין און ניט באַקוועם. זיי האָבן גענומען בויען גראַמע פּאַלאַצן, מיט ברייטע אַרײַנגאַנגען און ווע־ראַנדעס (לאָזשעס), אַרומגערינגלט מיט סעדער; די האַלבקײַלעכדיגע פֿענס־טער האָבן אַרײַנגעלאָזן אַ סך ליכט אין די גרויסע זאַלן; אינעווייניג זײַנען די צונעם־צימערן געווען רײַך באַפּוצט מיט טעפּיכער און שיינע מעבל.

אין רוים האָט פּויפּסט ניקאָלאַאוס V. באַשלאָסן, לויט די פּלענער פֿונם אַרכיטעקטאָר לעאָנע אַלבערטי, איבערצובויען איבעראַנײַס די גאַנצע אַלטע פֿעסטונג פֿון וואַטיקאַן; צווישן די ברייטע גאַסן, וואו עס וועט ניט זײַן מער די שטיקיגע ענגשאַפֿט פֿון אַמאָליגע צײַטן, האָט מען געזאָלט אויפֿבויען דעם פּויפּסטליכן פּאַלאַץ און אַ גוואַלדיגן נײַעם קלויסטער פֿון הייליגן פּעטרוס. אין פֿלאָרענציע האָט מען אין אָנהייב 15־טן י״ה באַ־שלאָסן צו באַדעקן אַ טייל פֿון דער קאַטעדרע מיט אַ גרויסן קופּאָל. שטאָט האָט אײַנגעאָרדנט אַ באַזונדער באַראָטונג פֿון מײַסטער; אַנדערע האָבן פֿאָרגעלייגט, מען זאָל פֿון אינעווייניג אויסבויען רישטאָוואַניעס ביז אויבן, זיי זאָלן האַלטן דעם קופּאָל, נאָך אַנדערע — אַז מען זאָל אָנ־וואַרפֿן פֿון דרויסן בערג פֿון ערד ביזן שפּיץ. דער אַרכיטעקטאָר ברונע־לעסקי האָט אָפּגעוואָרפֿן די אַלע אומבאַהאָלפֿענע עצות. ער האָט גע־מאַכט קונציגע באַרעכענונגען — און אויסגעפֿונען צוריק די קונסט פֿון די רוימער צו בויען געוועלבן, וואָס מען האָט געוועסט פֿאַרגעסן אין דער צײַט פֿון מיטלעלטער.

שטאַרק האָט זיך אויך געביטן דער כאַראַקטער פֿון דער מאָלערײַ און סקולפּטור. די פֿריערדיגע מײַסטער, וואָס פֿלעגן בויען און באַצירן די קלויסטערס, זײַנען געווען בעלי־מלאָכות; זיי האָבן געטון די אַרבעט לויט די אַלטע געוויינטשאַפֿטן און זײַנען געווען פֿאַראייניגט אין גילדעס, אי בויאַרבעטער, אי שניצער, אי מאָלער. איצט איז געוואָרן אַזאַ נאָכ־פֿרעג אויף שיינע און לעבעדיגע געמעלן, אַז עס האָבן געמוזט אויפֿקומען ספּעציעלע קינסטלער אין מאָלן מיט פֿאַרב און אין שניצן פֿון בראָנזע און מירמלשטיין. דער סקולפּטאָר דאָנאַטעלאָ האָט אין 15־טן י״ה צוליב זײַנע סקולפּטורן שטודירט דעם בוי פֿון מענטשליכן קערפּער, זײַנע באַוועגונגען, די שפּאַנונג פֿון די מוסקולן, דאָס שפּיל פֿונם פּנים. דער יונג־געשטאָר־בענער מאַזאַטשיאָ, וואָס האָט געלעבט מיט דאָנאַטעלאָן אין איין צײַט, האָט דער ערשטער אָנגעווענדט די פּערספּעקטיווע אין זײַנע בילדער: די הויפּט־פּאַרשוינען זעהען זיך בולט אַרויס אויפֿן ערשטן פּלאַן, די בײַ־פֿיגורן טרעטן אָפּ אין הינטערגרונד.

די קונסט האָט אין דער צײַט געמאַכט אַזעלכע מערקווירדיגע טריט פֿאָרויס, אַז מען מעג זאָגן, אַז אין דער פֿריערדיגער צײַט איז זי געשטאַנען אויף איין אָרט. דעריבער האָט מען אַ נאָמען געגעבן דער צײַט פֿון 14־טן און 15־טן י״ה אין איטאַליע — ווידעראויפֿלעבונג (אָדער, אויף פֿראַנצויז, רענעסאַנס) פֿון ווויסנשאַפֿט און פֿון קונסט.

15. די גרויסע אויפֿדעקונגען.

§ 121. דער דראַנג פֿון די אייראָפּעער אויף מזרח. פֿון די קרייץ־צוגן אָן האָבן די אייראָפּעער געשטרעבט צו פֿאַרברייטערן זייערע באַציאונגען און ישובֿים איבער די גרעניצן פֿון זייער אייגענעם קאָנטינענט. הגם די קרייצפֿאָרער האָבן שפּעטער פֿאַרלוירן זייער באַזיץ, דאָך האָבן זיך אויפֿגעהויט די האַנדלס־באַציאונגען, וואָס די פֿראַנצויזישע און איטאַליענישע שטעט האָבן געהאַט פֿאַרקניפּט. די גענועזער האָבן פֿאַרנומען דעם פּונקט קאַפֿע אין קרים און זײַנען אַרײַנגעדרונגען צו די וואַנדערנדיגע טאָטערן, וואָס בײַם קאַספּישן ים. די ווענעציאַנער האָבן געפֿירט ווײַטער דעם מסחר מיט מצרים און סיריע און האָבן געשטרעבט דורכצוברעכן אַ האַנדלס־וועג אין דער טיפֿעניש פֿון מיטל־אַזיע און קיין כינע.

צום סוף פֿון 13־טן י״ה איז דער ווענעציאַנער סוחר מאַרקאָ פּאָלאָ דורכגעפֿאָרן מיטן שוואַרצן ים ביז הינטער קאַווקאַז, פֿון דאָרט איבער דער יַבָּשָׁה ביזן פּערסישן ים־אויסגוס און פֿון דאָרט ווײַטער איבער דער יַבָּשָׁה דורך די בערגלענדער און סטעפּעס פֿון מיטל־אַזיע קיין כינע; דאָרט האָבן אין יענער צײַט געוועלטיגט די מאָנגאָלן. דער גרויסער מאָנגאָלישער כאַן האָט גוט צוגענומען די זעלטענע געסט. דרײַ יאָר צײַט איז פּאָלאָ געווען פֿלאַצהאַלטער אין איינער פֿון די כינעזישע פּראָווינצן; סך־הכּל האָט ער מיט זײַנע באַלייטער פֿאַרבראַכט אויפֿן ווייטן מזרח בײַ 20 יאָר. אין דער באַשרײַבונג, וואָס פּאָלאָ האָט צונויפֿגעשטעלט נאָך זײַן אומקערן זיך אַהיים, דערציילט ער וועגן די חידושים, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן: פּאָסט, פּאַפּיר־געלט, לײַכט־גאַז. מאַרקאָ פּאָלאָס ווערק איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן און האָט געגעבן אַ שטויס צו ווײַטערדיגע פֿאָרשונגען.

אין 14־טן י״ה האָט די באַוועגונג פֿון די אייראָפּעער אויף מזרח געגנומען באַגעגענען שוועריגקייטן. פֿון מיטלאַזיע זײַנען אַרויס קריגערישע נאָמאַדן־שבֿטים אין גרויסע מאָסן, וואָס האָבן פֿאַרשפּאַרט דעם וועג. אין

15־טן י"ה האָבן זיי צעשטערט די פֿאָדערשטע קריסטליכע מאַכט אויפֿן מזרח, ביזאַנץ.

§ 122. דער חורבן פֿון ביזאַנץ און די טערקישע מדינה.

ווען מיכאַעל פּאַלעאָלאָגאָס, דער הערשער פֿון ניקעע אין קליין־אַזיע, האָט אַרויסגעשטופּט דעם לאַטייניש קיסר פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (אין 1261־טן יאָר; זעה § 114), איז דער דרומ'דיגער טייל פֿון באַלקאַנישן האַלבאינזל און די אינזלען פֿאָרט פֿאַרבליבן בײַ די פֿראַנצויזישע קרייצפֿאָרער און די איטאַליענישע האַנדלס־רעפּובליקן אין די הענט. דעם גרעסטן טייל פֿון קליין־אַזיע האָבן פֿאַרנומען די טערקן, וואָס האָבן זיך איצט פֿעסטער פֿאַראייניגט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם שֵבֶט אָ ס מ אַ נ ע ן. אויפֿן באַלקאַנישן האַלבאינזל גופא האָט זיך אויסגעשפּרייט די גרויסע מדינה פֿון די ס ע ר ב ן, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ טייל בולגאַריע, מאַקעדאָניע און האָט זיך כמעט ווי צוגערוקט צום אײַגעאישן ים. דער סערבישער קיניג סטעפֿאַן דושאַן האָט געהאַלטן, אַז ער איז העכער פֿאַרן הערשער פֿון ביזאַנץ, און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן ראָמעאישער (ד"ה רוימישער) קיסר. כדי צו האָבן אַ שוץ קעגן די סערבן, האָט ביזאַנץ אין מיטן פֿון 14־טן יאָרהונדערט אַרויסגערופֿן פֿון קליין־אַזיע די טערקן; זיי האָבן פֿאַרנומען גאַליפּאָלי, בײַ די דאַרדאַנעלן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי זײַנען אַרײַן אין אייראָפּע.

דער טערקישער סולטאַן האָט פֿאַרמאָגט אַזוינס, וואָס איז אין יענער צײַט אין ערגעץ אין גאַנץ אייראָפּע ניט געווען: אַ שטענדיגן חיל. דער הויפּט־כוח אין דעם חיל איז געווען דאָס פֿוספֿאָלק פֿון די יאַ ני טשאַ ר ן — פֿון קריסטליכע יתומים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם און זײַנען געווען זעער חשוב בײַם סולטאַן. די טערקן האָבן צעקלאַפּט די סערבן אויפֿן קאָסאָוואָ־פּעלד (אין 1389־טן יאָר) און פֿאַרניכטעט די מדינות פֿון די סערבן און בולגאַרן. צום סוף פֿון 14־טן י"ה האָבן זיי פֿאַרנומען כמעט דעם גאַנצן באַלקאַנישן האַלבאינזל: בײַ ביזאַנץ איז געבליבן נאָר דער ווינקל צווישן די ים'ען לעבן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דער קיסר פֿון ביזאַנץ האָט אָנגעהויבן צאָלן צינז דעם סולטאַן. נאָר באַלד איז אויף זיי גופא געקומען אַ נײַער שונא פֿון מזרח; דאָס זײַנען געווען די מ אָ נ ג אָ ל ן אונטער דער אָנפֿירונג פֿונם „קרומען" ט י מ ו ר, וואָס האָט אויף אַ קורצער צײַט פֿאַראייניגט אונטער זײַן ממשלה דעם גאַנצן גוואַלדיגן שֶטַח פֿון מיטלענדישן ים ביז כינע און פֿון דער וואָלגע־לעפֿצונג ביזן טײַך גאַנגעס. לעבן אַנגאָרע אין קליין־אַזיע האָט טימור צעקלאַפּט די טערקן

(אין 1402) און גענומען אין געפֿענגעניש דעם סולטאַן באַיאַזעט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט געקליבן צו גיין אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

נאָר די טרייסט איז געווען ניט אויף לאַנג. נאָך טימורס טויט האָבן די טערקן באַלד צוגענומען צוריק זייערע פֿריערדיגן באַזיץ. דער קיסר און אַ טייל גריכישע ביסקופּן האָבן אויפֿן קאָנציל אין פֿלאָרענציע אײַנגעשטימט אָנצונעמען די אוניע, ד"ה צו אָנערקענען די איבערמאַכט פֿונם פּויפּסט איבער דער מזרח'דיגער קירך (1439). נאָר דאָס רוב פֿון דער גריכישער באַפֿעלקערונג האָט אויפֿגענומען די אוניע מיט שנאה. די מאָנאַכן האָבן געהאַלטן, אַז גלײַכער שוין אונטערגעבן זיך די טערקן. דער מאָנאַסטיר אַטאָס האָט טאַקע אַזוי געטון.

אין מיטן פֿון 14־טן י"ה האָט דער סולטאַן מחמד II. גענומען באַלעגערן קאָנסטאַנטינאָפּאָל. צום קיסר קאָנסטאַנטין IX. זײַנען געקומען צו־הילף נאָר געצוזער פֿרײַוויליגע; זײַנע אייגענע כוחות זײַנען געווען גאָר קליין. די רײַכע האָבן ניט געוואָלט העלפֿן אַפֿילו מיט געלט און האָבן פֿאַרגראָבן זייערע אוצרות אין דער ערד. פֿון ים, ד"ה פֿון דרײַ זײַטן, האָט מען זיך צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל ניט געקאָנט נעמען. די טערקן האָבן דורכגעהאַקט די פֿעסטע טאָפּעלע מויערן פֿון דער יַבָּשָה־זײַט און אַרײַנגעריסן זיך אין שטאָט; די פֿאַרטיידיגער צוזאַמען מיטן קיסר זײַנען אַלע געפֿאַלן אין שלאַכט. דער סולטאַן איז אַוועק אין קלויסטער פֿון דער הייליגער סאָפֿיע און געהייסן רופֿן אַהין די מוסולמענער; פֿון דאַן אָן איז אָט דער בנין, וואָס יוסטיניאַן האָט אויסגעבויט, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעטשעט אונטערן נאָמען „אײַאַ סאָפֿיאַ". דאָס איז פֿאָרגעקומען אין 1453־טן יאָר.

די טערקן האָבן אַרויסגעשטופּט די ווענעציאַנער פֿון די אינזלען און ים־ברעגעס פֿון קליין־אַזיע און סיריע און האָבן איצט געהאַט די ממשלה איבערן גאַנצן מזרח'דיגן טייל פֿון מיטלענדישן ים. די יבשה־וועגן קיין אינדיע און כינע זײַנען איצטער געווען פֿאַרשפּאַרט פֿאַר די אייראָפּעער. די האַנדלסלײַט האָבן געמוזט זוכן אַ נײַעם וועג פֿאַר זיך — אויב ניט גלײַך, איז אַרום און אַרום, איבערן ים — כדי אײַנצוקויפֿן די מזרח'דיגע סחורה אויפֿן אָרט.

§ 123. **די אָקעאַנישע נסיעות.** אין 13־טן י"ה האָבן די אייראָפּעער דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון די אַראַבער באַקענט זיך מיט די ווערק פֿון אַריסטאָטעלעסן און פּטאָלעמײַאָסן און האָבן דאָרט געפֿונען די שיטה, אַז די ערד איז קײַלעכדיג. אין 15־טן י"ה, ווען דער וועג אויף מזרח איז

פֿאַרשפּאַרט געוואָרן, האָט די דאָזיגע שיטה באַקומען אַ באַזונדער באַדייטונג. ווי באַלד די ערד איז קײַלעכדיג, איז דאָך דערפֿון געדרונגען אָט־וואָס: ווען מען זאָל אַרויספֿאָרן פֿונם מערב־ברעג פֿון אייראָפּע און פֿאָרן כּסדר אויף מערב, מוז מען סוף־כּל־סוף דערפֿאָרן ביז אַזיע. דער פֿלאָרענטינער טאָסקאַנעלי האָט אָנגעצייכנט אַ לאַנדקאַרטע, וואו דער מזרח'דיגער ברעג פֿון אַזיע איז געווען אויסגעמאָלט אַנטקעגן דעם מערב־ברעג פֿון אייראָפּע, אויף יענער זײַט אַנטלאַנטישן אָקעאַן. אַז עס איז פֿאַראַן אין מיטן וועג נאָך אַ גרויסער קאָנטינענט, אַמעריקע, — וועגן דעם האָט מען ניט געהאַט די מינדסטע השגה.

אין יענע יאָרן האָבן שוין די פּאָרטוגאַלער געהאַט אַ שטיקל געניטשאַפֿט אין נסיעות איבערן אָקעאַן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פֿון דעם, וואָס פּאָרטוגאַל האָט געפֿירט מלחמות מיט די מוסולמענער, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן גאַנץ פֿעסט אין צפֿון־אַפֿריקע, נאָכדעם ווי זיי זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון פּירענעאישן האַלבאינזל. די פּאָרטוגאַלער האָבן געוואָלט דערקלײַבן זיך צו די מוסולמענער פֿון ים־זײַט, כּדי אָנצופֿאַלן אויף זיי פֿון הינטן־אַרום. (מען האָט גערעכנט, אַז אַפֿריקע איז אויף דרום אַ סך קירצער). ווען די פּאָרטוגאַלישע שיפֿער זײַנען דערפֿאָרן ביזן גרינעם קאַפּ און אַנטדעקט גווינעע, האָבן זיי זיך שוין פֿאַרגעבן אַ ברייטערן ציל: אָפּשלאָגן בײַ די מוסולמענער דעם האַנדל אויפֿן מזרח און פֿאָרנדיג אַרום אַפֿריקע דערגרײַכן ביז אינדיע. אין די 80־ער יאָרן פֿון 15־טן יאָרהונדערט זײַנען פּאָרטוגאַלער רייזנדערס פֿאַרבײַגעפֿאָרן פֿאַרבײַ דעם דרום־דיגן שפּיץ פֿון אַפֿריקע (דער קאַפּ פֿון דער גוטער האָפֿענונג).

§ 124. **קאָלומבוסעס אונטערנעמונג.** אין יענער צײַט האָט זיך צום קיניג פֿון פּאָרטוגאַל געווענדט אַ גענועזער, קריסטאָפֿאָראָ קאָלאָמבאָ (קאָלומבוס) מיטן פֿאָרשלאָג, אַז ער נעמט זיך אונטער צו מאַכן אַן עקספּעדיציע לויט טאָסקאַנעלים פּלאַן. קאָלומבוס האָט געזוכט האַנדלס־וועגן, נאָר אַגבֿ האָט ער געוואָלט געפֿינען דעם גן־עדן אויף דער וועלט און צונעמען בײַ די מוסולמענער דעם קבֿר פֿון קריסטוסן. ער איז געווען איבערגעצײַגט — און בײַ דער מיינונג איז ער געבליבן ביזן סוף פֿון זײַן לעבן — אַז דער מערב'דיגער וועג קיין אינדיע, צום לאַנד פֿון גאָלד און געווירצן, איז אַ סך קירצער, און אַז ער גייט דורכן אָפֿענעם ים. בלויז צוליב דעם דאָזיגן אײַנגעשפּאַרטן געדאַנק האָט קאָלומבוס זיך געקאָנט באַשליסן אויף אַ זאַך, וואָס האָט פֿאַר אַלעמען אויסגעוויזן צו זײַן אוממעגליך.

דער פּאָרטוגאַלישער קיניג האָט אָפּגעוואָרפֿן קאָלומבוסעס פּלענער; האָט ער זיך געווענדעט צו פֿערדינאַנדן און איזאַבעלען פֿון שפּאַניע. מען האָט אים געגעבן דרײַ קליינטשינקע שיפֿן, מיט אַן עקיפּאַזש פֿון 120 מאַן, וואָס אַ טייל פֿון זיי זײַנען געווען פֿאַרברעכער, אָקאָרשט אַרויסגעלאָזן פֿון טורמע. אָנהייב אויגוסט מאָנאַט פֿון 1492־טן יאָר איז קאָלומבוס אַוועק, און נאָך דרײַ חדשים שיפֿן־זיך האָט ער דערגרייכט אַ ברעג. קאָלומבוס איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דער מזרח'דיגער ברעג פֿון אַזיע, אָדער *אינדיע* (דאָס איז יעמאָלט געווען דער נאָמען פֿאַר כינע, אינדוסטאַן און אינדאָ־כינע). אים האָט ניט געאַרט, וואָס די מענטשן זײַנען דאָ רויט־הײַטיגע; ער האָט זיי אַ נאָמען געגעבן *אינדיאַנער*. אין דער אמת'ן איז דאָס געווען ניט אינדיע, נאָר איינער פֿון די באַהאַמאַ־אינזלען; דערנאָך האָבן קאָלומבוס מיט זיינע שפּאַניער נאָך אויפֿגעדעקט די אינזלען קובאַ און האַאיטי.

ווען קאָלומבוס האָט זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע, האָבן פֿערדינאַנד און איזאַבעלע צוגענומען אים מיט גרויס כבוד. אַצונד האָט מען אים געגעבן אַ גאַנצן פֿלאָט; מיט אים זײַנען אַוועק אַ סך קאַטוילישע ריטער, וואָס האָבן געוואָלט זוכן גליקן אין אינדיע, וואָס האָט געהאַט אַ שם פֿון אַן „עלדאָראַדאָ", פֿון אַ גאָלד־לאַנד. קאָלומבוסעס ערפֿאָלג האָט אַרויס־גערופֿן אַ מורא בײַ די פּאָרטוגאַלער, אַז די שפּאַניער וועלן צוגעמען בײַ זיי דעם וועג קיין אינדיע. ביידע צדדים האָבן זיך געווענדעט צום שליש אין די פֿעלקער־סכסוכים, צום פּויפּסט, און אַלעקסאַנדער IV. האָט אויף דער קאַרטע דורכגעפֿירט אַ ליניע דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן: וואָס אויף מזרח זאָל געהערן צו די פּאָרטוגאַלער, וואָס אויף מערב פֿון דער ליניע — צו שפּאַניע.

§ 125. די אויפֿדעקונג פֿונם וועג קיין אינדיע. הגם קאָלומבוס האָט אויפֿגעדעקט אַלץ נײַע און נײַע מקומות בײַ די ברעגעס פֿון מיטל־ און דרום־אַמעריקע, דאָך האָט מען אין שפּאַניע געוואָרפֿן אויף אים אַן אומ'חן. די שפּאַניער האָבן זיך אַנטוישט: זיי האָבן אַלץ ניט געפֿונען דאָס גאָלדלאַנד, וואָס זיי האָבן געזוכט. דערווײַלע איז דער פּאָרטוגאַלער *וואַסקאָ דע גאַמאַ* אַרומגעפֿאָרן אַרום דעם דרום־שפּיץ פֿון אַפֿריקע; מיט דער הילף פֿון אַראַבישע שיפֿער איז ער פֿאַרבײַגעפֿאָרן פּאַזע דעם מזרח־ברעג פֿון אַפֿריקע און צוגעפֿאָרן צום מאַלאַבאַר־ברעג פֿון אינדוסטאַן. די פּאָרטוגאַלער האָבן געבראַכט צו פֿירן אַהיים גרויסע מאַסן געווירץ און כל'ערליי חפֿצים (1498). אינגיכן האָבן זיי אויפֿגעדעקט נאָך ווײַטער אויף

מזרח דעם אינזל ציילאָן, מאַלאַקע און זייַנען צוגעפּאָרן מיטן ים ביז כינע און צו די זונדע־אינזלען.

אָט דאָס זייַנען אין דער אמת'ן געווען יענע רייַכע לענדער, צו וועלכע די אייראָפּעער האָבן זיך געריסן. די פּאָרטוגאַלישע אויפדעקונגען האָבן געמאַכט צו גאָרנישט קאָלומבוסעס אונטערנעמונג. מען האָט איצט גע־קוקט אויף אים, ווי אויף אַ פּאַרנאַרטן טרוימער; מיט זייַן אייַנרייַדעניש, אַז ער האָט אויפגעדעקט אינדיע, האָט ער אַליין אָפּגעשוואַכט די באַדייטונג פון זייַן גרויסן אויפטו.

§ 126. **די אויפדעקונג פון אַמעריקע.** גאָר אינגיכן איז קאָ־לומבוסעס טעות פאַרריכט געוואָרן דורך נייַע אויפדעקונגען, וואָס האָבן באַוויזן, אַז קאָלומבוס האָט געפונען דעם וועג צו אַ נייַעם, אומגעהייַער־גרויסן קאָנטינענט אויפן מערב, פון וועלכן קיינער האָט ביז דאַן ניט גע־וואוסט. פון דער הייך פון פּאַנאַמער האַלז האָבן די שפּאַניער דערזעהן פון־דאָס־נייַ אַן אומענדליכן וואַסער־פּליין — דעם אָקעאַן, וואָס האָט זיי נאָך אַלץ אָפּגעטיילט פון דער ווירקליכער אינדיע. מאַגעלאַן, אַ פּאָרטו־גאַלער אין שפּאַנישן דינסט, האָט זיך אונטערגענומען אַריבערצושיפן איבער דעם אָקעאַן.

אין 1519־טן יאָר האָט ער זיך מיט פינף שיפן געלאָזן אין וועג אַרייַן אויף דרום־מערב־זייַט מיטן צוועק אַרומצופאָרן פון דרום דעם נייַעם גרויסן קאָנטינענט. ער איז דורכגעפאָרן דורכן דורכגוס, וואָס טראָגט נאָך עד־היום זייַן נאָמען, און איז אַרייַן אינם נייַעם אָקעאַן, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „דער שטילער". ער האָט אים אַרורכגעשפרייַזט אין זייַן גאַנצער ברייט און איז אָנגעקומען בייַ די זונדע־אינזלען. דאָ האָבן די שפּאַניער מיט גרויס פאַרוואונדערונג געפונען פּאָרטוגאַלער, וואָס זייַנען געקומען צו פאָרן פון דער אַנדער זייַט. מאַגעלאַן האָט אויף אַזאַ אופן פאַרענדיגט קאָלומבוסעס אַרבעט און פאַרבונדן אינאיינעם די אויפ־דעקונגען פון די שפּאַניער און פּאָרטוגאַלער.

מאַגעלאַן אַליין איז געטייט געוואָרן אין אינדיע, צוזאַמען מיטן גרעסטן טייל פון זייַנע מיטרייַזנדערס, אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די אָרטיגע אייַנ־וואוינער. נאָר איין שיף פון די פינף, וואָס זייַנען אַרויסגעפאָרן, האָט זיך אומגעקערט אַהיים — דורכן אינדישן אָקעאַן, אַרום אַפריקע. דאָס שיף האָט זיך אומגעקערט אין 3 יאָר אַרום נאָכן אַוועקפאָר. דאָס איז געווען די ערשטע רייַזע אַרום דער וועלט.

די אויפדעקונגען פון סוף 15־טן און אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט

האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אייראָפּע און אַרויסגערופֿן גרויס אינ־טערעס. דער פֿלאָרענטינער אַמעריגאָ וועספּוטשי האָט אין אָנהייב 16־טן י"ה אײַנטיילגענומען אין די שפּאַנישע עקספּעדיציעס און אין זײַנע בריוו צו איינעם פֿון די מעדיטשים געגוי באַשריבן די נײַע וועלט. די דאָזיגע באַשרײַבונג איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן און שטאַרק געלייענט געוואָרן. די נײַע וועלט איז אַזוי פֿאַרקניפּט געוואָרן מיטן נאָמען פֿון איר באַשרײַבער, אַז מען האָט דעם נײַ־אויפֿגעדעקטן קאָנטי־נענט אַ נאָמען געגעבן אַ מ ע ר י ק ע.

דרוק פֿון וו. דרוגולין, לייפּציג.

I

אייראָפּע אין דער צייט פֿון דער פֿעלקער-וואַנדערונג.



מיטל־אייראָפּע אין דער צייט פֿון די קאַראָלינגער (אַרום 888–91 יאָר).



סיריע נאָכן ערשטן קרייצ=צוג.



די תקופה פון די גרויסע אויפדעקונגען.



פארטוגאלישע אויפדעקונגען.   שפאנישע אויפדעקונגען.   ------ קאלומבוסעס ערשטע נסיעה (1492—1493).

—— וואסקא דא גאמאס נסיעה (1497—1499).   -+-+- די נסיעה פון מאגעלאנען מיט זיינע באלייטער ארום דער וועלט (1519—1522).